STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12117

REB NAHMAN BRASLOVER

Jonah Speavack

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יונה ספיוואַק

ר׳ נחמן בראַסלאווער

אין געשטאַלט פון זיין „מעשה מיט די זיבן בעטלערס״

מיט אַן אַריינפיר וועגן ר׳ נחמן בראַסלאווער און זיינע „ספורי מעשיות״
פון ש. ניגער

ווילנע — 1932

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

ווילנער פארלאג
ב. קלעצקין

PRINTEED IN POLAND

Jona Spiwak — Reb Nachman Braslawer.

Drukarnia Wyd. Wileńskie B. Kleckina, Wilno

אַ מתנה מײַן פֿרױ ד אָ ר אַ

און מײַן טאָכטער װ י אָ ל ע ט

עס איז אסור אויפצופירן דאָס דאָזיקע ווערק ווי אַ טעאַטער=שפּיל
אָן דעם רשות פון דעם מחבר.

Copyright by Jonah Speavack, Chicago, Illionis

ש. ניגער

ר׳ נחמן בראסלאווער

אונ זיינע „ספורי־מעשיות״

ר׳ נחמן בראַסלאַווער און זיינע „סיפורי־מעשיות“

ר׳ נחמן בראַסלאַווער — אַ חסידישער גוטער־ייד, אַ צדיק, וואָס ווערט נאָך עד היום פאַרגעטערט פון די בראַסלאַווער, אַ רעליגיעזער פירער, וואָס אין יעדן וואָרט זיינעם האָבן תּלמידים געזוכט הייליקע כּוונות, סודות, סתרי־תּורה — ווי קומט עס, אַז ער זאָל זיך נעמען פאַר אַזאַ „פּשוטער“ זאַך, ווי מעשיות? ווי אַזוי האָט עס געקענט פּאַסירן, אַז גראָד ער זאָל האָבן געשאַפן זאַכן, וועלכע קענען פון אונז אויפגענומען ווערן ריין קינסטלעריש, אַז גראָד ער זאָל האָבן איבערגעלאָזט ווערק, וועלכע דערנענטערן צווישן זיך די עלטערע רעליגיעזע יידישע ליטעראַטור און דאָס נייע ריין־וועלטלעכע יידישע וואָרט? ווי אַזוי איז עס מעגלעך געווען? ווייסן מיר דאָך, אַז עס זענען נישטאָ קיין גרעסערע צוויי היפּוכים, ווי יענע חסידישע וועלט, וועלכע האָט אַרויסגעגעבן פון זיך ר׳ נחמנען, און די נייע יידישע וואָרט־קונסט, וועלכע איז מעגלעך געוואָרן, אַדאַנק די ערגסטע שונאים פון חסידות, די משׂכּילים. היינט ווי אַזוי האָבן זיך געקענט פאַראייניקן אַזעלכע צוויי קאָנטראַסטן, ווי חסידות און ליטעראַטור, און געבן אונז אין רעזולטאַט מעשיות, וועלכע זענען, פון איין זייט, הייליק ביי די בראַסלאַווער חסידים און וועלכע האָבן, פון דער אַנדער זייט, אַ גרויסן ווערט אויך אין אונזערע היינטיקע היינטוועלטיקע אויגן?

כדי צו קענען ענטפערן אויף דער פראגע, מוז מען זיך קלאָר מאכן די שייכות, וואָס איז געווען צווישן א) חסידיש און יידיש, ב) צווישן חסידיש און קינסטלערישקייט און ג) צווישן חסידיש און דעם שורש פון ר' נחמנס סיפורי-מעשיות. ערשט דאַן וועט מען, ווי געהעריק איז, קענען אָפּשאַצן זייער ווערט*).

א

חסידיש און יידיש

חסידות האָט אָפּגעפרישט, אויפגעוועקט און אויף א וווּנדערלעכן אופן באַרייכערט דאָס רעליגיעזע געפיל פון די יידישע מאסן און דעם רעליגיעזן געדאַנק פון זייערע פירערס. חסידות איז געווען אָבער מער ווי א רעליגיעז-מיסטישע באַוועגונג. עס איז געווען א נייער לעבנשטייגער און א נייער סטיל. עס האָט אריינגעבראכט א פרישן אימפּעט און א גרויסע מעכטיקע דרייסטקייט אין דער קאָלעקטיווער שאַפונג פון די מאסן און אין דער אָפּט אומבאַוווּסטזיניקער קינסטלערישקייט פון יחידים.

מיר וועלן זיך אָבער אָפּשטעלן פריער ווי אַלץ אויף דער ווירקונג, וואָס אָט דער נייער כוח אינעם יידישן לעבן האָט געהאַט אויף אונזער פאָלקסשפּראַך.

ער האָט זי רייכער און איידעלער געמאכט, ער האָט זי דערהויבן, ער האָט פאַר איר (און ממילא אויך פאַר דעם גאַנצן יידישן וואָרט-שאַפן) געעפנט נייע, טיפע קוואַלן.

---

*) די היסטאָרישע, ביאָגראַפישע און אַנדערע פאַקטישע דאַטן, וועלכע געפינען זיך אין דער אַרבעט, זענען גענומען (ווען עס ווערט נישט אָנגעגעבן קיין ספּעציעלע קוועלן) פון „שבחי הר"ן", „סיפורי מעשיות פון ר' נחמן בראַסלאַווער", ד"ר ש. א. האָראָדעצקיס „החסידות והחסידים", אברהם כהנאס „ספר החסידות", ש. דובנאָווס „געשיכטע פון חסידיזם", הלל צייטלינס „ר' נחמן מברסלב—חייו ותורתו", „חסידות", ש. צ. זעצערס „וווּנדער-מעשיות פון ר' נחמן בראַסלאַווער" און אַנד.

חסידות האָט אויך לשון-קודש און די ליטעראַטור אויף לשון-קודש אויפגעטרייסלט, צעשטורעמט, באַפרוכפּערט און אָנגעפילט מיט נייע כּוחות. (פון אָט דעם שטאַנדפּונקט איז, אַגב, די עפּאָכע פון חסידות, ווי ווייט איך ווייס, נאָך נישט אויסגעפאָרשט געוואָרן.) אָבער איך רעד דאָ וועגן יידיש. אין דעם באָדן פון דעם יידישן לשון האָט די חסידישע באַוועגונג טיפע שפּורן איבערגעלאָזט און פאַרזייעט אָן אַ שיעור פרישע קערנדלעך. זי האָט געווירקט אויף יידיש, ערשטנס, פּסיכאָלאָגיש און, צווייטנס, ריין שפּראַכלעך.

דער פּסיכאָלאָגישער אויפטו איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מאַמע-לשון איז געוואָרן חשובער, אָנגעזעענער, געהויבענער. אַדאַנק חסידות, איז דער יידישער פאָלקסמענטש געוואָרן ביי זיך תּקיפער; ממילא האָט אויך די שפּראַך פונעם פאָלקסמענטש געקראָגן אַ שענערע עליה. דער למדן איז געוואָרן אויס יחסן, האָט אויך די ליטעראַטור פון די לומדים אָנגעוואָרן די חזקה, וואָס זי האָט געהאַט אויף אַלע העכערע ענינים. און פון יידיש איז צום טייל אָפּגעוואַשן געוואָרן דער שאַנדפלעק פון אַ שפּראַך „פאַר ווייבער און עם-הארצים". דער עם-הארץ אַליין האָט שוין אַגב מער נישט גערעכנט זיך פאַר אַזאַ נחות-דרגא. חסידות האָט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט און אַ האָפענונג אויפצוהויבן זיך אויף אַ העכערער מדרגה. זי האָט אים (אין נאָמען פון בעש"ט) געזאָגט, אַז ער, דער הייליקער בעל-שם-טוב אַליין, האָט זוכה געווען צו זיין אַ פירער ביי יידן נישט ווייל ער האָט „אָנגעשטאָפּט דעם בויך מיט גמרא און פּוסקים", נאָר ווייל ער האָט געדאַווענט מיט גרויס כּוונה, — און דאַווענען מיט כּוונה, זאָגן מיט הארץ אַ קאַפּיטל תּהלים — דאָס קאָן יעדער פּשוטער ייד. חסידות האָט אים (אין נאָמען פון בעש"ט) נאָך מער געזאָגט. זי האָט אים געלערנט, אַז דורך איטלעך וואָרט קען מען זיך באַהעפטן מיט גאָט, און „עס מוז נישט זיין דווקא אַ וואָרט פון תּורה אָדער דאַווענען, עס קאָן זיין אַ וואָרט, וואָס מען זאָגט אַרויס רעדנדיק מיט אַ מענטש אין מאַרק"... און מען

קען דורך דעם דערהויבן ווערן ביז צו דער מדרגה פון א צדיק... „עס קען זיין, אז א מענטש זאל ווערן א גרויסער צדיק, כאטש ער האט נישט געלערנט קיין סך — האט דערקלערט ר׳ נחמן בראצלאווער... און אז דער מענטש, האט ער געזאגט, איז אפילו געפאלן ביז צו דער נידעריקסטער מדרגה, חס-ושלום, קאן ער נאך אלץ באהעפטן זיך מיט גאט און אומקערן זיך צו אים, ווארים ער איז אומעטום (כי מלא כל הארץ כבודו)"...

עס איז, הכלל, נישט געשטאנען מער קיין מחיצה צווישן דעם למדן און דעם „פראסטן" זינדיקן יידן; ממילא האט די שפראך פון די לומדים נישט געקענט שוין זיך אזוי שטארק איי־בערנעמען קעגן „פראסט"-יידיש, בפרט נאך, אז יידיש (און דא גייען מיר איבער צו דער ריין-שפראכלעכער ווירקונג פון חסידות) — האט טאקע אנגעהויבן צו ווערן אלץ איידעלער און פיינער.

אדאנק דער דערנענטערונג און דער באהעפטונג פון די גרויסע יחידים, די רביים, מיט דעם פשוטן המון; אדאנק דעם, וואס חסידות איז געווען אן אייגנארטיקער סינטעז פון גייסטיקן אריסטאקראטיזם און פאלקסליבשאפט פון אינדיווידואליזם און מאסן-עקסטאז, — איז די פאלקס-שפראך געווארן שיער נישט אזוי ווי העברעיש, אן ארגאן פון העכערן גייסטיקן לעבן.

די יידישע שפראך איז באריכערט געווארן מיט נייע, איי־דעלערע ווערטער, מיט נייע, מער יחוסדיקע אויסדרוקן. די חסי־דישע רביים האבן דאך, אזוי ווי די מתנגדישע רבנים, נישט גע־רעדט קיין לשון-קודש, נאר פראסט יידיש, און זייער יידיש איז געווען פון א העכערן סארט, ווייל זיי האבן זיך פארגונען צו רעדן צום פאלק וועגן די גרעסטע און וווּנדערלעכסטע זאכן. איז נישט געווען שוין מער אזא שארפער חילוק צווישן לומדישער שפראך און בעל-עגלה-לשון, צווישן דעם יידיש פון שטעטישע יידן און דעם גראבן לשון פון ישובניקעס. אלע, אויך די פארגרעבטע בעל-מלאכות, די רענדארעס, זענען געזעסן ביים רבינס טיש, גע־הערט דעם רבינס תורה און איינגעהזרט — און אפט אויך באנוצט אזעלכע נייע וווּנדערלעכע ווערטער, ווי מדרגה, ניצוץ, רמז,

הפלא ופלא, פלאי-פלאים, דבקות, התלהבות, התעוררות, התפעלות, תיקון...

דעם רבינס שפראך איז נישט געווען מתנגדיש טרוקן. זיינע רעיונות זענען געקומען פון הארצן, זיינע בילדער זענען געשאפן געווארן פון אן אויפגעוואכטער פאנטאזיע, זיינע געדאנקען זענען געווען וויזיעס, זיינע ווערטער האבן געלויכטן און געברענט, זיי האבן אפט אנגערירט די ווארצלען, די נאקעטע ווארצלען פון דער וועלט, — און דער רבי האט נישט אין לשון-קודש און נישט אין יידיש נישט געקענט זיך מער באנוצן מיט די געוויינלעכע אויסדרוקן, מיט די האלב-פארגליווערטע פסוקים. ער האט זיך גענויטיקט אין א לעבעדיקערער, רייכערער, מער זאפטיקער און מער בילדלעכער שפראך. ער האט געזוכט קלאר צו מאכן דעם פאלק און זיך אליין, נייע, אינטימע, שארפע רעליגיעזע דערפארונגען, ער האט זיך געטובלט אין פרישע גייסטיקע קוואלן — און ער האט געמוזט האבן א פרישע, אן אפגעפרישטע שפראך... האבן די חסידישע רביים אין זייער מינדלעכער תורה אריינגעפלאכטן נייע, אפט פון זיי אליין געשאפענע העברעישע ווערטער און, פארקערט, אין שרייבן (העברעיש) האבן זיי באנוצט אפט יידישע אויסדרוקן. אין געוויסע פאלן האבן זיי געשריבן דורכאויס יידיש — און געשריבן וועגן הויכע און שווערערע ענינים. אזוי ווי פריער די מקובלים, האבן זיי אויך נישט געהיט זיך צו רעדן אדער שרייבן אויף יידיש דווקא פראסט און פאר אלעמען פארשטענדלעך...

זיי האבן זיך נישט געשעמט אפילו צו דאווענען אויף יידיש גון אט פארוואס, זיי איז וויכטיק געווען די אנגענומענע תפילה, דער איינגעשטעלטער נוסח פון סידור. זיי האבן געטענהט, אז „רחמנא לבא בעי״ — גאט וויל האבן אונזער הארץ און אונזער הארץ קען נישט רעדן מיט א פרעמדן מויל, לויט א פריער צוגעגרייטן נוסח. זיי האבן געהאלטן מער פון עבודה ווי פון תורה, און זיי האבן געבענקט נאך לעבעדיקע, פרישע, מסירת-נפשדיקע תפילות.

וועגן דעם בעש״ט ווערט דערציילט, אז ווען ער האט איינמאל געדאוונט אין דארף אין א שייער, האבן די פעסער מיט תבואה, וואס זענען געווען ארום אים, געציטערט פון התלהבות

און געטאַנצט מיט אים אינאיינעם... און אַט וואָס הלל צייטלין גיט איבער וועגן זיין אייגענעם עלטערזיידן, אַ מקורב פון דעם לאַדיער רבין: דאָס איז געווען מוצאי יום-כיפור, האָט דער לאַדיער חסיד געזאָגט צו די איבעריקע חסידים: „היינטיקע תפילות געפעלן מיר נישט. איך האָב אין אונזער היינטיקן דאַווענען נישט געזען דעם אור... מיר האָבן היינט נישט געדאַוונט במסירות-נפש".

— „נו, איז וואָס-זשע טוט מען?" האָבן געפרעגט די חסידים. — „אויב איר ווילט מיך פאָלגן, האָט ער געענטפערט, לאָמיר אַט וואָס טון: לאָמיר ווידער אָפּריכטן יום-כיפור. אפשר וועט זיך דער צווייטער יום-כיפור בעסער איינגעבן. ווער זאָגט עס, אַז נאָר אין דעם צענטן טאָג אין תשרי דאַרף מען תשובה טון? פאַרוואָס זאָל מען נישט אויך תשובה טון אין דעם עלפטן תשרי?" און דער עולם האָט געפאָלגט. וואָרים חסידים זענען נישט קיין טרוקענע מתנגדים, וואָס האַלטן אין איין אַריינקוקן אין לוח און אין שולחן-ערוך.

חסידים, פּראַקטישע חסידים, האָבן געזוכט דעם אור, נישט דעם אות פון דער תפילה. האָבן זיי דערפאַר טאַקע אָפט מתפלל געווען מיט זייערע אייגענע ווערטער. זיי האָבן געדאַוונט פון האַרצן, נישט פון סידור, און זייער האַרצנס-שפּראַך איז געווען יידיש. זענען באַשאַפן געוואָרן וווּנדערלעכע רעליגיעזע לידער, הימנען אויף מאַמע-לשון, נישט קיין ווייבערשע תחינות, וועלכע זענען אויך פריער געווען, נאָר טאַקע אמתע תפילות, — אַזעלכע ווי דער „קדיש" אָדער די „דודע" פון ר' לוי-יצחק באַרדיטשעווער.

די חסידישע רביים האָבן אַליין באַנוצט יידיש פאַר זייערע תפילות, און זיי האָבן אויך די חסידים געהייסן טון אַזוי*). זיי

---

*) צווישן די מתנגדישע גדולים זענען ש[illegible]טער אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן ליב געהאַט אָפּצוטייטשן די תפילות און צו דאַוונען אויף מאַמע-לשון. אַזוי צום ביישפּיל דערציילט יואל ענטין וועגן דעם „האָראָדנעם מגיד", וואָס האָט געוואוינט אין מינסק (אין סוף 19טן יאָרהונדערט), אַז „כדי ז[illegible]ך אַליין צו באַטײַמען

האָבן געוווסט, נישט נאָר געפילט די וויכטיקייט פון טאַטע־לשון, און נישט בלויז די ערשטע, אויך די שפּעטערדיקע חסידישע רביים האָבן עס געוווסט.

ווען לעאָן מאַנדעלשטאַם האָט ר׳ מענדעלע ליובאַוויטשערן פאָרגעשלאָגן, אַז ער זאָל מסכּים זיין אויף אַ דייטשער איבערזעצונג פון סידור, האָט ר׳ מענדעלע אין אַ בריוו אים געענטפערט, אַז עס איז נישט ריכטיק, מען זאָל צווינגען דאָס יידישע פאָלק צו אַ שפּראַך, וועלכע עס פאַרשטייט גאָרנישט, און מען זאָל דורך דעם מבטל זיין זיין אייגענע שפּראַך, יידיש, וואָס ער רעדט שוין אייניקע הונדערט יאָר*).

און דער לאַדיער רבי, ר׳ דוב־בער, וועלכער האָט אויף יידיש פאַרפאַסט אַ ספרל מיטן נאָמען „פּוקח עורים", שרייבט אין דער הקדמה: „...און אַגב איז דאָס איין פּעולה אפילו פאַר דעם למדן, ווייל עס איז געזאָגט אויף מוטערשפּראַך. דרום דערוועקט זיך דאָס האַרץ פון מענטשן צו מקיים זיין וואָס ער זעט" אאַז"וו.

הכּלל, יידיש האָט אין דער תקופה פון חסידות אויפגעהערט צו זיין בלויז אַ „וואָכעדיק" אָדער „ווייבעריש" און „עם־הארציש" לשון. עס איז געוואָרן אַ שפּראַך, וואָס טויג אויך פאַר הויכע ענינים, פאַר הייליקע סודות, טיפע כּוונות.

דאָס דאַוונען, כּדי דאָס דאַוונען אמתדיק דורכצופילן, פלעגט ער יעדעס וואָרט תּיכּף זיך אַליין איבערזעצן אויף יידיש: „רפאנו — הייל אונז, ה׳ — גאָט, ונרפא, — וועלן מיר טאַקע געהיילט ווערן". ער פלעגט זיך אויך ווענדן צו גאָט מיט אייגענע פאַרפאַסטע „יהי־רצונס". למשל, שבת פלעגט ער זאָגן אַ יהי־רצון, עס זאָל זיין אָנגענומען פאַר גאָט גלייך ער וואָלט פון עונג־שבת וועגן געגעסן פלייש און פיש, כאָטש (זייענדיק אַ צער־בעלי־חיימניק, אַ וועגעטאַריאַנער) די דאָזיקע מאכלים זענען צו אים קיינמאָל אין מויל נישט אַריינגענומען. און אויך די יהי־רצונס האָט ער געזאָגט אויף יידיש" („די נייע וואַרהייט", ניו־יאָרק, ערשטן אָקטאָבער, 1925). אָבער דאָס איז געווען אויסנאַמען.

*) ציטירט לויט אַן אַרטיקל פון ש. א. האָראָדעצקי אין „טאָג" פון 16טן אָקטאָבער, 1926, ניו־יאָרק.

עס האָט, אמת, נישט פאַרנומען און נישט געוואָלט פאַרנעמען דעם אָרט פון לשון־קודש. אין דעם פאָלקס רעליגיעזן באַוווסטזיין איז העברעיש געווען און געבליבן לשון־קודש, די שפּראַך פון קדושה, די איינציקע שפּראַך אויף וועלכער אמת הייליקע, אמת וויכטיקע ספרים דאַרפן געשריבן ווערן.

דאָך איז יידיש אויפגעהויבן געוואָרן אויף אַ העכערער מדרגה — מאָראַליש און ריין שפּראַכלעך. מען האָט זיך שוין נישט געשעמט, ווי איך האָב פריער דערמאָנט, אַריינצושטעלן שטיקער יידיש אין העברעיש־אַראַמייאישע ספרים און מאמרים; דער עצם לשון־קודש פון די חסידים איז שטאַרק פאַריידישט געוואָרן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אין העברעיש אַ פּראָצעס, וועלכער איז זייער ענלעך צו דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער מיטלאַלטערלעכער לאַטיין, וועלכע איז שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון די אַרומיקע פאָלקס־דיאַלעקטן.

און נישט נאָר זענען אין דער גערעדטער יידישער שפּראַך אַריין אַסך לשון־קודשדיקע ווערטער, עס איז אויך פאָרגעקומען אַ פאַרקערטע זאַך: יידיש האָט באַפרוכפּערט העברעיש. אַסך נייע ווערטער און טייטשן פון ווערטער, וועלכע זענען אויפגעקומען אין דער אַטמאָספערע פון דעם גערעדטן לשון, זענען איבערגענומען געוואָרן פון דעם חסידישן — און נישט נאָר דעם חסידישן — לשון־קודש. דער עצם ריטם פון העברעיש איז ווייכער, בייגעוודיקער, לעבעדיקער געוואָרן אונטער דער השפּעה פון דעם באַרייכערטן אויסגעאיידלטן, פאַרחסידישטן יידיש...

עס איז געוואַקסן די ווירקונג, די וויכטיקייט, דער ווערט פון יידיש, און ממילא האָט געשטייגט אויך די פעיקייט פון אונזער פאָלקסשפּראַך צו ווערן אַן אינסטרומענט פון נייע, איידעלערע און טיפערע שאַפונגען — די פעיקייט, וועלכע האָט דאַן שוין אָנגעהויבן פאַרווירקלעכט צו ווערן...

ב

חסידיש און קינסטלערישקייט

ייִדיש איז, אַדאַנק דער חסידישער באַוועגונג, געוואָרן אַ בע־סערע ליטעראַרישע כּלי. אָבער נאָך וויכטיקער איז, וואָס עס זע־נען צוגעקומען נייע ניגונים — און נייע שפּילער.

ווי אַלעמאָל אין צייטן פון טיפער אויפרודערונג, פון גייסטי־קע אומרוען און רעליגיעזע עקסטאַזן, — זענען די אויגן פון מענטש געווען דורשטיק צו זען זעונגען; ווונדער זענען געוואָרן אַ גע־וויינלעכע זאַך, געוויינלעכע זאַכן זענען ווונדערלעך געוואָרן („דער גרעסטער נס איז די טבע אליין") — און סיי ביי יחידים, סיי ביים פאָלק האָט זיך צעשפּילט די פאַנטאַזיע, אָט דער טיפסטער קוואַל פון קינסטלערישן שאַפן... איז שוין דערפאַר גופא די רע־ליגיעזע באַוועגונג, וועלכע עס האָט געבראַכט מיט זיך דער בעש"ט, געווען אָן אָנהויב אויך פון אַ קינסטלערישער אויפוואַכונג. אָבער נישט דאָס אַליין. עס האָבן זיך געוויזן גרויסע פּירערס, געהיימניספולע פּערזענלעכקייטן, — און דעם פאָלקס כּוח־הדמיון האָט געהאַט ארום וועמען צו וועבן די גילדענע פעדים פון זיינע ווונדערגעשיכטן. עס זענען צוגעקומען נייע מאָטיוון און נייע העלדן צו די, וועלכע עס האָבן פריער געגעבן די מקובלים. און מען האָט זיך שוין מער נישט געדאַרפט באַנוגענען מיט יוסף דילי־ריינע, מיט דעם אר"י הקדוש, מיט ר' חיים וויטאַל, מיט דעם מהר"ל מפּראָג; עס האָט זיך געעפנט פאַרן פאָלקסמענטש אַ נייער קוואַל פון פאַנטאַזירן און שאַפן: ר' ישראל בעל־שם־טוב און זיינע גרויסע תלמידים.

ר' ישראל בעל־שם־טוב רעכנט זיך פאַר דעם שאַפער פון חסידות: ער איז אָבער געווען אויך איר שאַפונג. און דער וואָס וועט שרייבן די געשיכטע פון חסידישן פאָלקלאָר, וועט מוזן אָנ־הייבן פון איר. נישט פון די פאַנטאַסטישע מעשיות, וואָס זענען

וועגן אים געשאפן געוואָרן, נאָר אפשר טאקע פון זיין לעבנס־געשיכטע. זי אליין איז אונז באקאנט מער פון חסידישע לעגענ־דעס, ווי פון היסטאָרישע דאָקומענטן, און מען קען זאָגן, אז די עצם־געשטאלט פון דעם בעש״ט איז אין א גרויסער מאָס א קונסט־געשטאלט, א פּראָדוקט פון חסידישער פאָלקס־שאפונג. מען ווייסט אפילו נישט, ווען דער בעש״ט איז געבוירן געוואָרן. נאָר איינציקע פאקטן פון זיין לעבן זענען היסטאָריש באגלויבט. די נסים ונפלאות, וואָס זענען דערציילט געוואָרן וועגן דעם בעש״ט און די שפּע־טערדיקע חסידישע רביים, זענען יעדנפאלס נישט וואָרהייט, נאָר דיכטונג. אין אָנהויב זענען זיי, ווי אלע פאָלקס־שאפונגען, געווען תורה שבעל־פה, פאָלקלאָר. שפּעטער זענען זיי פארשריבן, פאר־עפנטלעכט געוואָרן און מיר זענען איצט באטראכטיקט אָנצונעמען זיי פאר א דענקמאָל פון אונזער שריפטלעכער וואָרטקונסט.

זיי זענען פול מיט פאנטאזיעס, מיט וואונדער, מיט סימבאָלן; זיי זענען נישט רעאליסטיש, אָבער איז רעאליזם דען די איינציקע פאָרם פון קונסט? איז דען די אינדישע, די אלט־יידישע, די גריכישע מיטאָלאָגיע, וועלכע איז אזוי אויסטערליש און אזוי ווייט פון דערווירקלעכקייט, נישט קיין פּראָדוקט פון קינסטלערישן שאפן? וואָס זענען דען קונסטווערק? וועלטן, וואָס זענען באפרייט און אויסגעלייטערט געוואָרן פון זייערע צופעליקייטן; רעאליטעטן, וועלכע זענען צוריקגעבראכט געוואָרן צו זייער שורש. אָבער נישט נאָר דאָס אליין. קונסט איז אויך וואָר־געוואָרענער טרוים, אין פלייש און בלוט פארקליידטע זעונג... און אָט דאָס זענען די לעגענדעס וועגן דעם בעש״ט, דאָס זענען אלע אנדערע חסידישע „שבחים״ און וואונדערלעכע געשיכטעס: פּאָעטישע שאפונגען...

און ווייל דאָס איז פּאָעזיע (פון א העכערן אָדער נידערי־קערן סאָרט — אָבער פּאָרט פּאָעזיע), נעמען מיר עס אויף אנדערש און שטעלן עס העכער ווי דאָס רוב ספרים, וואָס זענען אונז גע־בליבן בירושה פון דער רבנישער וועלט. מיר נעמען עס אויף ווי עפּעס, וואָס האָט אין זיך א ניצוץ פון קונסט, נישט ווי א שטיק אלטוואַרג. און עס מאכט נישט אויס, וואָס די חסידישע רביים און זייערע מעשיות האָבן אין פלוג געדארפט זיין ווייטער פון אונז,

ווי די רבנים מיט זייערע ספרים. עס איז נישט וויכטיק, וואָס די חסידישע צדיקים זענען אַלעמאָל געווען שונאים פֿון וועלטלעכער קולטור, בעת די מתנגדישע רבנים האָבן אין דער אייגענער תּקופֿה אַרויסגעגעבן פֿון זיך יחידים, וועלכע האָבן דווקא גראָד געהאַלטן פֿון חכמות חיצוניות, — אַזעלכע ווי דער ווילנער גאון, אָדער דער פּוילישער רב ר' יהודה־לייב מרגליות. דאָס ענדערט נישט די לאַגע. די רבנות האָט אונז מייסטנס איבערגעלאָזט נאָר תּורה, פּילפּול, דרוש, און מיר פֿילן שוין מער נישט קיין טעם אין דעם, מיר לאָזן עס פֿאַר די ישיבות, פֿאַר די יידישע טעאָלאָגישע סעמינאַרן, פֿאַר דער יידישער קולטורגעשיכטע.

אַנדערש איז מיט דעם גרעסטן טייל פֿון חסידישע שאַפֿונגען. מיר קאָנען זיי אַליין נאָך געניסן. חסידישע ניגונים הערן מיר גערן אויף קאָנצערטן און זינגען זיי געשמאַק אויף אונזערע שמחהלעך. דאָס אייגענע איז ריכטיק וועגן די בעסערע חסידישע מעשיות. זיי נערן נאָך עד היום אונזער פֿאַנטאַזיע. זיי באַפֿרוכפּערן (און וועלן נאָך באַפֿרוכפּערן) אונזער נייע ליטעראַטור. און דאָס איז, פֿאַרשטייט זיך, נישט דערפֿאַר, וואָס מיר גלויבן אין די נסים ונפֿלאות, וועלכע ווערן דערציילט וועגן די צדיקים, נאָר פֿאַרקערט, ווייל מיר גלויבן שוין מער נישט. רעליגיעזע וואונדער זענען וואונדערלעכע פֿאַקטן פֿאַרן גלויביקן, פֿאַרן נישט־גלויביקן זענען זיי וואונדערלעכע קונסטווערק.

אויך די מעשיות פֿון תּנ"ך און פֿון דער אינדישער אָדער גריכישער מיטאָלאָגיע זענען פֿאַר אונז שוין מער נישט קיין פֿאַקטן. פֿונדעסטוועגן (אָדער טאַקע דערפֿאַר) האָבן מיר הנאה פֿון זיי. מיר פֿילן אין זיי פּאָעטישע סימבאָליק, בילדלעכקייט, דערציילונגס־קונסט. און אָט אַזוי קוקן מיר איצט שוין אויך אויף די חסידישע וואונדער־געשיכטעס און מיר באַטראַכטן זיי ווי איינעם פֿון די שענסטע רינגען אין דער אַנטוויקלונגס־קייט פֿון אונזער ליטעראַטור. מיר קוקן אויף זיי פֿון אַ קינסטלערישן און ליטעראַריש־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט. (מיר ווייסן, אַז זיי שטאַמען דאָס רוב פֿון פֿאָלק, אָבער קאָלעקטיווע דיכטונג איז אויך דיכטונג.) דער קאָלעקטיווער דיכטער באַנוצט, ווי יעדער אמתער דיכטער, די מיטלען פֿון

אָפקלייב און פארגרעסערונג. און אָט דאָס האָט דאָס פאָלק געטון אויך אין דער תקופה פון חסידות. עס האָט אויסגעטיילט די מענטשן, וועלכע האָבן געוועקט זיין נייגעריקייט, נישט געלאָזט רוען זיין נשמה מיט זייער אַנדערשדיקייט — און דערהויבן זיי ביז צו דער מדרגה פון זיין אידעאַל, פון זיין חזיון. ער האָט פאר שענערט, פארפולקומט די, וועלכע האָבן אָנגעצונדן אין אים א דורשט נאָך שיינקייט און פולקומענהייט... אין דערווירקלעכקייט איז געווען נאָר א ווונק, אַן אָנהויב; איז געקומען דער „קהל חסידים" און מיט זיין שעפערישער פאנטאזיע האָט ער פון ווונק געמאכט א שטיק שלמות, פון דעם אָנהויב — ארויסגעבישופט א מיטן מיט א סוף... אשטייגער, דער בעש"ט איז פלוצלינג נתגלה געוואָרן, אָט ערשט איז ער געווען א פראָסטער ייד און מיטאמאָל איז ער געוואָרן א בעל-מופת, א געטלעכער מענטש. א שיין האָט זיך געוויזן אין דער פינצטערניש, האָט די לעגענדע ווייטער געשפונען דעם פאָדעם און דערציילט, אז דעם בעש"טס געבורט, נישט נאָר זיין התגלות, איז געשען אויף א ווונדערלעכן אופן און אז ווען ער זאָל וועלן, וואָלט ער געקענט אראָפברענגען משיחן... עס האָט אויפגעוואכט די אַלטע בענקשאַפט נאָך די וואָס ווייסן דעם סוד פון דער גאולה, די אייביקע בענקעניש נאָך פירערס און אויסלייזערס. עס האָט זיך ווידער אָנגעצונדן דער באגער צו זען הייליקע נשמות. האָט דאָס פאָלק זיי — מיט דער הילף פון זיין כוח-הדמיון — געזען. עס האָט געברענט ביי אים א דורשט נאָך נסים: זענען (אין דעם פאָלקס פאנטאזיע) געשען נסים... און כ'וויים באמת נישט ווער עס האָט ווען געשאפן: דער רבי די חסידים, אָדער, פארקערט, די חסידים דעם רבין. וואָרים די גרויסע פירערשאפט אליין איז אין א געוויסער מאָס געווען א קינד פון מיטאָס, אַן אויסוווקס פון דעם פאָלקס גאונישער שאפונגסקראפט... איין זאך איז זיכער: אינאיינעם מיט דער באַרייכערונג, דער אָפפרישונג פון דעם רעליגיעזן געפיל איז פאָרגעקומען אין דער תקופה פון חסידות אַן אויסערגעוויינלעכע אויפלעבונג אין דער וועלט פון דער יידישער וואָרט-שאפונג. עס האָט אויפגעוואכט די יידישע קינסטלערישקייט, עס האָט זיך צעשפילט די שעפערישע פאנטאזיע.

ג

חסידיש און דער יידישער פאָלקסמענטש

די ליטעראַטור אויף יידיש איז פון תמיד אָן געווען דער שעפערישער אויסדרוק פונעם פאָלקסמענטש, פונעם פּראָסטן ייד. און דאָס איז געווען אויך חסידות — אַ באַוועגונג, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן נישט פון לומדים און רבנים, נאָר פון „געמיינע לייט", בעל־מלאכות, ישובניקעס, פּראָסטאַקעס. אין דער יידישער ליטע־ראַטור, ווי אין אַ ליטעראַטור פון פאָלקסמאַסן, האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע די פרוי — און אויך אין דער חסידישער וועלט איז די פרוי געווען אָנגעזעענער, חשובער, ווי ביי די מתנגדים. יידיש און חסידיש האָבן, הייסט עס, געהאַט אַ שותפותדיקן סאָציאַלן באָדן, אַ שותפותשע סביבה.

די יידישע ליטעראַטור און די חסידישע באַוועגונג האָבן זיך ביידע גענערט פון פאָלקסקוואַלן. דערפאַר זענען זיי ביידע גאָר אין אָנהויב געווען מער בילדלעך און מער קינסטלעריש, ווי די העברעיש־רבנישע וועלט, וועלכע איז געווען אַ וועלט פון לומדות, חריפות און בקיאות. דאָס יידישע וואָרט האָט אַן אַלטע טראַדיציע פון בילדלעכקייט און קינסטלערישקייט (נישט אומזיסט האָט אגדה אין אונזער יידיש־ליטעראַטור פאַרנומען מער אָרט ווי הלכה.) און חסידות, ווי אַ טיף־רעליגיעזע פאָלקס־באַוועגונג, האָט אויך געזוכט און געמוזט זוכן פאַר זיך בילדלעך־קינסטלערישע אויסדרוק־מיטלען, די יידישע פאָלקסליטעראַטור איז פון אַמאָל אָן געווען אַ ליטעראַטור פון לידער, מעשיות און משלים, אַ ליטעראַ־טור, וואָס האָט גערעדט צום געמיט, צו די חושים — און אויך די חסידישע תורה האָט קיין זאַך נישט געהאַסט אַזוי, ווי טרוקנקייט, עצבות און קאָפּשטיק. אויך זי האָט געוועקט דעם געמיט, די חושים, אויך זי האָט געהייסן זיין לעבעדיק, לוסטיק, פאַרדבקהן

זיך און זינגען און דערציילן מעשיות...*) נישט אומזיסט האָבן אין דער חסידישער וועלט חזנים געשפּילט אַ גרעסערע ראָלע, ווי רבנים, און זאָגן אַ ניגון איז געוואָרן פּונקט אַזאַ געהויבענער ענין, ווי זאָגן תורה. די עצם סביבה פון חסידישע רביים איז (אויף אונזער היינטיקן לשון גערעדט) געווען אַן עמאָציאָנעל-קינסטלערישע סביבה — אַזוי ווי געבוירן פאַר אַזאַ ליטעראַטור ווי די יידישע, פאַר אַ ליטעראַטור, וועלכע איז פון אָנהויב אָן געווען אָנגעזעטיקט נישט אַזוי מיט געדאַנק, ווי מיט געמיט, פאַנטאַזיע און בילדלעכקייט...

און אַזוי איז טאַקע אין דער ערשטער תקופה פון חסידות באַנייט און אָפּגעפרישט געוואָרן די שאַפונגס-קראַפט פונעם פאָלקס כוח-הדמיון, פונעם פאָלקס האַרץ. און מיר זעען טאַקע, אַז ס'איז געווען אַ תקופה פון שפּראַכלעכער, ליטעראַרישער, קינסטלערישער, נישט נאָר רעליגיעזער, אויפלעבונג.

ד

חסידישע פאַרלויפער פון ר' נחמן בראַסלאַווער

באַלד נאָכן טויט פון בעש"ט (און אפשר נאָך פאַר זיין לעבן) האָבן זיך געגומען ווייזן נייע יידישע פאָלקס-מעשיות, אַזוי ווי עס זענען געשאַפן געוואָרן אַן אַ שיעור נייע יידישע ניגונים. ס'איז אויפגעקומען אַ קולט פון מעשיות וועגן רביים, אַזוי ווי עס איז געווען שיער נישט אַ מצוה צו זאָגן אַ ניגון.

ביי די בראַסלאַווער חסידים איז שפּעטער אפילו איינגעפירט געוואָרן אַ תפילה וועגן מעשיות דערציילן. זיי האָבן געבעטן גאָט, אַז זיי „זאָלן זוכה זיין צו דערציילן סיפורי-מעשיות פון

---

*) זע מיין אַרבעט „די יידישע ליטעראַטור און די לעזערין".

אמתע צדיקים". אָבער נישט ערשט ר' נחמן בראָסלאַווער און זיין תלמיד ר' נתן — דער בעש"ט האָט שוין געשאַפן דעם וווּנדערלעכן מנהג צו דערציילן מעשיות... עס איז דאָ אַ לעגענדע, אַז פאַר זיין פטירה האָט דער בעל־שם־טוב געבענטשט איינעם פון זיינע מקורבים... אַז ער זאָל... זיך און זיינע בני־בית מפרנס זיין נאָר דערפון וואָס ער וועט דערציילן פון אים מעשיות"*).

דער ענין מעשיות, וואָס אַמאָל האָבן זיך אָפּגעגעבן דערמיט נאָר חדר־ייִנגלעך, פּראָסטע מענטשן, ווייבער, איז געוואָרן גאָר אַ געהויבענע זאַך. און דעם פאָלקס שאַפן איז אויף אַזאַ אופן פאַרשטאַרקט געוואָרן נישט נאָר דורך דעם נייעם רייכן שטאָף, וואָס איז צוגעקומען אַדאַנק די חסידישע צדיקים און זייערע מופתים, נאָר אויך דורך דעם, וואָס זיי האָבן סטימולירט דעם עולם און מעורר געווען אים צו דערציילן וווּנדערלעכע געשיכטן...**).

אָבער נישט בלויז אין דעם קאָלעקטיוון שאַפן פון פאָלק האָבן זיי אַריינגעבראַכט אַ נייעם כּוח און אַ נייעם אימפּעט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן אינדיווידועלע דיכטער, — אויף אונזער הייַנטיקן לשון גערעדט.

די רביים אַליין האָבן דערציילט מעשיות — אָפט פרעמדע, דאָס רוב אָבער אייגענע. דער ערשטער, וואָס האָט דאָס געטון, איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי דער רבי פון אַלע חסידישע רביים — ר' ישראל בעל־שם־טוב. ווען דער מגיד פון מעזריטש, ר' דוב־בער, איז צום ערשטן מאָל געקומען צו אים, האָט ער זיך געוווּנדערט, וואָס אַנשטאָט תורה, האָט ער נאָר געהערט פון אים מעשיות. און אויך ר' נחמן בראָסלאַווער דערציילט אונז וועגן דעם בעש"טס מעשיות. איידער ער אַליין האָט אָנגעהויבן דער־

---

*) זע פ. ד. גולדענשטיין: „מיין לעבנסגעשיכטע", פתח־תקוה, ז. 429.

**) און פונקט אַזוי ווי די חסידישע רביים האָבן געהאַלטן פון די חסידישע מעשיות, אַזוי האָבן זייערע געגנער, די משכּילים, זיי שאַרף אויסגעלאַכט. איינער פון זיי ישראל אַקסענפעלד, מאַכט חוזק אין זיין „שטערנטיכל" פון אַ חסידישן רבין, וואָס פלעגט נעמען געלט „פאַר מעשהנען", ווי ער רופט עס אָן.

ציילן זיינע וווּנדער־געשיכטן, האָט ער, רעדנדיק וועגן זייער וויכטיקייט, געזאָגט, אַז „דער בעל־שם־טוב זכר צדיק וקדוש לברכה האָט געקענט דורך אַ סיפּור־המעשה מיחד זיין יחודים. ווען ער האָט געזעען, אַז עס זענען קאַליע געוואָרן די צנורות העליונים און מען האָט זיי נישט געקענט מתקן זיין דורך תּפילה, האָט ער זיי מתקן געווען און מיחד געווען דורך אַ סיפּור־המעשה". און מען דאַרף גאָרנישט אָנקומען צו ר' נחמנס און ר' בערס עדותזאָגן, כּדי צו וויסן, אַז דער בעש"ט איז געווען אַ מעשה־דערציילער, נישט סתּם אַזוי אַ תּורה־זאָגער. אין די ספרים פון זיינע תּלמידים ווערן זייער אָפט געבראַכט אין זיין נאָמען שיינע, קורצע מעשהלעך, משלים, בילדער, וועלכע ער פּלעגט באַנוצן, כּדי קלערער צו מאַכן זיינע רעיונות.

און נישט נאָר ער אַליין, אויך די, וואָס האָבן געירשנט זיין שטול, זענען געווען אָפט בילדלעך, דערציילעריש אין זייערע רייד מיט די חסידים.

גאָר באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט צווישן זיי דער נאָרוואָס דערמאָנטער מגיד פון מעזריטש, דער ענערגישער פירער פון דער חסידישער באַוועגונג נאָך דעם בעש"טס טויט. צווישן די תּורות, וואָס ער האָט געזאָגט און וואָס זיינע תּלמידים האָבן שפּעטער פאַרשריבן און פאַרעפנטלעכט, זענען דאָ זייער אָריגינעלע מעשהלעך, משלים, בילדלעכע אַפאָריזמען. אַ קינסטלערישדערציילערישן ווערט האָט אַ טייל פון די פיינע ווערטלעך און איראָנישע, אָפט זייער וויציקע און שפּילעוודיקע מעשהלעך פון ר' נפתלי ראָפּשיצער. די דאָזיקע אַלע מעשיות, אַפאָריזמען און ווערטלעך זענען דאָס רוב פאַרשריבן געוואָרן אויף לשון־קודש, אָבער די אָריגינעלע שפּראַך, אין וועלכער זיי זענען געשאַפן געוואָרן, איז יידיש און זיי זענען, אין תּוך גענומען, דענקמעלער פון דער יידישער וואָרט־קונסט, פון יענער קונסט, וועלכע האָט איינעם מיט דעם חשק און דעם ברען צו זינגען, צו טאַנצן, צו פּראַווען דבקות געצויגן איר יניקה פון דער אויפגעוואַכטער

רעליגיעזער פאנטאזיע פון יחידים און דער אפגעפרישטער פלאם-פייערדיקער התלהבות פון די מאסן...*)

) צווישן די רביים פון לעצטן דור זענען אויך געווען (אדער פאראן) אזעלכע, וואס דערציילן מעשיות, אזוי צום ביישפיל גיט איבער י. י. וואל (אין „צוקונפט", דעצעמבער, 1930), אז זיינער א פריינט האט נאך מיט עטלעכע צענטליק יאר צוריק געהערט מעשיות פון חסידישע רביים, ספעציעל פון דעם טריסקער רבין: „ר' נחמיה בוניס, איינער פון דעם טריסקערס מקורבים, א טיפער פילאזאפיש באלעזענער יד, ר' נח פאריצקערס, דעם מבאר פון דעם מה"רם שיפס אן אייניקל' האט מיר איבערדערציילט אפאר מעשיות פון דעם טריסקער, וואס ער האט פערזענלעך געהערט מפיו הקדוש — פארבנרייכע מעשיות, צונויפגעוועבטע פון הימל, ערד און שטערן און באהויכטע מיט אלע ריחות פון דער זאנפטער וואלינער-נאטור. מיט אן אומגעווייגלעכער שפאנונג האב איך געהערט די מעשיות, כאטש איך בין שוין צו יענער צייט געווען „געכאפט" און שטילערהייט געלייענט פושקין און דעם „חטאת נעורים". און באזונדערע אויסדערוויילטע טעג האבן די צדיקים געהאט פאר זייערע מעשיות: דער טריסקער, א שטייגער, תשעה-באב און שמיני-עצרת; דער טאלנער — אנדערע טעג, א. אז. וו. דעמאלט פלעגן זיך צונויפגעמען זייערע מקורבים אין א באזונדער חדר, דער רבי האט ארומגעשפאצירט מיט גיכע טריט, זיין קול האט געפליסט מיט א זונדערבארער ווייכקייט און דבקותדיקייט, צארטע פעדעם האבן זיך געוועבט און בילדער זענען אויפגעשפרונגען און אנגעפילט דעם רוים. אייניקע מקורבים פלעגן זיך נוהג זיין פארשרייבן אויך די מעשיות אזוי ווי די תורות א. אז. וו".

ה

ר׳ נחמן בראַסלאַווער

דעם ערשטן אָרט צווישן די חסידישע דיכטער־יחידים פאַר־נעמט ר׳ נחמן בראַסלאַווער.

ר׳ נחמן איז געבוירן געוואָרן שבת ראש־חודש ניסן תקל״ב (1772). ער איז געקומען אויף דער וועלט אין מעדזשיבאָזש (פּאָ־דאָליע, רוסלאַנד) — אין דער זעלביקער שטאָט, אין וועלכער עס האָט יאָרנלאַנג געלעבט און געווירקט דער בעש״ט. אָבער נישט נאָר מעדזשיבאָזש פאַרבינדט זיי. עס איז געווען צווישן זיי נאָך אַ שייכות, אַ מער אינעווייניקסטע. נחמנס פאָטער, ר׳ שמחה, איז געווען אַ זון פון ר׳ נחמן האָראָדענקער, אַ תלמיד פון בעש״ט, און ר׳ שמחה אַליין איז געווען אַ חזן אין דעם בעש״טס שול. נחמנס מוטער, פייגע, איז געווען דעם בעש״טס אַן אייניקל...

דעם בעש״טס אָפּשטאַמונג איז אַ טונקעלע, נאָר לעגענ־דעס זענען דאָ וועגן איר. וואָס איז שייך אָבער צו ר׳ נחמנען, ווייסן מיר זיין יחוס־בריוו.

נישט נאָר פון זיין מאַמעס צד איז ער געווען אַ יחסן. אויך זיין פאָטער, ר׳ שמחה, האָט געשטאַמט פון אַ געהויבענער רבני־שער פאַמיליע.

ר׳ שמחה אַליין האָט זיך מיט קיין זאַך נישט אויסגעצייכנט. אַנדערש איז ר׳ נחמנס מוטער. זי איז, ווי עס ווייזט, געווען נישט קיין געוויינלעכע פרוי. זי איז שיר נישט אַליין געווען אַ גוטע־יידענע. חסידים האָבן געגלויבט, אַז „זי האָט רוח־הקודש"...

און זי (ווי אויך אירע צוויי ברידער) האָבן אויף נחמנען, ווען ער איז געווען נאָך אַ קינד, געהאַט אַ גרויסע השפּעה. אַז ער איז נאָך געווען אַ קינד פון זעקס יאָר, לייענען מיר אין „שבחי הר״ן", איז אים שוין געקומען אויפן געדאַנק זיך אָפּשיידן

פון דער וועלט. דאָס קלינגט אומגלויבלעך און עס קען ביי אונז איצט נאָר ארויסרופן א שמייכל אויף די ליפּן. מען דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן די סביבה, אין וועלכער נחמן איז אויפגעצויגן געוואָרן. קבלה, חסידות, סודות, שמות, מופתים און וואונדערלעכע געשיכטן מכּוח דעם זיידן ר' ישראל, — דאָס איז געווען די לופט, וועלכע נחמן האָט איינגעאָטעמט אין זיך, ווען ער איז געווען נאָך א קליין יינגעלע. ער האָט שוין דאַן געוווּסט פון עפּעס א געהיימער וועלט, פון א לעבן, וואָס איז פול מיט וואונדער, מיט ווונקען, מיט קדושה... געווים, ווען ער זאָל זיין א קינד ווי אלע קינדער אָן באַזונדערע כשרונות, אָן אן אומרויקער פאַנטאַזיע, אָן יענעם פייערל, וואָס דער שעפערישער מענטש ברענגט מיט זיך פון דער מוטערס אינגעווייד, וואָלט ער די אַלע מאָדנע סודותדיקע זאַכן, וועלכע זענען געווען אַרום אים, נישט געזען, נישט געשפּירט. אָבער ער איז, ווי עס ווייזט, געווען אַן אויסערגעוויינלעך בחורל, ער איז געווען פאַרשטענדיק און סענסיטיוו נישט נאָך זיינע יאָרן נאָך, און וואָס נאָר ער האָט געהערט אָדער געליינט אין אַ ספר, האָט ער עס געוואָלט אויספּרובירן אויף זיך אליין... ווען ער איז געווען נאָך א חדר־יינגל, איז ער אָפט שוין געגאַנגען אויפן קבר פון בעש״ט. ער פלעגט גיין „רעדן מיטן זיידן״... „ווינטער אין די גרויסע קעלטן פלעגט ער גיין אויף זיין קבר ביינאַכט, קיינער זאָל נישט וויסן און (ער) האָט זיך דאָרט פיל געזאָמט און האָט פיל געוויינט... דערנאָך, כאָטש עס איז אים שוין געווען זייער קאַלט, פלעגט ער גיין אין א קאַלטער מקווה אריין, כּדי צו פייניקן זיין לייב״... שפּעטער איז ער געווען קעגן פייניקן זיך, קעגן סיגופים, קעגן עצבות און פאַר שמחה, אָבער אין די יונגע יאָרן איז ער געווען נאָך פאַרכּישופט פון דער אַסקעטישער קבלה און עס איז מסתמא אמת, וואָס די חסידים דערציילן, אַז נאָך פאַר צוואַנציק יאָר פלעגט ער זייער פיל פאַסטן משבת לשבת, דאָס הייסט אַ גאַנצע וואָך. אַמאָל האָט ער געפאַסט כסדר משבת לשבת, אַמאָל האָט ער אין איין יאָר געפאַסט אכצן מאָל.

ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין שטאַרקן ווילן; ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין עילוישן קאָפּ. „כמה פעמים האָט ער

נישט פארשטאנען וואס ער האט געלערנט. פלעגט דער מלמד זיין אין כעס אויף אים און ער האט נישט געוואוסט, אין וואס ער איז פארטראכט". חסידים גלויבן, אז ער האט שוין, ווען ער איז געווען נאך א חדר-ייִנגל, „געמאטערט זיך אויסצומאלן די אותיות פון שם הוי"ה פאר די אויגן"... עס איז יעדנפאלס קלאר, אז ער איז געווען א פארטראכט קינד; א קינד, וואס האט געהאט א פולן אינעווייניקסטן לעבן און „דאס לערנען איז אים אנגעקומען מיט גרויס מידיקייט"... „אויף דעם אנהויב האט ער געלערנט משניות, האט ער נישט פארשטאנען. האט ער זייער פיל געוויינט פאר השי"ת, ביז ער האט זוכה געווען צו קענען לערנען משניות". ער האט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין התמדה, כאטש ער איז געווען א פרייליך ייִנגל און א גרויסער שטיפער. דאוונען פלעגט ער אפט ביחידות, אין א באהאלטענעם ווינקל — און מיט זיינע אייגענע ווערטער... מען האט געקענט זען, אז דאס וואקסט נישט אזוי א חריף און א פלינקער מוח, ווי א מענטש מיט א גרויסער נשמה און א זעלטענעם כאראקטער...

זיין פעסטער כאראקטער, זיין ווילנסקראפט איז אים שטארק צונוץ געקומען, באזונדערס שפעטער, ווען ער איז אונטערגעוואקסן. ער האט געהאט אויסצושטיין גרויסע נסיונות, דערהויפט סעקסועלע. ער איז ווי עס שטייט אין „חיי הר"ן", געווען אין גרויס געפאר, אבער ער איז געווען זייער שטארק און האט גובר געווען דעם יצר-הרע... „ער פלעגט זיך נישט מיען אויסצומיידן די נסיונות, לייענען מיר דארט ווייטער, נאר פארקערט, ער האט זיי געזוכט". ער האט, ווי יעדער שטאלצער און שטארקער מענטש, געוואלט ביישטיין זיין נסיון, נישט אנטלויפן פון אים... „דער יצר-הרע — האט ר' נחמן אליין דערציילט — האט אים געוואלט צוררלאזן, ער זאל אלע תאוות גרינג צעברעכן, נאר תאוות משגל זאל ער דעם יצר-הרע צולאזן. ווארים דער עיקר יצר-הרע איז נאר אין דער תאווה. האט ער אים געזאגט: פארקערט, אז דו ווילסט מיך כאפן מיט דער תאווה, מוז איך דווקא נאר זי צעברעכן אינגאנצן"...

אזעלכע מיטטיילונגען געפינען זיך אסך אין די ספרים פון

ר' נחמנען און זיינע תּלמידים — אַזוי אַז איינער אַ העברעישער שרייבער האָט אויף דעם סמך אַפילו אויפגעבויט אַ גאַנצע פּסיכאָנאַליטישע טעאָריע וועגן ר' נחמנס לעבן און שאַפן, און ער האָט שוין מער קיין שום זאַך ביי אים נישט געפונען, אַחוץ דער סובלימירונג פון ל י ב י ד אָ און אַלערליי פרוידיאַנישע קאָמפּלעקסן, אָנגעהויבן פון דעם עדיפּוס-קאָמפּלעקס (זע יעקב בקר: ר' נחמן מברצלב, מחקר פּסיכואנאליטי, הוצאת „דעה", ירושלים, תּר"פּח), אָבער נישט נאָר אין דער ספערע פון סעקסועלן לעבן האָט ר' נחמן כּסדר געמוזט מלחמה האַלטן מיטן יצר-הרע. ער האָט געליטן אויך פון אַנדערע תּאוות. ער האָט בכלל געהאַט זייער אַ ליידנשאַפטלעכן און עקסטרעם-„קינסטלערישן" טעמפּעראַמענט, — ווי מיר רופן דאָס אַן איצט. ער האָט געהאַט האַליוצינאַציעס. ער איז געווען אָפט נערוועז. געווען פול מיט שטימונגען, קאַפּריזן. אָט איז ער געווען פריילעך, אויפגעלייגט — און אין אַ מינוט אַרום האָט ער זיך נישט געהאַט ווו אַהינצוטון פון אומעט און צער... ער איז געווען אַ כּעסן. (דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן דערהויפּט אין די שאַרפע מחלוקתן, וואָס ער האָט געפירט מיט אַנדערע רבּיים.) ער איז זיך אַליין מודה, אַז נאָר אין ארץ-ישראל, וווהין ער איז שפּעטער געפאָרן, האָט ער זוכה געווען בייצוקומען די מדה רעה פון כּעס...

ער האָט זייער שטאַרק געהאַלטן פון זיך, ער איז געווען אַ טיף-עגאָצענטרישע נאַטור, ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט יענעם שאַרפן און גוזמאדיקן איך-באַוווסטזיין, וועלכן עס האָבן אָדער גאָר טעמפּע, אָדער גאָר גרויסע מענטשן (איידער זיי באַהערשן זיך אַליין). ביי אים איז רעכט געווען צו באַרימען זיך, אַז דער זיידע, דער בעש"ט, קומט צו אים פון יענער וועלט פאַרברענגען. (און אפשר איז עס געווען איינע פון זיינע אָפטע האַליוצינאַציעס)... איינמאָל האָט זיין מוטער אים אויפגעוואָרפן, וואָס ער האָט אויפגעהערט צו גיין אויפן בעש"טס קבר, האָט ער געענטפערט: „אויב דער זיידע וויל מיך זען, קאָן ער קומען אַהער". אים האָט פאַרדראָסן, ווען מען האָט גערעדט וועגן אים, ווי וועגן דעם בעש"טס אַן אייניקל. ער האָט נישט געוואָלט קיין יחוס-אָבות, אים איז

גענוג געווען זיין אייגענע גרויסקייט. די וועלט, האָט ער זיך נעקלאָגט, טראַכט, אַז איך האָב זוכה געווען צו מיין הויכער מדרגה מחמת איך בין דעם בעל־שם־טובס אן אייניקל. דאָס איז נישט אַזוי! און אַז עס האָט זיך אַמאָל וועגן אים פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ער איז געפאָרן זוכן דעם בעש״טס כּתבים, האָט ער עס שטאַרק אָפּגעלייקנט. ער זאָל וועלן די כּתבים, האָט ער געזאָגט, „וואָלט מען זיי אים געבראַכט אַהיים, נאָר ער באַדאַרף זיי נישט". איך גיי אויף אַ וועג, האָט ער געזאָגט, וואָס קיינער איז נאָך אויף אים נישט געגאַנגען. כאָטש דער וועג איז שוין זייער אַן אַלטער, איז ער פונדעסטוועגן נאָך אינגאַנצן אַ נייער"... „איך קען אַזוי פיל חכמות, — האָט ער אַמאָל געזאָגט, — אַז ווען איך וואָלט געוואָלט ארויסווייזן נאָר אַ קליינעם טייל פון זיי, וואָלטן מענטשן געקענט לעבן בלויז מיט דער הנאה פון די חכמות און וואָלטן נישט געדאַרפט גאָר עסן און טרינקען"... „ווען די וועלט זאָל וויסן, האָט ער דערקלערט, ווען ער איז געווען אַמאָל קראַנק, ווי אַזוי זיי באַדאַרפן מיך האָבן, וואָלטן זיי אַלע געפאַלן אויף זייערע פּנימער און מתפּלל געווען צו השם יתברך, אַז איך זאָל געזונט ווערן, וואָרים די גאַנצע וועלט באַדאַרף מיך זייער האָבן, אַז עס איז גאָר אוממעגלעך פאַר זיי צו לעבן אָן מיר"... צו זיינע מוקורבים האָט ער אַמאָל געזאָגט: „איך ווינטש זיך, איך זאָל זוכה זיין צו זען די ליכטיקייט פון די וועגן, וואָס איר פאָרט אויף זיי צו מיר"... איידער ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין ארץ־ישראל, האָט ער געבענטשט דעם בראַסלאַווער רב מיט די ווערטער: „...איך ווינטש דיר, אַז דו זאָלסט זוכה זיין אויף יענער וועלט צו פאַרשטיין מיינע שיחות־חולין"... „ער האָט אַזאַ געהיימע שטים, האָט ער דערציילט אַמאָל, אַז ער קאָן שטיין צווישן אַ גרויסן עולם מענטשן און שרייען פון איין עק וועלט ביז צו דעם אַנדערן — און קיינער זאָל נישט הערן"... „עס וועט קומען אַ צייט, האָט ער געגלויבט, ווען מענטשן וועלן מיט קנאה פרעגן איינער דעם אַנדערן: האָסטו פּערזענלעך געקענט ר' נחמנען? ביסטו טאַקע געווען ביי אים אין הויז? האָסטו באמת געקענט אָט דער און דעם פון זיינע מענטשן?". איינמאָל האָט ער געהאַלטן אין האַנט אַ שטיק פאַרשריבן פּאַפּיר און האָט אויסגעשריען: „וויפל

תורות זענען דאָ פאַרשריבן!״ דאַן האָט ער דערקלערט, אַז עס זענען דאָ גאַנצע וועלטן, וועלכע ציען זייער חיות נאָר פון דעם רויך פון זיין תורה — און ער האָט גענומען דאָס שטיק פּאַפּיר און עס אָנגעצונדן... אַן אַנדערש מאָל האָט ער געזאָגט, אַז די וועלט האָט נאָך דעם אמתן טעם פון זיין תורה נישט פאַרזוכט. „ווען זיי זאָלן הערן נאָר איין תורה, זיין אינאיינעם מיט איר ניגון און איר ריקוד, וואָלטן זיי אַלע בטל געוואָרן פאַר אים. אפילו די חיות און די גראָזן און אַלץ וואָס איז דאָ אין דער וועלט וואָלטן צעגיין אין גרויסן און וווּנדערלעכן תענוג״. „כ׳בין אַ שיינער און אַ וווּנדערלעכער בוים מיט וווּנדערלעכע צווייגן און מיט די וואָרצלען בין איך ממש אין דער ערד״... „מיין פייער וועט אייביק ברענען און קיינמאָל נישט פאַרלאָשן ווערן״...

פאַר זיין טויט האָט ער געזאָגט: „איך האָב דערגרייכט אַזאַ הויכע מדרגה, וואָס קיין העכערע פון איר קאָן קיין בשר-ודם שוין נישט דערגרייכן. אָבער איך קאָן נישט בלייבן שטיין אויף איין מדרגה. איך מוז נאָך העכער און העכער שטייגן. דערפאַר בענק איך שוין נאָך דעם טויט — איך זאָל זיך אויסטון פון דעם גוף, וואָס איז מעכב צו דערגרייכן נאָך העכערע מדרגות״...

יאָ, דער פּסיכאָאַנאַליטיקער איז גערעכט. ר׳ נחמן איז געווען קראַנק אויף נאַרציסיזם (עקסטרעמע פאַרליבטקייט אין זיך אַליין). און עס איז פשוט נישט צו פאַרשטיין, ווי אַזוי ער האָט געקענט רעדן — און ער האָט גערעדט — וועגן זיין עניוות... ער האָט זיך געהאַלטן פאַר דעם גרעסטן למדן אין דער וועלט. ער איז געווען זיכער, אַז ער איז אַ מוראדיקער קענער און ווייסער אין אַלע שבע חכמות. וואָס איז שייך צו קבלה, האָט ער זיך נישט געשעמט צו זאָגן, אַז עס זענען געווען נאָר פיר גרויסע מקובלים: ר׳ שמעון בן יוחאי, ר׳ יצחק לוריע, דער בעש״ט און — ער... „איך גיב אייך פון מיין תורה, האָט ער דערקלערט, נאָר די פּסולת, און זי איז אַ מיליאָן מאָל נידעריקער פון מיינע השגות; נאָר נאָך נידעריקער קאָן איך זיך נישט אַראָפּלאָזן״... „איך הייב זיך אויף יעדעס מאָל און יעדע רגע פון איין מדרגה אויף אַן אַנדערער, אַ העכערער. און ווען איך זאָל פילן, אַז איך געפין

זיך אויף דער זעלביקער מדרגה, וואָס מיט אַ שעה פריער, וואָלט איך זיך נישט געוואָלט האָבן אויף דער וועלט"... „אייך דוכט זיך, האָט ער געגעבן צו וויסן זיינע חסידים, אַז נאָר אויף אייך אַליין האָב איך אַ שליטה. דער אמת איז, אַז איך געוועלטיק אויך איבער אַלע צדיקים פון דור, נאָר פאַרבאָרגענערהייט"... „אַמאָל האָב איך געמיינט, אַז דאָס רעדט מיך איין דער יצר-הרע, אַז קיינער קאָן נישט פירן די יוגנט אַזוי ווי איך, איצט בין איך זיכער, אַז איך בין טאַקע באמת דער איינציקער מנהיג-הדור און עס איז נישטאָ צו מיר קיין גלייכן"...

ער איז באמת אומפאַרגלייכלעך אין אַסך פרטים. בכלל אָבער איז ער געווען פול מיט די זעלביקע אינעווייניקסטע מלחמות און שאַרפע סתירות, וועלכע פייניקן אַלע רייכע פערזענ-לעכקייטן. די הייליקייט איז ביי אים, ווי ביי אַלע אַנדערע טיף-רעליגיעזע נשמות, געווען אַ שוץ-מיטל קעגן זינד, תאוות, קליפות. יעדע זאַך פון עבודת ד' איז אים אָנגעקומען מיט גרויס מסירות-נפש, אויף יעדער זאַך האָט ער געהאָרעוועט פיל צייטן, און ער האָט געהאַט פיל עליות און ירידות... אַזוי שרייבן זיינע אייגענע תלמידים, פילנדיק, אַז זיי פאַרקלענערן אים נישט, נאָר פאַרקערט, זיי ווייזן, ווי גרויס ער איז, ווען זיי דעקן אויף פאַר אונז די אינעווייניקסטע מלחמות, וואָס ער האָט געפירט, געמוזט פירן מיט זיך אַליין...

אפילו זיין גוטסקייט, זיין ליבשאַפט צו מענטשן איז נישט געווען קיין איינגעבוירענער שטריך פון זיין כאַראַקטער, נאָר אַזוי צו זאָגן, אַ פאַרהאָרעוועטע, ווי אַלע זיינע גוטע מדות. ער האָט אַליין אַמאָל געזאָגט: „אין אָנהויב פלעג איך דאַרפן מתפלל זיין צו גאָט איך זאָל פילן דעם אַנדערנס יסורים, וואָרים אָפטמאָל פלעגט צו מיר איינער קומען און דערציילן זיינע צרות, און איך האָב זיי נישט געפילט. איצט אָבער, אַז אימיצער זאָגט מיר פון זיינע ליידן, פיל איך עס מער ווי ער אַליין, וואָרים ער קאָן האָבן אַנדערע מחשבות און פאַרגעסן אָן אַלע צרות, איך — נישט". ער האָט דערגרייכט זייער אַ הויכע מדרגה פון מיטלייד, אָבער נאָר נאָך אַ שווערן ראַנגלען זיך מיט זיך אַליין, נאָר נאָך פיל

יסורים, געבעט און געוויין... ער האָט שטאַרק געמוזט וויינען און מתפלל זיין צו גאָט, ביז ער האָט זוכה געווען אויפצוהייבן זיך איבער זיינע אייגענע באַגרענעצטקייטן... „ער האָט אַמאָל אַוועקגעשענקט זיין אַלטן טלית צו איינעם פון זיינע חשובע מקורבים, האָט ער אים געזאָגט: דו זאָלסט האַלטן בכבוד דעם דאָזיקן טלית, וואָרים וויפל האָר עס זענען דאָ אינעם טלית, אַזויפיל טרערן האָב איך פאַרגאָסן פאַר השי״ת, ביז איך האָב געוווּסט, וואָס טלית איז״...

ר׳ נחמן האָט, ווי מיר זעען, ליב געהאַט צו רעדן וועגן זיך אַליין, צו גריבלען זיך אין זיין אייגענער נשמה. דאָך איז ער נישט געווען איינגעשלאָסן אין זיין אייגענעם איך. ער האָט געהאַט ברייטע גייסטיקע אינטערעסן. עס האָט אים געצויגן צו דער וועלט, צו מענטשן. זיין האַרץ, זיינע אויגן, זיינע אַלע חושים זענען געווען אָפן פאַר אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך געטון אַרום אים. מען פלעגט ברענגען פאַר אים אַלע נייעס פון דער וועלט און אויך אַלע מעשיות וואָס די וועלט דערציילט און אַלע געדרוקטע מעשיות פלעגן געבראַכט ווערן צו אים... ער האָט שטענדיק געוואָלט מען זאָל דערציילן נייעס וועגן וועלט-זאַכן...

גאָר אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט און ליבשאַפט האָט ער אַרויסגעוויזן צו דער נאַטור. ער האָט עס געטון אַלעמאָל, דערהויפט אָבער דאַן, ווען ער איז געזעסן אויף קעסט ביי זיין רייכן שווער אין הוסיאַטין, אַ דאָרף, וואָס איז נישט וויים פונעם שטעטל מעדוועדעווקע. ער איז געווען נאָך זייער יונג, ווען ער האָט חתונה געהאַט, ערשט בר-מצווה געוואָרן — און זיין יוגנט האָט געבליט, זיין רייכע נשמה איז געוואַקסן אינאיינעם מיט די בלומען און ביימער, וואָס זענען געווען אַרום אים אין אָט דער שיינער געגנט. „ער פלעגט דאָרט אויף די פעלדער, וואָס אַרום דעם דאָרף, האָבן זייער פיל התבודדות״, לייענען מיר אין „שבחי הר״ן״. אָפט פלעגט ער זיך פאַרקלייבן אויפן באַרג, וואָס איז געווען נישט וויים פון דאָרף, און אָפּזיצן דאָרט שעהן. זומער האָט ער ליב געהאַט זיך שיפלען אויפן טייך. ער פלעגט צופאָרן צום ברעג, ווען ער פלעגט באַמערקן אַ שיינעם, אָפגעלעגענעם רינקל,

זיצן דאָרט פאַרטראַכט און חלומען זײַנע חלומות. אָן אַנדער מאָל פלעגט ער אױפֿקומען רײַטנדיק אױף אַ פערד, אָפּלאָזן אַלײן דאָס פערד אין מיטן װעג, בלײַבן אין װאַלד און אומבלאָנדזשען דאָרט שעהן לאַנג צװישן קוסטעס און בײמער. אין אָנהױב האָבן זיך די הײמישע געשראָקן, װען זײ האָבן געזען דאָס פערד צוריקקומען אָן נחמנען, ביסלעכװײַז האָבן זײ זיך צוגעװױנט צו זײַנע מאָדנע גענג. זײ האָבן שױן געװוּסט, אַז ער בלײַבט אין װאַלד. ער האָט, װי דער בעש״ט, ליב געהאַט צו פּראַװען התבודדות, צו זאָגן זײַנע תפילות און צו זינגען זײַנע הײליקע געזאַנגען צװישן בײמער, בלומען און גראָזן. „עס איז גוט פרום צו זײַן צװישן זײ״ — האָט ער געזאָגט צו זײַנעם אַ תלמיד, שפּאַצירנדיק מיט אים אין פעלד. װען דו זאָלסט זוכה זײַן צו הערן — האָט ער געזאָגט צו אים — דאָס קול פון די שירות ותשבחות פון די גרעזעלעך, װי אַזױ יעדעס גרעזעלע זאָגט שירה צו השי״ת אָן שום פניה און אָן אַ שום מחשבה זרה און האָפן נישט אױף קײן שום שכר, װי אַזױ ס'איז זײער שײן און זײער גוט צו הערן זײער שירה און עס איז זײער גוט פרום צו זײַן צװישן זײ״... (שבחי הר״ן) אַלע בײמער און גראָזן אין דער װעלט שיקן שטאַפּעטן אײנער צום אַנדערן, ביז זײ דערגײען צו די אױערן פון צדיק, און ער נעמט זײ אױף און הערט פון זײ עצות, װי גאָט צו דינען... „װינטער איז אין דער בחינה פון עיבור, און אַלע גראָזן און שפּראָצונגען זענען טױט, אָבער אַז עס װערט זומער, װאָס איז געבורט, דאַן װאַכן זײ אױף: איז גוט דאַמאָלס אַרױסצוגײן שפּאַצירן אַלײן אין די פעלדער; דאָס שפּאַצירן אַלײן איז אַ תפילה און אַ געבעט און אַ גלוסטונג און אַ בענקעניש צו גאָט. אַלע גרעזעלעך פון פעלד, װאָס הױבן אָן צו לעבן און צו שפּראָצן, װערן באַהעפט און אַרײַנגענומען אין דער תפילה און דעם געבעט״.

װען אַ הײַנטיקער זאָל זאָגן עפּעס אַזױנס, װאָלט עס געקענט אָנגענומען װערן פאַר „פּאָעזיע״. אָבער דאָס זענען די װערטער פון אַ חסידישן יונגמאַן אין פּאָדאָליע, מיט כמעט אַנדערטהאַלבן הונדערט יאָר צוריק. איז עס געװען הײליקע תמימות און אַ שטיק נשמה־לעבן, נישט קײן שײנע רײד. װאָרים מיר מעגן

גלויבן זיין תלמיד, דעם מחבר פון „שבחי הר"ן", וועלכער גיט איבער אין נאָמען פון ר׳ נחמנען אליין, אז „אויף יעדן טריט, וואָס ער פלעגט דאָרט אויף די פעלדער גיין האָבן התבודדות, האָט ער געפילט טעם גן־עדן... אז ער פלעגט זיך אומקערן פון דאָרט צוריק אהיים, האָט די גאַנצע וועלט אויסגעזען ניי אין זיינע אויגן, און אים האָט זיך געדאַכט, אז עס איז גאָר אַן אַנדערע וועלט"...

זיינע טיפסטע געפילן און זיין העכסטן רעליגיעזן עקסטאַז פלעגט ער אויסדריקן אין זינגען און אין טאַנצן... „ער פלעגט זייער אָפט זינגען — דערציילט אונז ר׳ נתן — זיינעם אַן אייגענעם ניגון. זינגנדיק דעם ניגון פלעגט ער זיך אַוועקלאָזן אין אַ טאַנץ, און ווער עס האָט נישט געזען זיין טאַנצן, האָט אין זיין לעבן קיין גוטס נישט געזען"...

ס'איז קלאָר:

ר׳ נחמן איז געווען אַ קינסטלער־נאַטור. ער האָט געזוכט אויסדרוק — פּלאַסטישן, מוזיקאַלישן, דערציילערישן אויסדרוק — פאַר די שטורעמס, פאַר די שטילקייטן פון זיין גייסט. ער איז געווען אַ דיכטער, אליין נישט וויסנדיק דערפון. ער האָט נישט געשריבן קיין לידער (אחוץ איין שיר אויף לשון־קודש — אַן אַקראָסטיך), ער איז געווען אליין אַ ליד, ער איז געווען אליין אַ הימן, אַ שיר־היחוד צו גאָט.

און עס איז גאָר קיין וואונדער נישט, וואָס פאַר זיינע חסידים און מקורבים איז ער געווען אַ קוואַל פון ליכט, אַ „טייך, וואָס וואַשט אָפּ אַלע פלעקן", אַ מקור פון אומענדלעכער באַוווּנדערונג און פאַרגעטערונג. עס איז גאָר קיין חידוש נישט, וואָס איינער פון זיינע תלמידים דערציילט, אז זיינע אויגן האָבן געלויכטן, ווי די זון און די לבנה ממש. דערהויפּט שבת־קודש, ווען ער האָט געזונגען מיט אַ ניגון די זמירות, האָט ער אַזוי געלויכטן און געברענט און געשיינט, אז ווער עס איז דערביי געשטאַנען, האָט געזאָגט, אז „מ'וועט אַזוינס שוין מער נישט זען ביז משיח וועט קומען"... משיח — דאָס איז געווען די איינציקע געשטאַלט, צו וועלכער די תלמידים האָבן אים געקענט פאַרגלייכן און צו

װעלכער ער האָט זיך, אגב, אליין פאַרגליכן אין די רגעס פון עלית-נשמה.

און נישט נאָר פאַרן לעבן האָט ער אַזוי באַגייסטערט און פאַרכישופט זיינע חסידים; אויך נאָכן טויט האָט זיין געשטאַלט נישט אויפגעהערט אַרויסצושטראַלן פון זיך אָט די מאַגישע װיר־קונג... „זיין פנים האָט געשמייכלט, און ער האָט אויסגעזען װי אין זיין לעבן, װען ער איז אַרומגעגאַנגען אין זיין צימער אַהין און אַהער פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען. און איז געװען מלא-חן. בשעת ער איז געלעגן אויף דער ערד, האָבן פון אים געשמעקט די בעסטע ריחות"...

„איך װיל בלייבן צװישן אייך און איר זאָלט קומען אויף מיין קבר", האָט ער זיי געזאָגט פאַרן טויט. און זיי זענען געקו־מען. זיי קומען נאָך איצט אויך אויף זיין קבר אין אומאַן. אָבער גאָר באַזונדערס שטאַרק איז געװען ר' נחמנס השפעה װען ער האָט געלעבט.

און נישט נאָר אין די הויכע און דערהויבענע מינוטן — אויך דאַן, װען ער איז געװען אין „אַ מצב פון ירידה", האָט ער נישט אָנגעװוירן זיין חן אין די אויגן פון די תּלמידים. זיי האָבן זיך נישט געשראָקן פאַר זיינע „ירידות" אָדער „קטנות", װי זיי האָבן עס גערופן. זיי האָבן געװוּסט, אַז דאָס איז אַ „פאַלן", װאָס טראָגט דעם אויפקום אין זיך („ירידה צורך עליה"), — װי עס זינגט זיך אין אַנ—סקיס „דיבוק"...

אין „שבחי הר"ן" װערן מיט אַ װוּנדערלעכער תּמימות אי־בערגעגעבן די אַלע פּרטים פון זיין מאָדנער, נישט-רבישער און בכלל „נישט-סטאַטעטשנער" אויפפירונג אין סטאַמבול, בעת זיין נסיעה קיין ארץ-ישראל, — אַ נסיעה, װעלכע איז, אגב, געװאָרן אַ קװאַל פון אַסך װוּנדערגעשיכטן... „ער האָט געטון אין סטאַמבול, לייענען מיר אין „שבחי הר"ן", אַלע מיני קטנות. ער איז געגאַ־נגען באָרװעס און אָן אַ גאַרטל און אָן אויבערשטן היטל און איז געגאַנגען אָנגעטון אין דעם אונטערשלאַק, װאָס ער האָט גע־האַט פון אַ מלבוש. און איז געגאַנגען אין גאַס, אַזוי װי קינדער לויפן אַרום און שפּילן זיך. און האָט געמאַכט מלחמות דורך

צחוק. איינעם (פון די קינדער) האָט ער אַ נאָמען געגעבן פראַנצויז און דעם צווייטן אַן אַנדער נאָמען — (דאָס איז געווען די צייט פון די נאַפּאָלעאָנישע קריגן. — ש. נ.) און זיי האָבן געמאַכט מלחמה. און (ער) האָט געטון זייער פיל קטנות״... זיינע תּלמידים דערקלערן עס דערמיט, וואָס איידער אַ מאַן קומט פון איין מדרגה אויף אַן אַנדערער, מוז מען האָבן פריער אַ ירידה פאַר דער עליה...

לויט אונזערע השגות איז עס אפשר גאָרנישט געווען קיין ירידה, נאָר יענע שעפערישע צערודערטקייט, וועלכע נעמט זיך פון אַן איבערפלוס פון כּוחות, יענץ הייבן זיך און פאַלן פון כוואַליעס, וואָס איז דער ריטם פון יעדן שפּעדיק-אויפגעשטורעמטן לעבנס-שטראָם, יענע דורשטיקע, בענקשאַפטלעכע, ברענענדיקע איינזאַמקייט, וועלכע לאָזט נישט דעם פּאָעטישן מענטש רוען, וועלכע שליידערט אים אום, ווי אין כּף-הקלע, וואַרפט אים פון נזירות צו זינד, טרייבט אים פון הייליקן ערנסט צו שפּיל, פון אָנגעצויגענער חשיבות צו קינדישקייט...

ר׳ נחמן איז נישט געווען און האָט נישט געקענט זיין „אַ מענטש ווי אַלע מענטשן״, ער האָט זיך געריסן פון די קייטן, וועלכע עס לייגט אַרויף אויף אונז די אַלטעגלעכקייט, דער איינגעשטעלטער נוסח פון לעבן, פון שטאָט. ער איז געווען פון די פרייע און אייביק-רעבעלירנדיקע גייסטער, נישט געקוקט אויף זיין טיף איינגעוואָרצלט-זיין אין דער חסידישער טראַדיציע. ער האָט קיינמאָל און קיינעם זיך נישט אונטערגעגעבן, ער האָט געלעבט זיין אייגן לעבן („ער האָט געהאַט התבודדות אפילו ווען אַרום אים איז געשטאַנען אַ גרויסער עולם״). ער האָט געהאַט זיין אייגענעם גאָט-באַגריף, זיין אייגענע וויזיע פון דער וועלט, זיינע אייגענע פאַנטאַזיעס וועגן זיך אַליין... ער איז מיט זיין וואָרט געווען אַ דיכטער, און ער איז עס געווען אין לעבן, נישט נאָר אין כּוח-הדמיון...

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו די פּאַסירונגען פון זיין לעבן. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן נאָר אויף די וויכטיקערע פון זיי.

עס איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן, אַז באַלד ווי ער

איז געװאָרן בר־מצוה, האָט מען אים חתונה געמאַכט און ער איז געװאָרן אַן איידעם אױף קעסט אין הוסיאַטין, אַ דאָרף נישט װײַט פֿון מעדזשעבאָזש. דאָרט, אין די װעלדער און פֿעלדער, האָט ער געקענט פֿרײַ פּראַװען התבודדות, זײַן אױף יחידות מיט גאָטס װעלט און מיט גאָט אַלײן. דאָרט האָט ער געקענט זיכער זאָגן צו זיך אַלײן: „גאָט איז מיט דיר, בײַ דיר, לעבן דיר" (זײַנע אײגענע װערטער). דאָרט האָט ער געהאַט אַ מעגלעכקײַט צו פֿאַרטיפֿן זיך װײַטער אין לערנען — אין נגלה און אין נסתר.

אָבער באַלד איז געקומען אַ סוף צו זײַן רויקן און שטילן לעבן אין דאָרף. ער האָט זיך נישט געקענט מער באַנוגענען מיט זיצן און לערנען פֿאַר זיך. ער האָט געמוזט װערן אַ לערער, אַ פֿירער פֿאַר אַנדערע. דאָס איז געװען אַזױ. נחמן האָט צוליב פֿאַרשידענע ענדערונגען אין זײַן שװערס הויז געמוזט איבערקלײַבן זיך פֿון דאָרף אין שטאָט אַרײַן. ער האָט זיך באַזעצט אין מעדװעדעװקע. תּחילת האָט ער געלעבט פֿון זײַן נדן, אָבער דער נדן איז באַלד אױסגעגאַנגען, האָט ער קענען זײַן חילן געמוזט אײַנשטימען צו נעמען פֿון שטאָט שכירות (אַ רענדל אַ װאָך) — און ער איז געװאָרן אַ חסידישער רבי.

ער האָט זיך נענטער באַקענט מיט די חסידים, — און ער האָט אױסגעפֿונען, אַז זײ זענען נישט דאָס װאָס אַמאָל. זײ האָבן זיך „אָנגעהויבן אָפּצוקילן". און די אורזאַך איז געװען, װי ער האָט געגלויבט, דאָס װאָס די רבײם טויגן נישט. די ערשטע חסידישע רבײם זענען געװען אמתע פֿירער, דערנאָך אָבער האָבן זיך גענומען װײַזן אַזעלכע, װעלכע זיצן טאָקע אַ גאַנצן טאָג אײַנגעװיקלט אין טלית און תּפֿילין און װעלכע זענען אָבער צבועקעס... „זײ קאָנען זיך אַלײן נישט פֿירן, הײַנט װי קענען זײ פֿירן אַנדערע?"... ר' נחמנס אידעאַל איז געװען נישט נאָר צו זײַן אַלײן אַ ריכטיקער מנהיג, נאָר אױך איבערצולאָזן גוטע תּלמידים, אַזױנע װאָס זאָלן קאָנען פֿירן זיך אַלײן, װען עס װעט נישט זײַן קײן פֿירער. ער האָט געװאָלט שאַפֿן אַ נײַעם, העכערן טיפּ חסיד.

כּדי צו זײַן ראוי און מסוגל אױפֿצוטון אַזאַ גרויסע זאַך, האָט ער געװאָלט זיך אַלײן, זײַן אײגענע נשמה נאָך מער מתקן

זיין, נאָך מער ליטערן, און אַזוי ווי דער בעש"ט און אַנדערע מקובלים און רביים, האָט אויך ער געפילט, אַז דאָס איז מעגלעך נאָר אין ארץ־ישראל, דאָרט ווו עס געפינען זיך די הייליקע קברים פון ר' שמעון בן־יוחאי, פון דעם אר"י הקדוש, און עס איז געבליבן ביי אים צו מאַכן אַ רייזע קיין ארץ־ישראל. די דאָזיקע רייזע איז שפּעטער געוואָרן אַ קוואַל פון לעגענדעס.

דאָ וועל איך ציטירן נאָר די שטעלן אין „שבחי הר"ן", ווו עס ווערט דערציילט וועגן זיין באַשלוס צו מאַכן די גרויסע און שווערע נסיעה, — אַ נסיעה, וועלכע איז זיין עלטער־זיידן, דעם בעש"ט, נישט געלונגען... „ערב־פּסח, לייענען מיר אין „שבחי הר"ן", אין דעם יאָר תקנ"ח (ר' נחמן איז אַלט געווען דאַן זעקס און צוואַנציק יאָר) איז ער אַרויסגעגאַנגען פון דער מקווה, און ער האָט געזאָגט צו דעם מענטש, וואָס ער איז מיט אים געגאַנגען, אַז אין דעם יאָר וועט ער בוודאי זיין אין ארץ־ישראל — — — אַז זיין ווייב האָט דאָס געהערט, האָט זי געשיקט די טאָכטער אים פרעגן, ווי אַזוי וועט ער זי איבערלאָזן, ווער וועט זיי מפרנס זיין? האָט ער איר געענטפערט: „דו וועסט אַוועקפאָרן צו דיין מחותן, דיין עלטערע שוועסטער — וועט זי איינער צונעמען פאַר אַ דינסט, דיין קלענערע שוועסטער — וועט זי איינער צונעמען צו זיך פאַר רחמנות און דיין מוטער וועט זיין אַ קעכערין, און אַלצדינג, וואָס איך האָב אין שטוב, וועל איך פאַרקויפן אויף הוצאות פון דער נסיעה". און אַז די בני־בית האָבן דאָס געהערט, האָבן זיי געוויינט עטלעכע טעג. און ער האָט אויף זיי גאָר קיין רחמנות נישט געהאַט און ער האָט געזאָגט: עס קאָן אַנדערש נישט זיין! איך מוז פאָרן!! וואָרים די גרעסטע העלפט איז שוין דאָרט — און דער מיעוט גייט נאָך דעם רוב. און ער האָט געזאָגט: „איך ווייס די גרויסע מניעות, וואָס איך וועל האָבן אויף דער נסיעה, נאָר כּל־זמן עס וועט נאָך זיין אין מיר אַ לעבעדיקער אָטעם, וועל איך זיך מוסר־נפש זיין און פאָרן קיין ארץ־ישראל".

און ער האָט זיך מוסר־נפש געווען — און איז געפאָרן. זיין טרוים — דער טרוים פון אַלע גרויסע מקובלים, משיח־ברענגער — האָט געמוזט מקוים ווערן. ער האָט זיך פון זיין הייליקן ציל

נישט געקאָנט אָפּזאָגן און ער איז גרייט געווען צו לאָזן צוליב דעם אויף הפקר זיין הויזגעזינד, ער איז גרייט געווען מקריב זיין זיך אליין, ווארים ער איז געווען פון די מענטשן, וואָס דאָס לעבן האָט פאר זיי אַ זינען, נאָר ווען עס איז זייער לעבן. ער איז געווען פון די מענטשן, וואָס מוזן וואקסן און הויבן זיך אלץ העכער, העכער, אַנישט — קאָנען זיי קיין קיום נישט האָבן אויף דער וועלט...

אין ארץ-ישראל האָט ר׳ נחמן פאַרבראַכט ווינציקער ווי אַ יאָר צייט. ווען ער איז געקומען צוריק, האָט ער זיך געפילט נאָך זיכערער און תקיפער, ווי פריער, און נאָך דרייסטער און מוטיקער ווי פריער איז ער ארויסגעטרעטן קעגן די „פאַלשע רביים". ער האָט זיך פארגונען צו מאַכן פון זיי שפּאָט אויף אַזאַ און אַזאַ אופן: „דעם שטן, האָט ער געזאָגט, איז שווער צו עסקן זיך מיט אַ גאַנצער וועלט, ער קאָן נישט אראָפּפירן אַ גאַנצע וועלט פון דרך-הישר, האָט ער אַוועקגעזעצט אין איין אָרט אַזאַ באַרימטן רבין, אין דעם צווייטן אָרט אַן אַנדערן", — און זיי, הייסט עס, העלפן דעם שטן טון זיין פינצטערע פאַרפירערישע ארבעט.

עס פאַרשטייט זיך, אַז מיט אַזעלכע רייד האָט ר׳ נחמן זיך אָנגעמאַכט נאָך מער שונאים ווי ער האָט פריער געהאַט, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מוראַדיקע מחלוקת צווישן אים און אַנדערע רביים. דער שאַרפסטער געגנער פון ר׳ נחמנען איז געווען דער „שפּאָלער זיידע", דערהויפּט נאָכדעם, ווי ר׳ נחמן האָט זיך אין יאָר תק"ס באַזעצט אין זלאַטאָפּאָל, אַ שטאָט, וואָס איז נישט ווייט פון שפּאָלע... אָבער טאַקע צוליב דער מחלוקת האָט ר׳ נחמן נישט געקאָנט דאָרט לאַנג פאַרבלייבן און אין יאָר תקס"ב האָט ער זיך איבערגעקליבן קיין בראַסלאַוו.

פון דאַן אָן איז ער געוואָרן ר׳ נחמן בראַסלאַווער און פון דאַן אָן איז זיין טעטיקייט און זיין ווירקונג נאָך גרעסער געוואָרן, ווי פריער.

אָבער אויך די געגנערשאַפט צו אים איז געוואַקסן, און אפשר האָט דאָס גורם געווען זיין קראַנק ווערן. ער האָט

געקראַגן די דער. אינאײנעם מיט דער קראַנקהײט איז געװאַקסן אין אים די אומרויקײט. ער האָט נישט געקאָנט אײנזיצן אין בראַסלאַװ. ער האָט גענומען אַרומפאָרן, איז געװען נע־װנד און האָט זיך אָפט געפילט אײנזאַם און פאַרצװײפלט...

אין יאָר תק״ע איז זײן הויז אין בראַסלאַװ, בעת אַ גרויסער שרפה, אָפּגעברענט געװאָרן, האָט ער זיך איבערגעצויגן קײן אומאַן. דאָרט איז ער אין יאָר 1810 (י״ח תשרי תקע״א) נסתלק געװאָרן, אָדער אויף זײן אײגענעם לשון — „פון אײן חדר איבערגעגאַנגען אין אַן אַנדערן״...

װי אַסך אַנדערע גרויסע נשמות, האָט ר׳ נחמן זײן ערדישן לעבן שנעל אויסגעלעבט. ער איז געװען אַלט אינגאַנצן אַכט און דרײסיק יאָר, װען ער איז אַװעק פון דער װעלט. ער האָט אָבער באַװיזן איבערצולאָזן זײנע חסידים — און אונז אַלעמען — אַ רײכע גײסטיקע ירושה. װעגן אַ טײל פון איר — די „סיפורי־מעשיות״ — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

ו

„סיפורי־מעשיות״ פון ר׳ נחמן

צום סוף יאָר תקס״ו, עטלעכע יאָר פאַר זײן טויט, האָט ר׳ נחמן געזאָגט צו זײנע חסידים:

— איך װעל שוין אָנהײבן מעשיות דערצײלן...

און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער דערצײלערישער פּעריאָד פון זײן מינדלעכן שאַפן. פריער האָט ער זיך אָפּגעגעבן מער מיט תורה־זאָגן. זײן תורה איז אויך נישט געװען קײן הױלע אַבסטראַקציע. ער האָט, װי זײן עלטער־זײדע, דער בעש״ט, אַזױ װי ר׳ דוב־בער פון מעזריטש און אַזױ װי אַנדערע חסידישע רביים, ליב געהאַט אַרײנצופלעכטן אין זײנע רײד בילדער, משלים,

פאַרגלייכענישן און אַנדערע עלעמענטן פון קינסטלערישקייט. ער איז געווען זייער אָפּט בילדלעך אין זיינע דרייסטע, שעפערישע רייד. ער האָט זיך קיינמאָל נישט באַנוגנט נאָר מיט סתם אַזוי פרומע מחשבות, אַזוי ווי עס האָבן אים קיינמאָל נישט צופרידנגעשטעלט פאַרטיקע, איבערגעקייעטע פסוקים. ער איז שטענדיק געווען פריש און אָריגינעל. מיר ווייסן, אַז אַפילו דאַווענען פון סידור אַליין און מיט אַלעמען אינאיינעם בציבור איז פאַר אים נישט געווען גענוג און ער האָט יעדן חסיד געהייסן אַ שעה אָדער מער אין טאָג פּראַווען התבודדות אין הויז ביי זיך אָדער נאָך בעסער אין פעלד, אונטערן פרייען הימל, וווּ ער זאָל זיך קענען אויסטענהן מיט גאָט זיין באַשעפער און דורכרעדן זיך מיט אים האַרציק, אינטים („ולפרש שיחתן בינו לבין קונו בטענות ואמתלאות, בדברי חן ורצוי ופיוס"...) און ער האָט יעדן חסיד געראָטן, אַז ער זאָל פירן אָט דעם שטילן שמועס זיינעם מיטן רבונו-של-עולם „אויף דעם לשון, וואָס מיר רעדן אויף אים, דאָס הייסט: אויף לשון אשכנז, וואָרים אויף לשון-קודש וועט אים שווער זיין צו זאָגן אַלץ, וואָס ער וויל („לפרש כל שיחתן"), אויך וועט ער נישט קאָנען זיין אַזוי האַרציק, מחמת ער איז נישט צוגעוווינט צו דעם דאָזיקן לשון, וואָרים מיר רעדן דאָך נישט אויף לשון-קודש, אָבער אויף דעם לשון אשכנז, וואָס מיר באַנוצן שטענדיק, וועט אים גרינג זיין זיך אַראָפּצוחעדן פון האַרצן, וואָרים דאָס האַרץ ציט צום לשון אשכנז, צו וועלכן ער איז געוווינט א. אז. וו. א. אז. וו.". און נישט נאָר אַנדערע האָט ער געגעבן אַזעלכע עצות, ער אַליין, ווי עס שטייט אין „שבחי הר"ן", פלעגט זיך אויך אויסרעדן דאָס האַרץ פאַר השי"ת אויף טייטש מיט אַלערליי טענות — ער פלעגט אַרויסגיין אויף די פעלדער, דאָרטן זיך אויסרעדן דאָס האַרץ און בעטן זיך פאַר השי"ת, ווי אַ קינד פאַר זיין פאָטער". ער פלעגט, וויינענדיק, זאָגן תחינות אויף עברי-טייטש, און עפּטער פלעגט ער נאָך אַליין שאַפן — איםפּראָוויזירן — תחינות אויף דער שפּראַך, אויף וועלכער ער האָט געטראַכט און געפילט, אויף יידיש, און אַז אַזאַ נייע תחינה אָדער תפילה אויף טייטש איז אים באַזונדערס געלונגען, ד. ה., אַז ביי

אים האָבן זיך ארויסגעבאַפּט, ווי דער „שבחי הר"ן" זאָגט, „זייער שיינע טענות, וואָס זיי זענען אים געפעלן, פלעגט ער זיי אויפשרייבן, ער זאָל זיי קאָנען נאָכאַמאָל בעטן"...

אזוי, אז נישט נאָר אין די בילדלעכע אויסדריקן פון זיינע תורות, אויך אין זיינע איינזאַמע און הייליקע שפּאַציר-גענג, אין זיינע געהיימע, התלהבותדיקע הימנען און געבעטן צו גאָט, האָט ער ארויסגעוויזן זיין רעליגיעז-פּאָעטישע שאַפונגס-קראַפט.

גאָר באַזונדערס אָבער וויכטיק זענען, ווי א צוגרייטונג צו די מעשיות, געווען די שמועסן, וועלכע ער האָט געפירט מיט די חסידים און מקורבים. אין די געשפּרעכן האָט ער, איידער נאָך ער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן זיינע אומפאַרגלייכלעכע מעשיות, אנטפּלעקט זיין געבענטשטע פעאיקייט אויסצודריקן זיינע נייע רעיונות מיט דער הילף פון לירישע אויסגוסן און בילדלעכע פאַרגלייכונגען.

כ'וואָלט געקאָנט אויספילן א גאַנצן קאַפּיטל מיט מוסטערן פון זיינע לירישע און בילדלעכע רייד. כ'וועל זיך באַנוגענען נאָר מיט עטלעכעביישפילן:

„כ'בין געגליכן צו איינעם, וואָס בלאָנדזשעט אום טאָג און נאַכט אין א מדבר און מיעט זיך און מאַטערט זיך צו מאַכן פונעם מדבר אַ ישוב. וואָרים אין יעדן פון אייך איז דאָס האַרץ א וויסטעניש, און עס איז נישטאָ דאָרט קיין רו-אָרט פאַר דער שכינה, און קיינער פּרוּווט נישט צו געפינען עפּעס א תיקון אין זייער האַרצן און אַן אָרט פאַר דער שכינה... ווי שווער מוז מען אַרבעטן און האָרעווען ביז מען קאָן פון א ליידיקן און אומפרוכטבאַרן בוים מאַכן כלים, וואָס זאָלן נוצן דעם מענטשן! ——— אָט אזוי מוז איך האָרעווען און מאַטערן זיך מיט איטלעכן פון אייך, ביז וואַנען איך קאָן פון אים מאַכן עפּעס רעכטס"*).

---

*) די און אַנדערע ציטאַטן זענען איבערגעזעצט געוואָרן פון לשון-קודש, אחוץ די שטעלן פון „שבחי הר"ן" און „סיפורי-מעשיות", וועלכע זענען פון ר' נחמנס תלמידים אַליין פאַרשריבן אָדער איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש.

„אויגן זענען זייער אַ הויכע זאַך, און זיי זענען שטענדיק הויכע און מוראדיקע זאַכן. ווען דער מענטש זאָל זוכה זיין צו האָבן כשרע אויגן, וואָלט ער זיך דערזוסט גרויסע זאַכן נאָר פון זיינע אויגן אַליין, וואָרים זיי זעען שטענדיק, נאָר ער ווייסט נישט, וואָס זיי זעען"...

„די וועלט האַלט שיכחה (דאָס פאַרגעסן) פאַר אַ גרויסן חסרון, אָבער ביי מיר איז עס אַ גרויסע מעלה, וואָרים ווען עס זאָל נישט זיין קיין שיכחה, וואָלט מען גאָרנישט געקאָנט אויפטון אין דעם ענין פון עבודה. ווען מען זאָל געדענקען אַלץ, וואָס פּאַסירט, וואָלט מען זיך בשום אופן נישט געקאָנט דערהויבן ביז צו דינען גאָט ווי געהעריק איז"...

„אַזוי ווי אַ פאָטער האָט גרויס תענוג, ווען זיין קינד הויבט אָן צו גיין, הגם עס קאָן נאָך נישט גיין גוט, אַזוי פרייט זיך גאָט מיט אַ ייִדן, וואָס טוט אַ מצווה (הגם ער טוט עס נישט ווי געהעריק איז)"...

איינמאָל האָט ער געזאָגט: איך האָב נישט קיין געגנער. די געגנער זענען קעגן יענעם, וועלכער טוט דאָס, וואָס זיי האָבן אויסגעטראַכט, אַז ער טוט, און מיט יענעם קאָן מען טאַקע נישט נישט זיין איינשטימיק"...

אָדער אַזעלכע מיני ווערטלעך:

„גאָט איז מיט דיר, ביי דיר, לעבן דיר, שרעק דיך נישט, מיין ליב קינד, קיין יאוש איז גאָרנישט פאַראַן"... „אפילו אין שאול תחתיה קאָן מען זיך מתקרב זיין צו השם-יתברך"...

אָדער:

„אַמאָל פליט עפּעס דורך אין דער מחשבה אַזוי ווי אַ גיך פליענדיקער פויגל. מען דאַרף האָבן פיל כוח און שכל דעם פויגל צו כאַפּן".

אַמאָל האָט ער געוואָלט געבן צו פאַרשטיין זיינע חסידים, פאַרוואָס ער האָט אַזוי פיל פיינט און נישט נאָר צווישן די מתנגדים, אויך צווישן חסידישע גוטע-יידן, האָט ער געזאָגט: „איך בין געגליכן צו איינעם, וואָס זינגט, און דער עולם ארום אים לאָזט זיך אַוועק טאַנצן. דער וואָס הערט נישט, פילט נישט

דעם ניגון, וואונדערט זיך: וואָס טאַנצן זיי דאָרט? אזוי איז ביי די לייט א חידוש, וואָס איר גייט נאָך מיר"... די לייט, הייסט עס, הערן נישט דעם ניגון, פאַרשטייען זיי נישט דעם טאַנץ... אָבער דעם משל האָט ער, דאַכט זיך מיר, גענומען ביים בעש"ט. וועל איך ברענגען עטלעכע אַנדערע בילדלעכע ווערטלעך: „איך קען מאַכן, זאָגט ער, וואונדערלעכע כלים. דער חסרון איז נאָר, וואָס איך מוז אַליין אויך צוגרייטן דאָס געצייג"... איינמאָל האָבן אים די חסידים געפרעגט, פאַרוואָס איז ער אומעטיק, האָט ער זיי געענטפערט: „ער האָט א שווערע אַרבעט צו טון: ער גייט דורך א ווילדן וואַלד אַליין און מוז אויסהאַקן ביימער, וואָס שטייען דאָרט טויזנטער יאָרן; ער מוז האַקן און האַקן, ביז עס וועט ווערן א וועג"... אַן אַנדערש מאָל האָט ער בשעת א שמועס אַרויסגעבראַכט אַזא מין וואונדערלעך-סימבאָליש בילד וועגן מענטשלעכע זוכענישן און מענטשלעכע תאוות: „דער יצר-הרע איז געגליכן, האָט ער געזאָגט, צו איינעם, וואָס גייט אום מיט א צוגעמאַכטער האַנט, און קיינער ווייסט נישט, וואָס ער האַלט דאָרטן. „וואָס האַלט איך?", פרעגט ער פאַרפירעריש יעדן איינעם," און יעדער מיינט, אַז יענער האָט אין זיין האַנט דאָס, וואָס אים וואָלט זיך וועלן האָבן, דערפאַר יאָגן זיך נאָך אים אַלע, אָבער שפעטער, אַז ער עפנט-אויף די האַנט, זעט מען, אַז ס'איז אין איר גאָרנישט נישטאָ"...

אָדער אַזעלכע מיני ווערטלעך:

„יעדער מענטש האָט זיין גן-עדן אויסגעמאָלן אויף זיין פנים"... „יעדער מענטש מוז דורכגיין דורך זייער און זייער א שמאָל בריקל, איז דער עיקר — נישט שרעקן זיך"... „עס איז נישט גענוג אַלט צו זיין. א חסיד א זקן טויג נישט און א רבי א זקן טויג אויך נישט. עס טויג נישט זיין אַלט"...

אַזוינע בילדער, משלים, ווערטלעך פלעגט ער אָפט געברויכן אין זיינע געשפּרעכן מיט די תלמידים. אָבער דאָס זענען געווען נאָר איינציקע, צעוואָרפענע ברעקלעך פּאָעזיע... דאָס זענען געווען פונקען... און אין אים האָט געברענט א פלאַם פייער! אין אים האָבן געברויזט, זוכנדיק אַן אויסגאַנג, פייערדיקע קוואַלן

פון פאַנטאַזיע. אים האָט זיך געגלוסט שאַפן עפּעס אַ כּלי־שלם׳ ארויסבּישופן פון דער טונקלקייט פון זיינע זעונגען אַ וועלט... די איינציקע סימבּאָלישע בּילדלעך האָבן אים נישט צופרידנגעשטעלט. ער האָט געוואָלט דערציילן גאַנצע מעשיות... „איך טראָג אין זיך, האָט ער געזאָגט, אַסך נאַקעטע מחשבות, און עס איז מיר שווער זיי אָנצוקליידן"... די מ ע ש י ו ת האָבן געדאַרפט זיין די אָנקליידונג, דער לבוש פון אָט די נאַקעטע און דרייסטע מחשבות. די מ ע ש י ו ת האָבן געדאַרפט שטילן דעם הונגער פון זיין בּרענענדיקער פאַנטאַזיע, שטילן איר דורשט נאָך פאַרקערפּערונג, נאָך געשטאַלטונג.

ער האָט זיך אַליין אָבּער נישט געוואָלט אויסזאָגן דעם סוד, אַז עס גלוסט זיך אים פּשוט שאַפן בּילדער און געשטאַלטן, ווי מיר רופן עס איצט. ער האָט זיך אַליין דעם סוד נישט געטאָרט אויסזאָגן. דאָס וואָלט דאָך הייסן עובר זיין אויפן לאו, וואָס זאָגט: „מאַך זיך נישט קיין בּילד און קיין שום געשטאַלט". דאָס וואָלט דאָך הייסן שיר נישט דינען עבודה־זרה. נעמען סתּם אַזוי און דערציילן מעשיות פון בּת־מלכּות, פון גילדענע בּערג מיט פערלענע שלעסער, פון אַן ער און אַ ז י, וואָס זענען נאָר איין פּאָר אויף דער וועלט און וואָס האָבן זיך פאַרבּלאָנדזשעט און קאָנען זיך נישט געפינען; פון אַ הארץ, וואָס בּענקט נאָכן קוואַל אויפן שפּיץ בּארג, און אַ קוואַל, וועלכער שעפּט זיין גאַנצן חיות פון הארץ, וואָס בּענקט נאָך אים, — דאָס הייסט דאָך שיר נישט נאָכטון די אפּיקורסישע טרייף־פּסולן... און דאָס האָבן נישט נאָר ר׳ נחמנס געגנער געהאַלטן פאַר אַ חטא און סתּם אַ הילדער זאַך, וואָס פּאַסט נישט פאַר אַן ערלעכן יידן און אוודאי נישט פאַר אַ גוטן־יידן. ר׳ נחמן אַליין וואָלט זיך קיינמאָל נישט פאַרגינען צו שפּילן זיך מיט מעשיות גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, און עס פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט עס געטון נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט אַריינגעלייגט אין זיי די טיפסטע, רעליגיעז־מיסטישע כּוונות... „אַ צדיק, האָט ער געזאָגט, מוז אַמאָל אָנקליידן די תּורה אין סיפּורי מעשיות", כּדי מען זאָל זי בּעסער פאַרשטייען... „אַפילו די תּורה אַליין איז אָנגעקליידט אין מעשיות, מחמת

אנדערש האָט מען זי נישט געקאָנט געבן"... „די וועלט זאָגט, האָט ער געענטפערט זײַנע געגנער, אַז מעשיות זענען גוט אײַנצושלעפערן, און איך זאָג — אַז מיט מעשיות וועקט מען מענטשן פון שלאָף"... „עס זענען פאַראַן מענטשן, וואָס שלאָפן־אָפּ אַלע זייערע יאָרן — — זיי מוזן דעריבער אָנקומען צו דער הילף פון צדיק, ער זאָל זיי מעורר זײַן פון זייער שלאָף, ער זאָל זיי ווידער מלביש זײַן אין דעם פּנים, וואָס האָט זיך אָפּגעטון פון זיי, בשעת זיי האָבן געשלאָפן — — — און אַז מען וויל זיי ווײַזן דעם אמתן פּנים זייערן, אַז מען וויל זיי העלפן, באַדאַרף מען זיי מלביש זײַן דעם פּנים אין סיפּורי מעשיות, כּדי עס זאָל זיי נישט פאַרשאַטן דאָס גרויסע ליכט פּלוצלינג"... „אַפילו פון די גויאישע מעשיות, האָט ער געוואַגט צו זאָגן, שרײַט אויך אַרויס די גלאָריע פון גאָט („ואפילו מסיפורי הגוים צועק גם כן כבוד השי"ת"). און נאָר פון גאָטס כּבוד וועגן האָט ער עטלעכע יאָר פאַר זײַן פּריצײַטיקן טויט אָנגעהויבן צו דערציילן מעשיות פאַר זײַנע חסידים.

ווי מיר וועלן זען שפּעטער, זענען עס געווען מעשיות, וואָס פאַראייניקן אין זיך אויסערלעכע אומבאַהאָלפנקייטן מיט די וווּנדערלעכסטע קינסטלערישע און מעטאַפיזישע פײַנקייטן, מעשיות, וואָס איינציקע פון זיי זענען, בײַ אַלע זייערע טעכנישע פעלערן און בײַ זייער גאַנצער פראַגמענטאַרישקייט, אַזוי טיף אינהאַלטלעך, אַזוי פאַנטאַסטיש אָריגינעל, אַזוי אויסטערליש שיין, אַז זיי האָבן נישט קיין גלײַכן צו זיך אין אונזער גאַנצער ליטעראַטור, זיי שטעלן פאָר מיט זיך אַ געניאַלן פּרוּוו צו שאַפן אַן אײַנהייט פון אַזעלכע צוויי היפּוכים, ווי קלאָרע פאָלקס־מעשיות און טונקעלע, פאַרפלאָנטערטע קבלה־זעונגען, און ווען מען רעדט וועגן יידישן נוסח אין אונזער וואָרט־שאַפונג, מוזן זיי גענומען ווערן פאַר איינעם פון די שענסטע מוסטערן...

זיי זענען, יעדנפאַלס, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, די העכסטע דערגרייכונג אין דער וועלט פון די חסידישע דערציילונגען, וועלכע זענען אונז באַקאַנט. זיי האָבן דעם ברייטסטן פאַרנעם, זיי זענען די רײַכסטע אין פאַנטאַזיע, די פאַרשידנאַרטיקסטע לויט זייערע מאָטיוון, די אָריגינעלסטע און די קינסטלערישסטע צווישן די אַלע דערציילערישע שאַפונגען פון חסידישע רביים. זיי זענען,

אחוץ דעם, מער ווי אַלע אַנדערע חסידישע מעשיות, אַ צייכן פון אַ מאַניפעסטאַציע פון זייער צייט, פון דער צייט, ווען עס האָט זיך פונאַנדערגעברענט דער קאַמף צווישן חסידות און השׂכּלה, מיסטיק און ראַציאָנאַליזם, גלויבן און פאַרשטאַנד. זיי זענען אָבער מער ווי די אַנטפּלעקונג און דער אויסדרוק פון אַ געוויסער עפּאָכע. זיי האָבן אַ דויערנדיקן ווערט.

ז

ווי זענען די מעשׂיות באַשאַפן געוואָרן?

איידער מיר גייען איבער צו דער באַטראַכטונג פון זייער אייגנטלעכן ווערט, מוזן מיר ענטפערן אויף אַן אַנדער פראַגע, אויף דער פראַגע: ווי זענען זיי באַשאַפן געוואָרן, אָט די וווּנדערלעכע וווּנדער-געשיכטן?

ר' נחמן האָט זיי נישט געשריבן, ער האָט זיי דערציילט אויסנווייניק, — ער האָט זיי אימפּראָוויזירט.

ער האָט עס געטון ביי די פאַרשידנסטע געלעגנהייטן, ביי אַלערליי אומשטענדן. איין מעשה (מיט דער פאַרלוירענער בת-מלכּה) האָט ער דערציילט, זייענדיק אין וועג מיט חסידים (דער-נאָך האָט ער זי איבערדערציילט). די מעשה מיט דעם פאַרביטענעם בן-מלך און דעם פאַרביטענעם בן-שפחה האָט ער איבער-געגעבן, ווען עס איז געקומען צו רייד וועגן נאַפּאָלעאָנען, וואָס „פריער איז ער געווען אַ פּשוטער אונטערטאַן און דערנאָך איז ער געוואָרן אַ קייסער". די — אַגב, נישט פאַרענדיקטע — מעשה פון די זיבן בעטלערס, די אָריגינעלסטע און די טיפסטע פון אַלע „סיפּורי-מעשיות", האָט ער אָנגעהויבן צו דערציילן אַמאָל שבת-צו-נאַכט, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אָן עפּעס אַ בריוו, וואָס זיין טייערער תּלמיד ר' נתן האָט געשריבן צו זיינעם אַ פריינט.

ר׳ נתן האָט אין יענעם בריוו גערעדט וועגן דעם ענין פון שמחה. האָט זיך אָפּגערופן ר׳ נחמן און געזאָגט: „איך וועל אייך דערציילן, ווי אזוי מע איז אַמאָל פריילעך געווען". און ער האָט דערציילט דעם ערשטן טייל פון דער מעשה. אַן אַנדער טאָג, ביי אַ געוויסער געלעגנהייט, האָט ער איבערגעגעבן דעם צווייטן טייל, און אזוי כּסדר... די מעשה מיט דעם בעל-תּפילה האָט ער דערציילט נאָכדעם, ווי ער האָט גערעדט אַ שמועס מיט דעם בראַסלאַווער חזן, וועלכער האָט גראָד געטראָגן אַ צעריסענעם מלבוש. „דורך תּפילה, האָט ער געזאָגט צו אים, ווערן דאָך נמשך אַלע השפּעות, היינט פאַרוואָס זאָלסטו נישט האָבן כאָטש קיין גאַנצן קאַפּטן?" און באַלד האָט ער אָנגעהויבן צו דערציילן: „עס איז שוין אַמאָל געווען אַזאַ מעשה. אַמאָל איז געווען אַ בעל-תּפילה" א. אַז. וו. די מעשה מיט אַ בערגער און אַן אָרימאַן, האָט ער אימפּראָוויזירט נאָכדעם, ווי ער האָט געהערט עפּעס אַ שמועס וועגן אַ כּתב מיט גילדענע אותיות..., א. אַז. וו.

ער האָט תּמיד ליב געהאַט צו הערן נייעס פון דער וועלט — „סיפּורי שיחות-חולין". ער האָט אויך ליב געהאַט צו לייענען אַלערליי מעשיות, און אָט די שמועסן מכּוח וועלט-זאַכן, ווי אויך די מעשה-ביכלעך, האָבן נישט איינמאָל סטימולירט אים און געגעבן אים שטאָף פאַר עפּעס אַ פאַנטאַסטישער געשיכטע... מען דאַרף רעכענען, אַז דער עיקר געדאַנק און דעם הויפּט-פּאָרם פון דער מעשה האָט ער שוין פריער געהאַט אין קאָפּ, נאָר אין דעם פּראָצעס פון דערציילן האָט זיך עס פונאַנדערגעוויקלט. עס האָט זיך אזוי ווי געעפנט אין אים עפּעס אַ פאַרהוילענער קוואַל, דער אָנגעזאַמלטער רויער שטאָף איז אין דעם קוואַל געלייטערט, גערייניקט געוואָרן, די לאַנג שוין אויסגעוואַקסענע און מיט זאַפט פולע קערנדלעך זענען צייטיק געוואָרן...

וואָס איז שייך צו דעם דערציילונגס-שטאָף, האָט ער נישט שטענדיק אים אליין געשאַפן אינגאַנצן. אָפט האָט ער טיילן — עפּיזאָדן, פאַרשוינען, איינציקע דערציילערישע מאָטיוון — געפונען פאַרטיקערהייט אין די יידישע און נישט-יידישע פאָלקס-מעשיות, וועלכע ער האָט געהערט, אָדער געלייענט. אשטייגער, די בתּי-

מלכות, די רויבער, די בעטלערס זענען אונזערע אַלטע גוטע באַקאַנטע. זיי געפינען זיך אין אַלע מעשיות ביי אַלע פעלקער. און נישט נאָר די פאַרשוינען, — גאַנצע עפּיזאָדן פון ר׳ נחמנס מעשיות זענען גענומען פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן דערציילונגס-אוצר. אזוי, צום ביישפּיל, איז דאָ אַ לעטישע פאָלקס-מעשה, וואָס איז שטאַרק ענלעך צו ר׳ נחמנס מעשה פון אַ פאַרלאָרענער בת-מלך. דער לעטישער פאָעט ראַיניס האָט זי אויסגענוצט פאַר זיין דראַמאַטישער פאָעמע „דאָס גילדענע פערד״. ביי ראַיניסן שלאָפט די בת-מלכה אין אַ גלעזערנעם אָרון אויף אַ גלעזערנעם באַרג. ביי ר׳ נחמנען געפינט זי זיך אין אַ פּערלענעם שלאָס אויף אַ גילדענעם באַרג. ווידער, אין דער לעטישער מעשה ווערט דער, וואָס וועט אַראָפּפירן די בת-מלכה פון דעם גלעזערנעם באַרג און זי אויפוועקן, נעמען זי פאַר אַ ווייב; ביי ר׳ נחמן רעדט זיך נישט וועגן קיין שום באַלוינונג: דער שני-למלך גייט זי זוכן נאָר דערפאַר, ווייל ער קאָן נישט צוזען דעם צער פון איר פאָטער, דעם מלך. אין ביידע פאַלן אָבער מוז דער רעטער פון דער בת-מלכה מוסר-נפש-זיין זיך*).

אין דער זעלביקער מעשה פון דער פאַרלאָרענער בת-מלך איז דאָ נאָך אַ מאָטיוו, וואָס מען טרעפט זייער אָפט אין אַלער-ליי פאָלקס-מעשיות. דאָס איז דער מאָטיוו פון אויספרעגן די ווינטן, די פויגלען א. ד. גל. מען באַגעגנט עס אין דער פינישער קאַלעוואַלא (פופצנטער געזאַנג), אויך אין פושקינס „מעשהלע פון זיבן גבורים״... ענלעכע דערציילונגס-מאָטיון צו די, וועלכע זענען דאָ אין דער מעשה פון דער פאַרלוירענער בת-מלך, געפינען זיך אויך אין די דייטשע מעשהלעך פון די ברידער גרים, אויך אין דעם פוילישן פאָלקלאָר**).

---

*) זע „סבאָרניק לאַטישסקאָי ליטעראַטורי״ (רוסיש), אונטער דער רע-דאַקציע פון אַ. בריוסאָוו און מאַקסים גאָרקי, 1916, ז. 272.

**) זע ש. פּיטרושקה: מקור פולני לספורי-מעשיות של ר׳ נחמן מבראַ-סלאַוו, „כתובים״, מ״ב, תל-אביב, 1929.

אָבער ווי אומעטום, איז דאָ אויך וויכטיק די פאָרם און די אידעע, נישט דער שטאָף. די פאָרם, ווי אויך די אידעע איז ביי ר׳ נחמנען שטענדיק במעט אָריגינעל...

נאָר איידער מיר טרעטן־צו צו דער אָפּשאַצונג פון די מעשיות, מוזן מיר נאָך א פּונקט קלאָר מאַכן. ווי מיר האָבן געזען, זענען זיי א פּראָדוקט פון מינדלעכן שאַפן; אָבער צו אונז זענען זיי דערגאַנגען אין א שריפטלעכער פאָרם. פרעגט זיך: ווי איז׳ס געשען? און ווי קאָנען מיר זיין זיכער, אז זיי זענען פאַרשריבן געוואָרן פּונקט אין דעם זעלביקן נוסח, אין וועלכן ר׳ נחמן האָט זיי דערציילט?

דער ענטפער איז אזא:

ר׳ נחמן האָט אין די לעצטע ניין יאָר פון זיין לעבן געהאַט א זעלטענעם תלמיד. זיין נאָמען איז געווען ר׳ נתן שטערנהארץ, אָדער ר׳ נתן נעמיראָווער. און אָט דעם טרייען, איבערגעגעבענעם חסיד האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם גרעסטן טייל פון דעם, וואָס מיר פאַרמאָגן פון ר׳ נחמנען און פון דעם וואָס מיר וויסן וועגן אים. ר׳ נתן איז פאַר דעם בראַסלאַווער געווען דאָס, וואָס ר׳ חיים וויטאַל פאַר ר׳ יצחק לוריע, ר׳ יעקב־יוסף פאַרן בעש״ט, באָסוועל פאַר ד״ר דזשאָנסאָן, אָדער עקערמאַן פאַר געטען, — אויב נישט נאָך מער. ר׳ נתן האָט פאַרשריבן אַלע תורה־ווערטלעך ר׳ נחמנס, דערביי האָט ער אויך געגלויבט, אז זיין שיחת־חולין איז אויך תורה. ר׳ נחמן פלעגט אָפט איבערזאָגן זיין תורה פאַר אים — אויף יידיש, פאַרשטייט זיך — און ער, ר׳ נתן, פלעגט עס פאַרשרייבן אויף לשון־קודש, איבערלאָזנדיק אָפט איינציקע, גאָר באַזונדערס וויכטיקע, ווערטלעך אויף יידיש. דאָס רוב פלעגט ער דערנאָך פאָרלייענען פאַרן רבין, וואָס ער האָט פאַרשריבן, כדי צו זיין זיכער, אז ער האָט אַלץ ריכטיק איבערגעגעבן. ר׳ נחמן האָט שטאַרק מקפיד געווען, אז זיינע רייד זאָלן פאַרצייכנט ווערן וואָרט אין וואָרט, אות באות. און ער האָט לאַנג געזוכט אזא טרייען און פעיקן מענטשן, ווי ר׳ נתן. „אסך מאָל, האָט ער געזאָגט, טרעפט, אַז איך מוז אַרויסברענגען עפּעס א געדאַנק („אני צריך להוציא דיבורים”), דאַרף איך אימיצן האָבן,

איך זאָל עס קאָנען פאַר אים זאָגן". קיין בעסערן מענטשן פאַר אַזאַ התמנות, ווי דעם הייסן נעמיראָווער חסיד, האָט ער נישט געקאָנט געפינען. ר' נתן האָט הייליק געהאַלטן און ממש פאַרגע־טערט יעדעס וואָרט, וואָס איז אַרויס פון רבינס מויל, און יעדע תנועה, וואָס ער האָט געמאַכט.

דערהויפּט האָט ר' נתן געציטערט איבער די מעשיות. וועגן זיי האָט דער בראַסלאַווער אַמאָל אויסגעדריקט אַ ווונטש, אַז זיי זאָלן געדרוקט זיין אויבן אויף לשון־קודש און אונטן אויף יידיש, ווי מען פלעגט אַמאָל דרוקן געוויינלעך מוסר־ספרים. דערפאַר האָט ר' נתן זיך געמוזט אַנדערש באַגיין מיט די וויכטיקערע מעשיות, ווי מיט אַלע איבעריקע זאַכן, וואָס ער האָט געהערט פון רבין. יענע פלעגט ר' נחמן אים דיקטירן אויף יידיש און ער האָט זיי גלייך אויפן אָרט איבערגעזעצט און פאַרשריבן אויף לשון־קודש, ווייל זיי האָבן געזאָלט זיין געדרוקט נאָר אויף לשון־קודש; די וויכטיקערע מעשיות אָבער, די מעשיות, וועלכע ר' נחמן האָט געוואָלט דרוקן איןביידע שפּראַכן, האָט ר' נתן, ווי עס ווייזט, פאַרשריבן אויף יידיש, אַזוי ווי ער האָט זיי געהערט פון רבינס מויל אָדער פון אימיצן פון די חסידים, די חוזרים, און דערנאָך האָט ער זיי וואָרט אין וואָרט איבערגעזעצט אויף אַ שטאַרק פאַריידישטן העברעיש. דאָס העברעיש איז פאַריידישט געוואָרן דערפאַר, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז פאַר דעם אָדער יענעם וואָרט, פאַר אַזאַ אָדער אַן אַנדער אויסדרוק וועט ער אין לשון־קודש נישט געפינען קיין עקוויוואַלענט. אין אַזעלכע פאַלן האָט ער דאָס יידישע וואָרט אָדער אויסדרוק געלאָזן אַזוי ווי עס איז און בעסער גאָרנישט איבערגעזעצט, אָדער ער האָט געגעבן אַזאַ בוכשטעבלעכע פאַרטייטשונג, וועלכע מען קאָן פאַרשטיין נאָר ווען מען ווייסט יידיש*).

עטלעכע יאָר נאָך ר' נחמנס טויט האָט ר' נתן די סיפורי־מעשיות, וועלכע זענען שוין פריער, אגב, פאַרשפּרייט געווען אין פאַרשידענע האַנטשריפטלעכע און אָפט פאַרגרייזטע

*) זע ווייטער קאַפּיטל ח.

קאַפּיעס, פאַרעפנטלעכט. (דאָס איז געווען אין יאָר 1815 – אין דעם זעלביקן יאָר, ווען עס איז צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט געוואָרן „שבחי בעל-שם-טוב".) ער האָט זיי אָפּגעדרוקט, נישט געקוקט אויף דער גרויסער און שאַרפער געגנערשאַפט פון אַסך חסידישע רביים.

אין זיין שפּעטער פיל מאָל איבערגעדרוקטער אויסגאַבע האָט ר' נתן אַריינגענומען נאָך דעם וויכטיקערן און מער אָריגי-נעלן טייל פון די מעשיות און משלים, וועלכע ר' נחמן האָט דערציילט, און נאָך דרייצן פון זיי: אַ מעשה מיט אַ פאַרלוירענער בת-מלך; אַ מעשה מיט אַ מלך און אַ קייסער; אַ מעשה מיט אַ הינקעדיקן; אַ מעשה מיט אַ מלך, וואָס האָט גוזר געווען שמד; אַ מעשה מיט אַ בן-מלך; אַ מעשה מיט אַ מלך און אַ חכם; אַ נישט-פאַרענדיקטע מעשה מיט אַ מלך; אַ מעשה מיט אַ רב און זיין בן-יחיד; אַ מעשה מיט אַ חכם און אַ תם; אַ מעשה מיט אַ בערגער און אַן אָרימאַן; אַ מעשה מיט דעם בן-מלך און דעם זון פון אַ דינסט, וועלכע זענען פאַרביטן געוואָרן; אַ מעשה מיט אַ בעל-תפילה; אַ מעשה (אָן אַ סוף) מיט זיבן בעטלערס האָט ער אָפּגעדרוקט אין ביידע נוסחאות – – אין דעם אָריגינעל יידישן נוסח און אין אַ העברעישער איבערזעצונג. פון די איבעריקע מעשיות, אויב זיי זענען בכלל אויפגעהיט געוואָרן, איז, ווי ווייט מיר ווייסן, פאַרבליבן נאָר דער טעקסט פון אַ העברעישער אי-בערזעצונג (די מעשה מיט דעם הענגלייכטער און אַפּאָר אַנדערע אין ר' נתנס אויסגאַבע; „מעשה מביטחון" אין אַ ירושלימער אויס-גאַבע און פאַרשידענע קליינע מעשהלעך אין „ספר סיפורי-מעשיות חדשים", וואַרשע).

ח

אויף וואָסער שפּראַך זענען די מעשׂיות פאַרשריבן געוואָרן?

ביז לעצטנס איז בײַ קײנעם נישט געווען קײן ספק, אַז ר' נחמנס מעשׂיות זענען פאַרשריבן געוואָרן אין דער שפּראַך, אין וועלכער זײ זענען דערצײלט געוואָרן, ד. ה. אויף ייִדיש. אַלע זענען געווען זיכער, אַז פון דעם בראַסלאַווערס סיפּורי־מעשׂיות איז להיפּוך צו אַנדערע חסידישע דערצײלונגען אויפגעהיט געוואָרן דער ייִדישער אָריגינאַל, נישט נאָר אַ העברעישע איבערזעצונג. לעצטנס איז ש. צ. זעצער אַרויס מיט אַ נײַער טעאָריע בנוגע צו אָט דער פראַגע. ער האָט דאָס געטון אין דעם אַרײַנפיר צו זײַן נײַער „וויסנשאַפטלעכער אויסגאַבע" פון די סיפּורי־מעשׂיות.

(סיפּורי־מעשׂיות, וווּנדער־מעשׂיות פון רבי נחמן בראַסלאַווער, אַ וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבע, לויט די פאַרשידענע טעקסטן אין העברעיש און ייִדיש, מיט אַן אײַנלײטונג, באַמערקונגען, ערקלערונגען און באַלײַכטונגען פון ש. צ. זעצער. פאַרלאַג „פייערבערג", ניו־יאָרק, תרפ"ט, ש"מ זײַטן.)

ש. צ. זעצער האָט צו די דרײַצן מעשׂיות, וואָס געפינען זיך אין די געוויינלעכע אַלטע אויסגאַבן, צוגעגעבן אַ פערצנטע, — „אַ מעשׂה מיט אַ הענגלײַכטער". די קורצע מעשׂה, אָדער, ריכטיקער, דעם משל, האָט ר' נתן פאַרעפנטלעכט נאָר אויף העברעיש... אחוץ דער מעשׂה פון הענגלײַכטער, וועלכע ש. צ. זעצער האָט באַאַרבעט פון העברעיש, האָט ער אין זײַן אויסגאַבע אַרײַנגענומען אויך ייִדישע איבערזעצונגען פון ר' נתנס צוויי הקדמות און פון אײניקע זײַנע באַמערקונגען צו די מעשׂיות, וואָס איז פון ר' נתנען געשריבן געוואָרן אויף העברעיש. און ש. צ. זעצערן

קומט אַ יישר־כּוח דערפֿאַר, וואָס ער האָט עס איבערגעזעצט אויף ייִדיש. ר׳ נתנס הקדמות, ווי אויך זיינע באַמערקונגען, זענען העכסט ווערטפֿול, און דער ייִדישער לעזער וועט פֿיל לערנען פֿון זיי סיי וועגן די עצם מעשיות, סיי וועגן דעם גייסט, אין וועלכן זיי זענען אין זייער צייט אויפֿגענומען געוואָרן פֿון די חסידים. מיטן אַרייננעמען די הקדמות, די הערות און די לעצטע מעשה האָט דער גייער אַרויסגעבער פֿון די „סיפּורי־מעשיות" זיך נישט באַגרענעצט. ער האָט צוגעגעבן צו זיי, אַחוץ פֿאַרשידענע אָנמערקונגען און דערקלערונגען, אויך אַן אַלגעמיינע איינלייטונג.

אין זיין אַריינפֿיר קומט ש. צ. זעצער צום פֿאָלגנדיקן שלום:

ר׳ נחמן האָט די מעשיות טאַקע דערציילט אויף ייִדיש, אָבער זיין תּלמיד, ר׳ נתן, האָט זיי פֿאַרשריבן אויף העברעיש, און ערשט שפּעטער, ווען ער האָט געקליבן זיי אָפּדרוקן, „איז פֿון אים געמאַכט געוואָרן, רעפּראָדוצירט פֿון העברעישן טעקסט, דער ייִדישער טעקסט" (ז. כ״ט), אָדער, ווי זעצער דריקט זיך אויס אין אַן אַנדער אָרט, — „דערנאָך איז ווידער פֿון דער דאָזיקער העברעישער איבערזעצונג צוריקאויפֿגעשטעלט געוואָרן דער פֿריערדיקער מינדלעכער אָריגינאַל (ז. מ.). אָדער, מיט אַנדערע, איינפֿאַכערע ווערטער, דער ייִדישער טעקסט איז „אַן איבערזעצונג פֿון אַ העברעישן טעקסט, וועלכער איז אַליין אַן איבערזעצונג פֿון דער זעלבער ייִדישער שפּראַך, אויף וועלכער ער איז נאָכדעם איבערזעצט געוואָרן" (דאָרט).

אויף וואָסער סמך האָט ש. צ. זעצער געמאַכט אָט דעם אויספֿיר? פֿון זיינע אַלע רייד האָב איך געקאָנט אַרויסקריגן נאָר די פֿאָלגנדיקע צוויי מאָטיוון, אויף וועלכע זיין השערה וואָלט זיך געקאָנט שטיצן:

א) די מעשיות זענען נישט בעסער פֿון אַלע אַנדערע תּורות, וואָס ר׳ נתן האָט געהערט פֿון זיין רבין; יענע האָט דער תּלמיד פֿאַרשריבן אויף העברעיש, מסתּמא האָט ער די אויך פֿאַרשריבן לכתּחילה אויף לשון־קודש, ב) אין אַסך שטעלן פֿון די מעשיות „זעען מיר עס קלאָר, אַז ווען זיי וואָלטן געווען געשריבן

געוואָרן אָריגינעל אין יידיש, וואָלטן זיי געווען ארויסגעקומען אויף א גאנץ אנדער אופן, ווי מיר האָבן זיי איצט פאר זיך. וואָסערע שטעלן זענען עס און ווו זענען אין זיי „די בולטע סימנים פון דער העברעישער איבערזעצונג" — דאָס זאָגט אונז נישט דער פּראָפעסאָר. ער ברענגט נישט קיין איינאיינציקע שטעלע, אין וועלכער עס זאָלן זיין באמת „בולטע סימנים", וואָס זאָלן צייגן, אז דאָס איז אן איבערזעצונג פון העברעיש. און דער אמת איז, אז דאָ און דאָרט קאָן מען טאקע געפינען אן אויסדרוק, וואָס איז גענומען פון העברעיש, אָבער דאָס באווייזט נישט, אז די גאנצע מעשה איז איבערגעזעצט געוואָרן פון דער העברעישער איבערזעצונג. ערשטנס, האָט ר' נחמן אפילו רעדנדיק יידיש געקאָנט באנוצן אמאָל א העברעישן אויסדרוק און צווייטנס, זענען די דאָזיקע העברעיזמען אין דעם יידישן טעקסט אזא זעלטנהייט, אז זיי ווערן ממש בטל אנטקעגן דעם ריינעם, אָפט אידיאָמאטישן יידיש, אין וועלכן עס איז געשריבן דער גאנצער טעקסט, און עס איז גענוג איבערצולייענען נאָר איין זייטל אין וועלכער עס איז א מעשה אי אויף יידיש, אי אויף העברעיש, כדי צו זען ווו עס איז דער אָריגינאל און ווו — די איבערזעצונג.

וועל איך נישט אָפּשטעלן זיך אויפן באווייז ב', פונקט ווי איך האלט נישט פאר נויטיק צו רעדן וועגן דער נישט-דערוויזענער באהויפּטונג, אז דער יידישער טעקסט איז אין אסך ערטער פון א נידעריקערער קוואליטעט, ווי דער העברעישער. אין סוף פון ר' נתנס צווייטער הקדמה געפינען מיר, פארקערט, א התנצלות פאר דעם העברעישן נוסח, פארוואָס עס געפינען זיך אין אים „גראָבע אויסדרוקן" (לשונות גסים) און „צו פּשוטע ווערטער" (לשונות פשוטים). אויך א. כהנא שרייבט, אז ר' נתנס העברעישע איבערזעצונג האָט קיין פנים נישט („בלי צורה"). וועל איך זיך אָפּשטעלן נאָר אויף דעם זיכערן פונקט, וואָס אלע ר' נחמנס תורות און ווערטלעך האָט ר' נתן פארשריבן נאָר אויף העברעיש. צי ווייזט עס נישט, אז אויך די מעשיות זענען פארצייכנט געוואָרן לכתחילה נאָר אויף לשון-קודש? ניין, ענטפער איך, מען קאָן נישט פארגלייכן די מעשיות צו אלע אנדערע זאכן. יענע

האָט ר׳ נחמן נישט געוואָלט האָבן געדרוקט אי אויף לשון-קודש, אי אויף יידיש. וועגן די מעשיות אָבער האָט ער, ווי ר׳ נתן גיט איבער אין זיין הקדמה, דערקלערט בפירוש, אַז ער וויל דרוקן אַ ספר מיט מעשיות, וואָס זאָל זיין „געשריבן אויבן אויף לשון-קודש און אונטן בלשון לעז״, ד. ה. אויף יידיש. און ווי באַלד אַז ר׳ נחמן האָט געוואָלט אָפּהיטן דעם יידישן נוסח פון די מעשיות, איז אָט דער נוסח פאַר די תלמידים זיינע און בפרט פאַר ר׳ נתנען דערפאַר אַליין שוין געווען הייליק, און נישט נאָר דער נוסח אינגאַנצן גענומען, נאָר יעדעס וואָרט באַזונדער איז געווען קודש. „יעדעס וואָרט אין זיי האָט אַ טיפע כוונה (אַזוי האָט ר׳ נחמן אַליין אַמאָל געזאָגט צו זיינע מקורבים), און ווער עס ענדערט נאָר איין וואָרט, ענדערט די עצם מעשה״. און אויפן שער-בלאַט שטייט, אַז „עס איז אין זיי נישטאָ איין וואָרט, וואָס עס זאָל זיין פשוט״, איטלעכס וואָרט, וואָס עס שטייט דאָ אין דעם הייליקן ספר, איז קודש קדשים, לויטער סודות התורה״, — ווי עס האָבן געגלויבט די תלמידים. היינט פאַרוואָס זאָל מען טראַכטן, אַז ר׳ נתן האָט נישט געטון דעם רבינס ווילן און נישט פאַרשריבן די מעשיות וואָרט אין וואָרט, ווי ער האָט זיי דערציילט, נאָר פאַרלאָזן זיך אויף אַן איבערזעצונג, וואָס ער האָט געמאַכט פון דעם העברעישן טעקסט, וועלכער איז אַליין אַן איבערזעצונג? פאַרוואָס זאָל מען טראַכטן, אַז ביי אָט דעם איבערגעגעבנסטן פון אַלע תלמידים זאָל זיין רעכט צו ענדערן אַ וואָרט און דערמיט ענדערן די עצם מעשה? שרייבט דאָך ש. צ. זעצער אַליין, „אַז ר׳ נתן האָט געטון די אַרבעט זיינע איבערצוגעבן די „סיפורי-מעשיות״ פון רבין זיינעם באימה וביראה, וברתת ובזיעה, אַז ער איז נזהר געווען עס זאָל פון די אַלע רייד זיינע נישט געמינערט אָדער געענדערט ווערט אפילו כחוט השערה״ (ז. נ׳). הייגט ווי קאָן עס גאָר אַרויף אויפן זינען, אַז ר׳ נתן האָט נישט פאַרשריבן דעם נוסח פון די מעשיות פונקט אַזוי ווי זיי זענען אַרויס פון רבינס מויל און מיט זיינע אייגענע יידישע ווערטער? ר׳ נתן האָט מקפיד געווען נישט נאָר אויף יעדן וואָרט, אויף יעדן קלאַנג, וואָס איז אַרויס פון ר׳ נחמנס מויל

בעת יענער האָט דערציילט די וואונדערלעכע מעשיות, ער האָט צוגעגעבן אַ באַדייטונג אפילו צו די תנועות, וואָס דער רבי האָט געמאַכט. אָט וואָס ר׳ נתן שרייבט אין זיין ערשטער הקדמה (אין ש. צ. זעצערס אייגענער איבערזעצונג): „נאָר כאָטש עס זענען פאַרצייכנט געוואָרן אייניקע רמזים, וואָס זענען געהערט געוואָרן פון זיין הייליקן מויל, — דאָס איז אָבער קלאָר פאַר יעדן פאַרשטייער, אַז עס איז נישט גלייך דער וואָס הערט פון דעם חכם אליין ביז דעם וואָס זעט די זאַכן אין אַ ספר. באַזונדערס זענען פאַראַן אַזוינע רמזים, וואָס קאָנען נישט פאַרשטאַנען ווערן, נאָר סיידן דורך די באַוועגונגען פון די אברים, ווי דאָס שאָקלען פון (מיט) דעם קאָפּ, דורך דעם ווינקען מיט די אויגן, דורך דעם אויסשטרעקן פון דער האַנט און נאָך אַזוינע זאַכן, ווי נאָר דורך זיי דווקא וועט פאַרשטיין דער מבין אַ קליין ביסל א. אַז וו.״. ר׳ נתן האָט פאַרשטאַנען דעם ווערט פון אַ ווונק מיט די אויגן, פון אַ מאַך מיט דער האַנט, הײַנט ווי קען זיך עס לייגן אויפן שכל, אַז ער וועט נישט וויסן ווי צו שעצן די הייליקע ווערטער פון דעם רבין? ווי קאָן אימיצן אַרויף אויפן זינען, אַז ער וועט נישט פליסן זיך איבערצוגעבן זיי אות באות אָן דעם מינדסטן שינוי?

און דער אמת איז, אַז ער האָט זיך טאַקע געמיט און געמאַטערט צו זיין אַזוי פּינקטלעך און אַזוי גענוי ווי נאָר מעגלעך. דאָס זעט מען אין פאַרשידענע שטעלן פון ביידע טעקסטן, דעם יידישן און העברעישן. אין אַ מעשה פון אַ מלך, וואָס האָט איינגענומען במה מדינות, איז ער אין איין אָרט נישט געווען זיכער, אַז ער האָט דעם רבינס רייד איבערגעגעבן פונקט אַזוי, ווי זיי זענען אַרויס פון זיין הייליקן מויל, שרייבט ער (אין קלאַמערן): „דאָס, וואָס דאָ שטייט מיט די שבויים, דאָס איז נישט אויפגעשריבן גוט, אַזוי ווי ער האָט עס דערציילט״. אין דער „מעשה פון בעל-תפילה״ איז דאָ אַ באַמערקונג: „סע זעט מיר אויס, אַז דאָ גייט עפּעס אָפּ...״. דאָרט וווּ ער האָט נישט געמאַכט אַזעלכע באַמערקונגען, איז ער מסתמא געווען זיכער, אַז „עס איז אויפגעשריבן גוט, אַזוי ווי ער האָט דערציילט״. ער וואָלט אָבער די

יבערקייט נישט געהאַט, ווען דער יידישער טעקסט וואָלט געווען אַן איבערזעצונג פון העברעיש. ר׳ נתן האָט געוווּסט, ווי שווער עס איז צו מאַכן אַ ריכטיקע און פּינקטלעכע איבערזעצונג. ווען ער האָט איבערגעזעצט די מעשיות אויף לשון-קודש, איז ער געווען אין איין מורא ער זאָל נישט מאַכן עפּעס אַ פעלער. ער האָט געוואָלט איבערגעבן נישט נאָר דעם אַלגעמיינעם זין פון דעם רבינס ווערטער — ער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב אויפצוהיטן דעם מינדסטן ניואַנס פון יעדן וואָרט. אַסך ווערטער האָט ער בעסער גאָרנישט איבערגעזעצט, איידער צו ריזיקירן און צו געבן נישט קיין גענויע העתקה. אַזוי האָט ער איבערגעלאָזן אומאיבערגעזעצט אַזעלכע ווערטער ווי „אָבאָזן", „פּאַטשיילע", „פליך", „קרעטשמע", „האַרמאַטן", „פּאָרטרעט", „צוקער" און אָן אַ שיעור אַנדערע. אַסך יידישע ווערטער האָט ער איבערגעלאָזט כאָטש ער האָט געגעבן אויך זייער העברעישע איבערזעצונג. אַ שטייגער: „מבצר שקורין שלאָס"; „במפּת העולם שקוראים לאַנד קאַרט", „הוילונות" („הלייוועגטן"), „לחם יבש" („שקורין סוכאַרקעס"), א. ד. גל. גאַנצע יידישע אויסדרוקן האָט ער איבערגעגעבן אויף אַזאַ העברעיש, וואָס איז גאָרנישט קיין העברעיש, נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט געוואָלט זיין וואָס נענטער צום יידישן אָריגינאַל. אַזוי, צום ביישפּיל, לייענען מיר אין דעם העברעישן טעקסט: „הלא טוב יקח אותך" (דער נישט-גוטער זאָל דיר אַוועקנעמען), „ונעשה ברוגז עליה" (און ער איז אויף איר ברוגז געוואָרן), „ואמרו לשלוח (פּאַרשיקן) את המלך", „והיה תולש קברים" (קברים געריסן), „והיו עושים בדרך צחוק (אָנשטעלן) מכל הדברים האלה", „היו כולם לוקחים עצמם אל החכמה" (האָבן זיך אַלע גענומען צו חכמה), „והיו הוועקסלען והבריוו שלו הולכין על העולם" (און זיינע וועקסלען און זיינע בריוו זענען געגאַנגען אויף דער וועלט), „לדבר לה שידוכים" (צו רעדן איר שידוכים).

אויף אַט אַזאַ מין אופן איז געמאַכט געוואָרן די העברעישע איבערזעצונג — און דאָס איז נישט דערפאַר, וואָס ר׳ נתן האָט נישט געפילט דעם גייסט פון לשון-קודש. אָ, ניין, ער איז פאַר זיין צייט געווען אַ זייער גוטער העברעישער סטיליסט, נאָר ער

האָט (ווי זיינער אַ תלמיד איז זיך מתנצל) „מעתיק געווען אויף לשון-קודש, אַראָפּלאָזנדיק זיך בכיוון אויף לשון פּשוט, כּדי דער ענין זאָל נישט ווערן אַנדערש ביי דעם, וואָס וועט זיי לייענען אין לשון-קודש, ווי ער אַליין האָט זיי דערציילט אויף לשון-אשכּנז, וואָס מען רעדט אין אונזער מדינה, און דאָס איז די סיבּה, וואָס עס ווערט געהערט פון לשון-קודש אַזוינע פּראָסטע אויסדרוקן (לשונות פּשוטים) אין כּמה מקומות".

היינט אויב עס איז רעכט געווען ביי ר' נתנען נישט צו רעכענען זיך מיטן העברעישן לעקסיקאָן און מיטן גאַנצן גייסט פון דער הייליקער שפּראַך, אַבי נאָר צו זיין געטריי דעם מינדסטן אויסדרוק און יעדן וואָרט פון דעם מינדלעכן אָריגינאַל, קען דאָך נישט זיין קיין ספק, אַז ער האָט אָפּגעהיט און פאַרצייכנט די מעשיות פּונקט אַזוי ווי ר' נחמן האָט זיי דערציילט. מען וואָלט דאָך געדאַרפט איגנאָרירן יעדע לאָגיק צו טראַכטן, אַז דער זעלביקער טרייער תלמיד ר' נחמנס, וועלכער האָט אין דער העברעישער איבערזעצונג אויפגעהיט איינציקע ווערטער און אויסדרוקן פונעם יידישן נוסח, וועט לאָזן אויף הפקר דעם עצם נוסח. ווי אַזוי און צוליב וואָס וואָלט ער וועלן פאַרנאַכלעסיקן דעם מינדלעכן יידישן טעקסט? האָט דאָך ר' נחמן אַליין אים אָפּט דיקטירט, און דיקטירט האָט ער אויף יידיש. איז מילא, אַנדערע תּורות, וועלכע דער רבּי האָט געוואָלט האָבן פאַרשריבן און פאַרעפנטלעכט נאָר אויף לשון-קודש, האָט ר' נתן, ווי געזאָגט, גלייך איבערגעזעצט און אויפגעשריבן אויף העברעיש, אָבער די מעשיות האָט דאָך ר' נחמן בפירוש געוואָלט דרוקן אין ביידע שפּראַכן, איז דאָך די לאָגישסטע זאַך געווען צו פאַרשרייבן עס גלייך אַזוי ווי ר' נהמן האָט דערציילט, ד. ה. אויף יידיש און דערנאָך עס איבערזעצן פון יידיש אויף לשון-קודש.

ש. צ. זעצער אַליין ברענגט ר' נתנס דערציילונג, ווי אַזוי ער איז אַמאָל געפאָרן ספּעציעל קיין נעמיראָוו, כּדי צו הערן אַלע נייע זאַכן, וועלכע ער, נתן, האָט נישט זוכה געווען צו הערן פון דעם רבּין אַליין:... „און דערוויל, שרייבט ר' נתן, האָב איך געהערט פון זיין הייליקן מויל (און) וואָס זענען נאָך נישט געווען אויפגעשריבן,

האָב איך זיי אויפגעשריבן אויף פּאַפּיר". און עס איז קיין שום רמז נישטאָ, אַז ער האָט די מעשיות, וואָס ר' נפתּלי האָט אים דערציילט אויף יידיש, איבערגעזעצט און פאַרשריבן אויף העב־רעיש. ער זאָגט איינפאַך, אַז די מעשיות זענען נאָך נישט גע־ווען אויפגעשריבן און ער האָט זיי אויפגעשריבן. עס רעדט זיך, הייסט עס, וועגן דעם נוסח, אין וועלכן די מעשיות זענען דער־ציילט געוואָרן. עס רעדט זיך וועגן דעם יידישן נוסח. דאָס איז קלאָר. און דאָס הייסט, אַז ש. צ. זעצערס טעאָריע, וועלכע זאָגט, אַז דער יידישער נוסח פון די מעשיות איז איבערגעזעצט געוואָרן פון דער העברעישער איבערזעצונג, האָט קיין שום פאַקטישן און קיין שום לאָגישן יסוד נישט.

און מען קאָן מיט זיכערקייט זאָגן, אַז ר' נתן האָט איינ־געחזרט און פאַרשריבן די מעשיות וואָרט אין וואָרט, אַזוי ווי ער האָט זיי געהערט פון ר' נחמנס מויל. ער אַליין דערציילט אין איין אָרט (וועגן דער מעשה מיט די זיבן בעטלערס), אַז — „איך בין געווען טרוד אין מיין געדאַנק איך זאָל איבערחזרן די צוויי פירכטלעכע מעשיות פון דריטן און פערטן טאָג, וועלכע איך האָב באַלד איבערגעחזרט מיט די מענטשן, וואָס זענען דאָרט גע־ווען, כּדי מיר זאָלן קיין דיבור פון זיי נישט פאַרגעסן" (ש. צ. זעצערס אייגענע איבערזעצונג). די סברה איז מחייב, אַז ער האָט געחזרט די מעשיות אויף יידיש, אַזוי ווי ער האָט זיי געהערט, און ער האָט זיך געהיט נישט צו פאַרגעסן — כּדי נישט דורכצו־לאָזן ביים פאַרשרייבן — קיין איינציקן „דיבור" פון דעם מינדלעכן, ד. ה. יידישן נוסח.

דערמיט וויל איך, פאַרשטייט זיך, נישט זאָגן, אַז דער העברעישער טעקסט האָט בכלל קיין שום באַדייטונג נישט פאַר אַ ווישנשאַפטלעכער אויסגאַבע פון די מעשיות. ניין, אַסך דרוק־פעלערן און אומקלאָרקייטן אינעם יידישן נוסח קאָנען און דאַרפן אויסגעבעסערט ווערן מיט דער הילף פון דער העברעישער איבערזעצונג*).

---

*) ש. צ. זעצער האָט גוט געטון, וואָס ער האָט זיך ערטערווייז באַנוצט

ט

וואָס פאַר אַ ווערט האָבן די מעשיות?

און איצט, אַז מיר ווייסן, ווי די מעשיות זענען באַשאַפן געוואָרן פון ר' נחמנען און ווי זיי זענען פון זיין תּלמיד פאַרשריבן געוואָרן, קאָנען מיר זיך נעמען באַטראַכטן זייער אינהאַלט און זייער ווערט. מיר מוזן, פאַרשטייט זיך, געדענקען, אַז פאַר אונז איצט זענען זיי נישט און קאָנען נישט זיין דאָס, וואָס זיי זענען געווען פאַר ר' נחמנס חסידים און פאַר אים אַליין. די בראַסלאַווער חסידים האָבן אַריינגעלייגט אין די מעשיות טיפע רעליגיעזע כּוונות. פאַר זיי זענען די סיפּורי־מעשיות געווען לויטער סודות התּורה. ר' נחמנס גרעסטער מקורב, ר' נתן, האָט אויף אַ טייל פון זיי געמאַכט אַ לאַנגן פּירוש אין זיין ספר „לקוטי הלכות"; דער פּירוש שטיצט זיך אָפט אויף פּערזענלעכע שמועסן מיטן רבּין און איז פול מיט רעיונות פון חסידות און קבלה. ר' נתנס אַ תּלמיד, ר' נחמן טשיהרינער, האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט אויסטייטשן די סיפּורי־מעשיות און האָט אָנגעשריבן אַ גאַנצן חיבור מיטן נאָמען „רמזי המעשיות".

די חסידים האָבן צוגעגעבן, אַז דער גרויסער ווערט פון די מעשיות ליגט נישט נאָר אין דעם רמז, דרוש און סוד פון

מיט דעם העברעישן טעקסט. שלעכט איז נאָר, וואָס ער האָט זייער פיל מאָל געענדערט דעם יידישן נוסח סתם אַזוי זיך, און אָפט אָן קיין שום שייכות צום טעקסט אין העברעיש. אַזעלכע ענדערונגען זענען דאָ אויף יעדער זייט, כּמעט אין יעדן פּאַראַגראַף פון אָט דער „וויסנשאַפטלעכער אויסגאַבע", — ווי איך האָב עס באַוויזן מיט אַסך ציטאַטן אין מיין רעצענזיע אויף ש. צ. זעצערס נייער אויסגאַבע פון די „סיפּורי־מעשיות" (אין „צוקונפט", ניו־יאָרק, סעפּטעמבער, 1930).

פּרד"ס. אויך אינעם פּשט, האָבן זיי געוווּסט, איז דאָ עפּעס אַ כּוח וואָס קאָן ווירקן אויפֿן עולם. „אַפֿילו פּראָסטע מענטשן, לייענען מיר אין דער הקדמה אויף טייטש, קאָנען זיך אויך אַרויסנעמען גרויס מוסר פֿון די מעשיות, וואָרים זיי האָבן אַ גרויסן כּוח אויפֿצוּוועקן דעם מענטשן ער זאָל חס-ושלום נישט פֿאַרשלאָפֿן זײַנע יאָרן אומזיסט א. אַז. וו. אַפֿילו פּראָסטע מענטשן — קאָן זיי אויך עפּעס אַ בּיסל טון ווונקען פֿון מוסר צו זעען וואָס דער תּכלית איז פֿון דער וועלט א. אַז. וו..." נישט נאָר, הייסט עס, יודעי-חן, — „פּראָסטע מענטשן, לייענען מיר דאָרט ווײַטער, באַדאַרפֿן אויך וויסן פֿון די מעשיות, כאָטש זיי וועלן גאָר קאַרג פֿאַרשטיין, וואָס מען מיינט, איז דאָך פֿאַר זיי אַ גרויסע טובה צום תּכלית א. אַז. וו."... די חסידים האָבן געוואָלט אָבער גוט „פֿאַרשטיין, וואָס מען מיינט", האָבן זיי זיך נישט באַנוגנט מיט דעם גוף פֿון די מעשיות. זיי האָבן געהאַלטן פֿאַר זייער הייליקן חוב צו דערגראָבן זיך בּיז צו די טיפֿסטע כּוונות און צו פֿאַרטיפֿן זיך אין די סודות התּורה, אין די רמזים פֿון קבּלה, וואָס ליגן טיף באַהאַלטן הינטער יעדן סיפּור-המעשה. זיי האָבן יעדן טאָג געלייענט, געלייענט די מעשיות — געזאָגט זיי ביחידות און בציבור — אַזוי ווי דאָס זאָל זײַן עפּעס אַ מין שיעור אין גמרא אָדער הייליקע קאַפּיטלעך תּהילים. מיט די קינדער האָבן זיי אויסגעחזרט די מעשיות אויף אויסנווייניק. עס איז פֿאַרפֿאַסט געוואָרן אַ באַזונדערע תּפֿילה פֿון ר' נתנען און מען פֿלעגט זי זאָגן יעדעס מאָל נאָכן לימוד פֿון די מעשיות. אין דער תּפֿילה האָבן די חסידים געבעטן גאָט, אַז זיי זאָלן „זוכה זײַן אונטערצושיידן צווישן ליכט און פֿינצטערניש, בּיז זיי זאָלן באמת וויסן אָפּצוטיילן און אָן אונטערשייד צו מאַכן צווישן סיפּורי-מעשיות פֿון רשעים"... אַזוי פֿאַרהייליקט האָבן די בּראַסלאַווער חסידים זייער רבּינס מעשיות. אָבער מיר, הײַנטיקע מענטשן, קוקן אויף זיי אַנדערש. פֿאַר אונז זענען זיי נישט קיין סודות התּורה. פֿאַר אונז זענען זיי נישט קיין ענין פֿון רעליגיעזן גלויבן. מיר זוכן — און מיר געפֿינען — אין זיי ווונקען פֿון שיינקייט, נישט נאָר „ווונקען פֿון מוסר". מיר גייען צו זיי צו אָן מורא און אָן פּחד... ווי די בּראַסלאַווער חסידים פֿאַלן

מיר נישט אַריין פון זיי אין אַזאַ התלהבות, אין אַזאַ רעליגיעזן עקסטאַז, דערפאַר אָבער האָבן מיר מער עסטעטישע הנאה. מיר לייענען זיי נישט צוליב זייערע סודות און רמזים. מיר האָבן סתּם אַזוי ליב צו זען, צו הערן אַ שעפערישע פאַנטאַזיע, הען זי צעשפּילט זיך אויף אַלע כּלים. עס איז אונז אַ פרייד צוצוקוקן זיך, ווי וועלטן ווערן באַשאַפן, ווען אַפילו זיי בלייבן פאַרשלאָסן און מיר קאָנען נישט אַריין אין זיי.

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אונזער קוק אויף די סיפּורי־מעשיות, נישט ר׳ נחמנס. ר׳ נחמן אַליין האָט זיך געשראָקן פאַר פאַנטאַזיעס סתּם אַזוי. דאָס זענען געווען פאַר אים „לערע זאַכן". ער האָט אָפט איבערגעריסן דעם סיפּור־המעשה אין רעכטן מיטן און אַריינגעלאָזט זיך אין פּסוקים, אין שטיקער זוהר, כּדי איבער־צוגיין פון משל צום נמשל. פאַר אונז איז אָבער גענוג אָפט די שיינקייט פון משל. מיר פרעגן נישט: וואָס איז דער מיין, דער מוסר־השׂכּל. מיר האָבן פאַרגעניגן פון די אויסטערלישע בילדער מיר קוויקן זיך מיט די פאַנטאַסטישסטע געשטאַלטן, מיר ווערן באַצויבערט פון די ווילדע און וואונדערלעכע געשעענישן, אַזוי ווי ביים לייענען, זאָגן מיר, די מעשיות פון „טויזנט און איין נאַכט"... די רייכקייט, די שפע פון ר׳ נחמנס פרישע און פריי זיך שפּילנדיקע כּוחות, די מעכטיקע אויסשפּרייטונג פון זיינע פליגלען פאַרשאַפט אונז פאַרגעניגן, וואונדערלעכן געניס. און ווען עס טרעפט אַפילו, אַז מיר ווייסן נישט דעם סוד און פאַרשטייען נישט דעם פּשט פון אַ מעשה, שמייכלען מיר, זענען אַנטציקט ווי קינדער, און וואָלטן נאָך און נאָך וועלן הערן אַזעלכע משיקאַווע זאַכן, ווי, אַשטייגער:

„...אַמאָל איז ער געקומען צו איין קרייטעכץ, וואָס ער האָט אַזוי איין קרייטעכץ נישט געזען. איז אים דאָס קרייטעכץ זייער געפעלן. האָט ער זיך מיישב געווען: ער וועט עס אויס־רייסן מיט דעם וואָרצל. איז געווען אונטער דעם וואָרצל איין דו־מיט (אַ דימענט). און דער דומיט איז געווען פירעקעכיק. און איטלעכע זייט פון דעם דומיט האָט געהאַט אין זיך אַן אַנדערע סגולה. אויף איין זייט פון דעם דומיט איז געשטאַנען אָנגעשריבן,

אז ווער עס וועט אָננעמען בײַ דער זײַט, וועט עס אים טראָגן אַהין, ווו טאָג און נאַכט קומען זיך צונויף, דהיינו: ווו די זון און די לבנה קומען זיך צונויף אינאיינעם. ווי דער האָט אַרויסגעריסן דאָס קרײַטעכץ מיט דעם וואָרצל, וואָס דאָרט איז געווען דער דומיט, האָט זיך מזדמן געווען (געטראָפן), אַז ער האָט אָנגענומען בײַ דער זײַט, וואָס עס איז מסוגל עס זאָל אים טראָגן צו דעם אָרט, וואָס טאָג און נאַכט קומען זיך (דאָרט) צונויף. האָט עס אים אַוועקגעטראָגן אַהין, ווו טאָג און נאַכט קומען זיך צונויף. ער קוקט זיך אַרום — און ער איז שוין דאָרט. האָט ער געהערט ווי די זון מיט דער לבנה שמועסן, און די זון האָט זיך געקלאָגט פאַר דער לבנה: באַשר סע איז פאַרהאַנדן אַ בוים, וואָס דער בוים האָט אַסך צווײַגן און פירות און בלעטלעך, און איטלעכס צווײַג און איטלעכע פרי און איטלעכס בלעטל האָט אין זיך אַ באַזונדערע סגולה: דאָס איז מסוגל צו פרנסה און דאָס איז - צו היילן דאָס חולאת און דאָס — צו אַן אַנדער חולאת — איטלעכס פּיצל פון דעם בוים איז מסוגל צו אַן אַנדער זאַך. און דעם בוים וואָלט מען געדאַרפט אָנטרינקען, און אַז מען זאָל אים אָנטרינקען, וואָלט עס זײַער מסוגל געווען... און לאַ די איך טרינק אים נישט אָן, שײַן איך נאָך אויף אים און פאַרטריקן אים... האָט זיך די לבנה אָנגערופן צו דער זון: דו זאָרגסט פרעמדע זאָרג. איך וועל דיר דערציילן מײַן דאגה: באַשר איך האָב טויזנט בערג און אַרום די טויזנט בערג איז דאָ נאָך טויזנט בערג און דאָרט איז דאָס אָרט פון שדים, און די שדים האָבן הינערשע פיס, האָבן זיי קיין כוח נישט אין די פיס. נעמען זיי כוח פון מײַנע פיס, און מחמת דעם האָב איך קיין כוח נישט אין מײַנע פיס, און איך האָב אַ פּיל (אַ שטויב), וואָס דערפון איז אַ רפואה צו מײַנע פיס. קומט אַ ווינט און טראָגט אים אַוועק. האָט זיך די זון אָנגערופן: אָט דאָס זאָרגסטו? איך וועל דיר זאָגן אַ רפואה. באַשר סע איז פאַרהאַנדן אַ וועג, און פון דעם וועג צעטיילן זיך כמה וועגן א. אַז. ה. א. אַז. ה. מיר פאַרשטייען נישט די אַלע אויסטערלישע פרטים, און די גאַנצע געשיכטע („אַ מעשה מיט אַ הינקענדיקן") איז אונז נישט גאָר קלאָר. אָבער מיר זוכן

נישט דווקא קלאָרקייט. די עצם בילדער, דער קינדישער, פאַנטאַסטישער אופן, ווי זיי ווערן געמאָלן, די אומגעריכטקייט, די שנעלקייט, מיט וועלכער די פּאַסירונגען קומען איינע נאָך דער אַנדערער — מאַכן אונז נייגעריק, פאַרכאַפּן אונז, און מיר הערן די מעשה מיט דעם טיפסטן אינטערעס.

אָבער דאָס איז נישט די איינציקע מעלה. דער „דימענט", וואָס בלישטשעט אַרויס פון אונטער דעם „וואָרצל" פון די מעשיות, האָט נאָך אַנדערע „זייטן" מיט אַנדערע „סגולות". און זיי זענען זייער וויכטיק...

ווען מיר זאָלן שפּירן אין די מעשיות נאָר דעם חן פון זייער פאַנטאַסטישן פלאָנטער, נאָר די אויסטערלישע שיינקייט פון זייער מאָדנער, אָפּט גראָטעסקער פאַבל, וואָלטן זיי נישט געמאַכט אויף אונז קיין דויערנדיקן איינדרוק. דער אמת אָבער איז, אַז זיי האָבן אָפט, אויב נישט אַלעמאָל, אַ טיפן זין, אַן אוניווערסאַלע, סימבאָליש-קינסטלערישע כוונה, און נישט נאָר זייער אייגנאַרטיקער פאַרביק-בילדלעכער לבוש, אויך זייער נשמה רעדט צו אונז, ליבט אונז, פאַנגט אונז אין אירע בישופדיקע נעצן. דאָס איז ריכטיק דערהויפּט ריכטיק וועגן די מער פאַרענדיקטע מעשיות, אַזעלכע ווי די מעשה מיט דער פאַרלוירענער בת-מלך, די מעשה מיט אַ בן-מלך, די מעשה מיטן חכם און תם. אָבער אפילו אין די צו סודותדיקע און צו פאַרפּלאָנטערטע געשיכטעס זענען דאָ טיילן, עפּיזאָדן, פון וועלכע עס ליכט אַרויס אַ לויטערער, פּאָעטישער זין. אַשטייגער, די שטעלע אין דער „מעשה וועגן דעם בן-מלך און דעם זון פון אַ דינסט, וועלכע זענען פאַרביטן געוואָרן" — ווו עס ווערט דערציילט, וואָס די צוויי פאַרבלאָנדזשעטע, דער אמתער און דער פאַלשער בן-מלך, זעען און הערן ביינאַכט אין ווילדן וואַלד: „...ביינאַכט האָבן זיי געהערט דעם קול פון די ווילדע חיות, ווי זיי האָבן אַלע געשריען און געברומט מיט ווילדע קולות. דער לייב האָט געשריען און דער לעמפּערט האָט געברומט מיט אַן אַנדער קול. און אַזוי די איבעריקע חיות. איטלעכע חיה האָט מיט אַן אַנדער קול געברומט. און די עופות האָבן געסווישטשעט און געקנאַקט — און אין דער

תחילה זענען זיי (די פאַרבלאָנדזשעטע) דערשראָקן געוואָרן. האָבן זיי זיך נישט רעכט צוגעהערט צום קול מחמת פּחד. דערנאָך האָבן זיי צוגעבויגן די אויערן און האָבן זיך צוגעהערט. האָבן זיי געהערט, אַז דאָס איז איין קול פון אַ ניגון. זיי (די חיות און די פייגלען) זינגען זייער אַ ווילן ניגון, וואָס עס איז אַ ווילד חידוש. האָבן זיי זיך נאָך מער צוגעהערט. האָבן זיי געהערט, אַז סע איז אַ ווילד-ווילער ניגון, וואָס איז זייער אַ ווילד חידוש, וואָס סע איז אַ ווילד גרויסער תענוג דאָס צו הערן, וואָס אַלע תענוגים פון דער וועלט זענען אַלע גאָרנישט און טרעפן גאָרנישט אָן אקעגן דעם ווילד גרויסן תענוג, וואָס מען האָט, אַז מען הערט דעם וונדער-לעכן ניגון"... האָבן זיי געפרעגט דעם וואַלד-מענטשן (אַ דריטן העלד פון דער מעשה), וואָס באַטייט אָט דער ווילד-וונדערלע-כער ניגון, אָט די וואַלד-סימפאָניע, האָט ער זיי געענטפערט: באַשר די זון האָט געמאַכט איין מלבוש דער לבנה, האָבן זיך אָנגערופן אַלע חיות פון דעם וואַלד: באַשר די לבנה טוט זיי גרויסע טו-בות, וואָרים די שליטה פון די חיות איז דאָך דער עיקר נאָר בײַ-נאַכט, וואָרים אַמאָל באַדאַרפן זיי אַרײַנצוגיין אין ישוב אַרײַן — און די לבנה טוט זיי אַזוי אַ טובה, וואָס זי לײַכט זיי בײַנאַכט, איבער דעם האָבן זיי אַלע מסכים געווען, אַז זיי זאָלן מאַכן אַ נײַעם ניגון לכּבוד דער לבנה, און דאָס איז דער ניגון וואָס איר הערט"...

דאָס איז דער כאָר פון די חיות און די פייגלען אין וואַלד בײַנאַכט — אַ כאָר-געזאַנג לכּבוד דער לבנה — די חיות און די פייג-לען און דער וואַלד, און די לבנה און די נאַכט און די מענטשן זענען איין משפּחה, איין געטלעכע איינהייט...

מאַכט נישט אויס וואָס די שפּראַך איז אָרים („אַ ווילד חי-דוש", „אַ ווילד גרויסער תענוג" און נאָכאַמאָל „ווילד" און ווידער-אַמאָל „ווילד") — הינטער דער דרויסנדיקער אָרימקייט פון מיטלען ליגט אַ הויך ציל, אַ שפע פון רעיונות מיט אַ פּרעכטיקער אָנט-פּלעקונג פון פאַנטעיסטישע זעונגען...

י

די מעשה מיט די זיבן בעטלערס

„אָרעמקייט אין מיטלען"... אָבער נישט אַלעמאָל זענען ר' נחמנס אויסדרוקס-מיטלען אָרעם. עס זענען דאָ פאַלן, ווען זיי זענען רייך, פונקט אזוי רייך און כישופדיק, ווי דער אינהאלט. דאָס איז דערהויפּט דער פאַל מיט דער מעשה מיט די זיבן בעטלערס, דער שענסטער און פאַנטאַסטישסטער פון די אלע סיפורי-מעשיות.

ר' נחמן אליין איז פון איר גאָר באַזונדערס שטאַרק נתפעל געוואָרן. „אז איך זאָל מער נישט וויסן קיין שום זאַך, האָט ער געזאָגט, נאָר די מעשה, וואָלט איך אויך א ווילד חידוש געווען, וואָרים די מעשה איז א ווילד חידוש זייער". „מען מעג, האָט ער אַן אנדערש מאָל דערקלערט, פאָרן קיין בראָד, אריין אין בית-מדרש הייסן דעם שמש רופן דעם עולם צו א דרשה, א קלאַפּ טון אין טיש און דערציילן די דאָזיקע מעשה".

ער האָט עס געזאָגט דערפאַר, ווייל ער האָט געהאלטן, אז אין איר איז דאָ „זייער פיל מוסר און אסך תורה" — אויב נישט נאָך מער, וואָלט איך צוגעגעבן. די מעשה מהז' בעטלערס איז אייגנטלעך נישט איין מעשה, נאָר א גאַנצע, קונציק-געפלאָכטענע קייט פון מעשיות — אויפן שטייגער פון „טויזנט און איין נאַכט". עס הויבט זיך אָן מיט א מלך, וואָס האָט „זייער ליב געהאַט חכמה און עס זענען געווען ביי אים גרויסע חכמים". אָבער די דאָזיקע געשיכטע ווערט באַלד איבערגעריסן, און עס נעמט זיך שפינען א שנירל מעשיות וועגן זיבן בעטלערס...

מענטשן האָבן געמוזט אמאָל אנטלויפן פון עפּעס א מדינה, האָבן זיי לויפנדיק פאַרלוירן אין וואַלד צוויי קינדער — א זכר און א נקבה. די קינדער וואָלטן אין וואַלד אומגעקומען פון הונגער,

גאָר יעדעס מאָל, ווען זיי הויבן אָן „שרייען עסן", ווייזט זיך אַ בעטלער, וועלכער גיט זיי ברויט און דערצו נאָך אַ ברכה, אַז זיי זאָלן זיין ווי ער. דעם ערשטן טאָג קומט אַ בלינדער בעטלער, דעם צווייטן טאָג — אַ טויבער, דעם דריטן — אַ שטאַמלער, דער־נאָך איינער מיט אַ קרומען האַלז, איינער מיט אַ הויקער, אַ קאַ־ליקע אָן הענט, אָן פיס... די קינדער דערשלאָגן זיך ענדלעך צו אַ ישוב און זיי הייבן אַליין אָן צו גיין איבער די הייזער. איינ־מאָל אויף אַ גרויסן יאַריד איז חברה בעטלער, צווישן וועלכע די צוויי קינדער האָבן געלעבט, איינגעפאַלן זיי חתונה צו מאַכן. צו דער חתונה הויבן חתן־כלה אָן זיך צו דערמאָנען אָן די חסדים, וואָס גאָט האָט מיט זיי געטון אין וואַלד. יעדן טאָג פון די שבעת־ימי־המשתה דערמאַנען זיי זיך אָן איינעם פון יענע בעטלערס, וועלכע האָבן זיי געהאָלפן אין זייער נויט, ווען זיי האָבן געבלאָנדזשעט אין וואַלד, און יעדן טאָג, ווי נאָר זיי דער־מאָנען איינעם פון די בעטלערס, דערהערט זיך אַ שטים: „איך בין דאָ, איך בין געקומען צו אייך אויף דער חתונה און איך שענק אייך דרשה־געשאַנק". אַזוי ווייזט זיך דעם ערשטן טאָג דער בלינדער בעטלער, דעם צווייטן טאָג — דער טויבער, דעם דריטן — דער שטאַמלער א. אַז. וו. יעדערער גיט דרשה־געשאַנק — אַ ברכה און יעדערער דערציילט, ווער ער איז, און וואָס עס באַשטייט זיין „פעלער" — און זיין גרויסקייט... עס ווערן געשאַפן אַזוי די זעקס מעשיות (די זיבעטע האָט ער נישט דערציילט — און „מע וועט דאָס שוין נישט הערן, האָט ר' נחמן אַליין געזאָגט, „ביז משיח וועט קומען"). און פון אָט די זעקס פאָפולאַריש־זעלב־שטענדיקע (אָבער אינערלעך פאַרבונדענע) טיילן באַשטייט „די מעשה מיט די זיבן בעטלערס". יעדער טייל איז אַליין פאַר זיך וויכטיק, יעדער טייל איז ווערט, אַז מען זאָל מאַכן אויף אים אַ באַזונדער פירוש, אַזוי ווי דאָס האָבן געטון ר' נחמנס חסידים. אָבער דעם אויספירלעכן פירוש וועט דער לעזער אַליין מאַכן — יעדער לעזער לויט זיינע השגות און נאָך זיינע כוחות נאָך...*)

*) איינער פון די בילדלעכסטע פירושים איז דער, וועלכער י ו נ ה

איך שטעל זיך אָפּ אויף דער מעשה מהז' בעטלערס נישט כּדי זי אינגאַנצן אויסצוטײַטשן, נאָר כּדי צו ברענגען אַ בײַשפּיל פון ר' נחמנס אַ געשיכטע, ווו די מיטלען האָבן זיך זיבער נישט וואָס צו שעמען פאַר די צילן: זיי זענען בײדע גרויס, בײדע שיין, די לעזער וועלן עס זען פון די עמלעכע שטעלן, וואָס איך וועל דאָ ברענגען...

אָט איז דער אַרײַנפיר, וואָס עס מאַכט צו זײַן דערציילונג דער טויבער בעטלער:

„... איר מיינט, איך בין טויב? איך בין גאָרנישט טויב, נאָר די גאַנצע וועלט טרעפט ביי מיר גאָרנישט אָן, אַז איך זאָל הערן זייער חיסרון, וואָרים גאָר אַלע קולות פון דער וועלט זענען אַלע נאָר פון חסרונות, וואָרים איטלעכער שרייט אויף זײַן חיסרון, דהיינו אויף דעם, וואָס סע גייט אים אָפּ, און אַפילו אַלע שמחות פון דער וועלט זענען אַלע נאָר פון חסרונות, וואָס מע (איינער. — ש. נ.) פרייט זיך אויף דעם וואָס עס איז אים אָפּגעגאַנגען... און ביי מיר טרעפט די גאַנצע וועלט גאָרנישט אָן, אַז איך זאָל הערן זייער חיסרון, וואָרים איך לעב אַזאַ חיים טובים, וואָס סע האָט גאָר קיין שום חיסרון נישט". און דאָס איז, הייסט עס, דער סוד פון זײַן טויבקייט: ער הערט נישט און וויל נישט הערן די קלאַנגען פון דער וועלט, וואָרים זיי זענען אַלע נאָר אַן אויסדרוק פון דעם וואָס פעלט, אָדער פון דעם וואָס האָט געפעלט, — און אים פעלט גאָרנישט, ער ווייסט נישט פון קיין שום חיסרון. און ווען ער ווינטשט חתן־כּלה, אַז זיי זאָלן זײַן, ווי ער, ווינטשט ער זיי נישט מער און נישט ווינציקער ווי— פולקומענהייט...

דער בעטלער, וועלכער איז אַ כּבד־פּה, פלעכט אַרײַן אַזאַ מין פּאָעמע אין זײַן מעשה: „... סע איז פאַרהאַנדן אַ באַרג, און אויף דעם באַרג שטייט אַ שטיין, און פון דעם שטיין גייט אַ קוואַל. און איטלעכע

ספּיוואַק האָט געמאָלט אין זײַן אינסצענירונג פון דער מעשה מיט די זיבן בעטלערס. עס זענען דאָ אויך קאָמענטאַרן — פון הלל ציײטלין און פון וויליאַם נאַטאַנסאָן.

זאַך האָט אַ האַרץ, און די וועלט אינגאַנצן האָט אויך אַ האַרץ*), און דאָס האַרץ פון דער וועלט איז אַ גאַנצע קומה (אַ געשטאַלט) מיט אַ פּנים און מיט הענט און פיס... לושמיר (נאָר) דער נאָגל פון דעם פוס פון דעם האַרץ פון דער וועלט איז האַרציקער איידער אַן אַנדערנס האַרץ... און דער באַרג מיט דעם קוואַל שטייט אין איין עק פון דער וועלט און דאָס האַרץ פון דער וועלט שטייט אין דעם אַנדערן עק פון דער וועלט... און דאָס האַרץ שטייט אַקעגן דעם קוואַל און גלוסט און בענקט תמיד זייער, אַז סע זאָל קומען צו דעם קוואַל, און דאָס בענקען און גלוסטן פון דעם האַרץ צו דעם קוואַל איז גאָר ווילד, און סע שרייט תמיד דאָס האַרץ, אַז סע זאָל קומען צו דעם קוואַל, און דער קוואַל גלוסט צו דעם האַרץ אויך — נאָר ווי באַלד דאָס האַרץ וויל צו־גיין נאָענט צום באַרג, וואָס אויבן איז דער קוואַל, אַזוי זעט ער שוין נישט אַרויס דעם שפּיץ, קאָן ער נישט זעען דעם קוואַל, און ווי באַלד ער קוקט נישט אויף דעם קוואַל, גייט ער אויס, וואָרים גאָר דאָס חיות פון דעם האַרץ איז נאָר פון דעם קוואַל — — — און אַז דאָס האַרץ זאָל חס־ושלום אויסגיין, וואָלט גאָר די וועלט חרוב געוואָרן, וואָרים דאָס האַרץ איז זיך דאָס חיות פון איטלע־בער זאַך, און ווי קאָן די וועלט אַ קיום האָבן אָן דעם האַרץ?"... אַפילו דער קוואַל אַליין, דערציילט דער בעטלער ווייטער, וואָלט קיין קיום נישט געהאַט אָן דעם האַרץ פון דער וועלט. וואָרים דער קוואַל (די אייביקייט, גאָט?) „האָט קיין שום צייט נישט", „נאָר וואָס דאָס האַרץ שענקט דעם קוואַל אַ טאָג במתנה", און אַז דער טאָג וויל זיך שוין אויסלאָזן, „אַזוי הויבן זיי זיך אָן צו געזעגענען איינער מיט דעם אַנדערן — דאָס האַרץ מיט דעם קוואַל — און זיי הויבן אָן צו זאָגן חידות און שירים און לידער איי־נער צו דעם אַנדערן, זייער ווױלע חידות און לידער, מיט גרויס ליבשאַפט און מיט גרויס בענקעניש זייער איינער צום אַנדערן — דאָס האַרץ צום קוואַל און דער קוואַל צום האַרץ"...

---

*) „די וועלט מוז האָבן אויך אַ האַרץ" — האָט פּרץ די ווערטער אין מרימס מויל אַריינגעלייגט (אין „דער גאָלדענער קייט").

דאָ ליגט באַהאַלטן אַ טיפע מעטאַפיזישע פילאָסאָפיע — אפשר דער תמצית פון ר׳ נחמנס רעליגיעזער שיטה. דאָ פילט זיך די ווירקונג פון יענעם געדאַנקען-גאַנג, לויט וועלכן די וועלט (און גאָט אליין) עקזיסטירט נאָר אין און דורך אונזער באַוווסטזיין („און אז דאָס הארץ זאָל חס-ושלום אויסגיין, וואָלט גאָר די וועלט חרוב געוואָרן", וואָרים זי לעבט נאָר אין זכות פון דעם, וואָס „דאָס הארץ שענקט דעם קוואַל · אַ טאָג במתנה"). אָבער אויך אָן די פאַרבאָרגענע מעטאַפיזישע כוונות האָט די פּאָעמע נישט קיין גלייכן צו זיך אין דער יידישער ליטעראַטור. דאָס איז דער שענסטער דימענט אין דער קרוין פון ר׳ נחמנס מעשיות.

עס זענען דאָ אָבער אויך אַנדערע טייערע שטיינער. למשל, די שטעלע אין דער מעשה פון דעם בעטלער דעם הויקער, ווו עס רעדט זיך וועגן דעם וונדערלעכן בוים, וואָס אין זיין שאָטן רוען אַלע חיות און אויף זיינע צווייגן — אַלע פויגלען פון דער ערד... קיין שום חיה איז דאָרט נישט מזיק קיינעם, און אַלע חיות זענען דאָרט אויסגעמישט... „זיי אַלע שפּילן זיך דאָרט, און סע איז בוודאי זייער אַ גרויסער תענוג צו זיין דאָרט ביי דעם בוים... האָבן זיי (די מענטשן פון דער ביתה, וואָס האָט געגלויבט אין אָט דעם בוים. — ש. נ.) אָנגעהויבן צו קלערן ווירומור (ווי-אַרום) מע באַדאַרף צו גיין, אז מע זאָל קומען צו דעם בוים. איז געוואָרן צווישן זיי אַ מחלוקת אין דער זאַך, און סע איז צווישן זיי נישט געווען קיין מכריע. וואָרן דער האָט געזאָגט, אז מע באַדאַרף גיין אַהער, אין דער זייט, קיין מזרח, און דער האָט געזאָגט, אז קיין מערב-זייט באַדאַרף מען גיין. און דער האָט געזאָגט: אַהער, און דער: אַהער, ביז זיי האָבן נישט געקענט וויסן דעם רעכטן וועג, ווירומור (ווי-אַרום) מע באַדאַרף צו גיין, אז מע זאָל קומען צו דעם בוים. איז געקומען אַ חכם און האָט צו זיי געזאָגט: „וואָס קלערט איר דורך וועלכער זייט מע באַדאַרף צו גיין צו דעם בוים? קלערט פריער, ווער עס זענען די מענטשן, וואָס זיי זאָלן קאָנען קומען צו דעם בוים. וואָרן צו דעם בוים קאָן נישט איטלעכער קומען, וואָרן צו דעם בוים קאָן

מער נישט קומען נאָר דער, וואָס ער האָט די מדות פון דעם בוים, וואָרן דער בוים האָט דריי שרשים: איין שורש איז אמונה און דער אנדערער שורש איז יראה און דער דריטער שורש איז ענ־ווות — און אמת איז דער גוף פון דעם בוים, דהיינו, דער בוים אליין איז אמת...״

עס איז קלאָר, אז דער בוים איז א סימבאָל פון גאָט אליין אָדער פון לעתיד־לבוא, ווען משיח וועט קומען, און אלע חיות און עופות, אלע פעלקער און אלע מענטשן וועלן רוען אין שאָטן פון איין בוים, וועלן לעבן בשלום א. אז. וו. אָבער דאָס לעתיד־לבוא מוז נישט אויסגעטייטשט ווערן דווקא רעליגיעז. עס קאָן אויך מיינען, לאָמיר זאָגן, „צוקונפט־שטאָט״, די קומענדיקע אידעאלע געזעל־שאפטלעכע אָרדענונג. און יעדערער פון אונז קאָן זיין דער חכם, וואָס קומט צו די, וועלכע פירן די מחלוקת וועגן דעם, ווי מען דאַרף גיין צו דעם בוים, אָדער מיט אנדערע ווערטער, וועלכע מיטלען דאַרף מען אָנווענדן — די מיטלען, זאָגן מיר, פון דעמאָ־קראַטיע אָדער פון דיקטאַטור, — כדי צו דערגרייכן אָט דאָס הויכע, הויכע ציל, — יעדער פון אונז קאָן זיך ווענדן צו די פאַרשידענע פאַרטייען, וועלכע באַקעמפן איינס דאָס אנדערע און זאָגן צו זיי: „וואָס קלערט איר, דורך וועלכער זייט מע באַדאַרף צו גיין צו דעם בוים, קלערט פריער, ווער סע זענען די מענטשן, וואָס זיי זאָלן קאָנען קומען צו דעם בוים, וואָרים צו דעם בוים קאָן נישט איטלעכער קומען״...

אָט אזוי קאָן דער בוים־סימבאָל פון אונז אויסגעטייטשט ווערן אויף אונזער שטייגער. פונקט אזוי ווי די חסידים האָבן אים פאַרשטאַנען אויף זייער שטייגער, און דאָס איז דער בעסטער באַווייז, אז ס׳איז א קונסט־בילד, אן אייביק בילד, אזא, וואָס ענ־דערט זיך אינאיינעם מיט די צייטן און די אומשטענדן, ענדערט זיך אינאיינעם מיט זיי, פאַסט זיך צו צו זיי — און לעבט זיין איבער...

און אָט איז נאָך א ביישפּיל — דאָס לעצטע ביישפּיל — פון סימבאָלישער בילדלעכקייט אין דער געניאַלער מעשה מיט די זיבן בעטלערס: די שטעלע ווו דער בעטלער מיטן קרומען האַל

דערציילט וועגן יענע צווי מדינות, וואָס ביינאַכט קאָן מען דאָרט! ניט שלאָפן, וואָרים „ביינאַכט הערט מען דאָרט אַ קול ילדה זייער — און מחמת דעם מוזן זיי אַלע דאָרטן אָנהייבן צו קלאָגן, מאַנען און ווייבער און קליינע קינדער — אַז סע זאָל ליגן אַ שטיין וואָלט ער צעגאָסן געוואָרן". און אַז מע פרעגט ביים בעטלער, פון וואַנען קומט דאָס קלאָגן, וואָס מע הערט דאָרט, ענטפערט ער, אַז סע איז פאַרהאַנדן צווי פויגל, איינער אַן ע ר און איינע אַ ז י. און די פויגל זענען נאָר איין פאָר אויף דער וועלט... איז די ז י פאַרפאַלן געוואָרן. זוכט ע ר ז י — און ז י זוכט א י ם. האָבן זיי זיך זייער לאַנג געזוכט איינס דאָס אַנדערע, ביז זיי זענען פאַרערט (פאַרבלאָנדזשעט) געוואָרן, און זיי האָבן געזען, אַז זיי קאָנען זיך שוין נישט געפינען איינס דאָס אַנדערע, זענען זיי געבליבן שטיין, און זיי האָבן זיך געמאַכט נעסטן. דער ע ר האָט זיך געמאַכט אַ נעסט לעבן איין מדינה — — — און אַזוי ז י האָט זיך אויך געמאַכט אַ נעסט לעבן דער אַנדער מדינה... און אַז סע קומט די נאַכט, אַזוי הויבן אָן די פאָר פויגל צו קלאָגן, וואָרים ער קלאָגט אויף איר און זי קלאָגט אויף אים. קלאָגן זיי זייער מיט גרויס ילדה, און דאָס איז דאָס קול ילדה, וואָס מען הערט אין די צווי מדינות, וואָס מחמת דעם קול מוזן זיי אַלע קלאָגן דאָרט און קאָנען נישט שלאָפן"...

דאָס איז דער אייביקער מאָטיוו פון ע ר און ז י און זייער גלוסטן און זייער בענקען איינס נאָך דאָס אַנדערע און זייער זוכן איינס דאָס אַנדערע. דער דאָזיקער מאָטיוו חזרט זיך איבער אין אַ גרויסן טייל פון ר' נחמנס מעשיות, און אַזוי אין דער גאַנצער וועלט-ליטעראַטור. און אַזוי ווי גאַנץ באַזונדערס אין די ספרים פון קבלה און חסידות, איז אויך ביי אים דאָ אַ שטענדיקער פאַראַלעליזם פון דעם רעליגיעזן און דעם עראָטישן לעבן — דער אייביקער שיר-השירים...

יא

רעאַליזם און סימבאָליזם

אין די פֿאָריקע קאַפּיטלעך האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף איינציקע טיילן פֿון פֿאַרשידענע מעשׂיות. עס זענען דאָ אָבער ביי ר׳ נחמנען גאַנצע פֿאַרענדיקטע דערציילונגען, און עס געפֿינען זיך צווישן זיי אַזעלכע, וואָס פּישופֿן אונז מיט זייער קלאָרן קינסטלערישן זינען, נישט בלויז מיט פֿאַנטאַסטישקייט און אָריגינאַליטעט. אַזוינע קלאָרע און גאַנצע מעשׂיות זענען דאָ עטלעכע. מיר וועלן לענגער אָרומרעדן נאָר צוויי פֿון זיי. דאָס זענען: „די מעשׂה פֿון דער פֿאַרלוירענער בת-מלכּה" און „די מעשׂה פֿון דעם חכם און דעם תּם". מיר האָבן אויסגעטיילט די דאָזיקע צוויי מעשׂיות דערפֿאַר, ווייל זיי זענען, ערשטנס, זייער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר ר׳ נחמנס וועלט-אָנשויונג און ווייל, צווייטנס, רעפּרעזענטירן זיי מיט זיך בעסער ווי אַלע אַנדערע די צוויי סטילן, אָדער צוויי מעטאָדן, וואָס ווערן באַנוצט יעדערער באַזונדער אָדער ביידע אינאיינעם — אין די סיפּורי-מעשׂיות.

די צוויי סטילן זענען: ס י מ ב אָ ל י ק און ר ע אַ ל י ז ם, אויב מען מעג אָנווענדן צו ר׳ נחמנען אַזעלכע וועלטלעכע און מאָדערנע טערמינען.

אין איין טייל מעשׂיות, אין דעם גרעסערן טייל, אין אַזעלכע ווי די מעשׂה מיט דער פֿאַרלוירענער בת-מלכּה אָדער די זיבן בעטלערס, דאָמינירט דער ראָמאַנטיש-סימבאָלישער סטיל, בעת אין דעם צווייטן טייל, דעם קלענערן — אַשטייגער, אין דער מעשׂה מיט דעם חכם און דעם תּם — איז דער סטיל מער רעאַליסטיש.

אין די ריין-לעגענדאַרישע מעשׂהלעך לאָזט זיך דער דערציילער נישט אַריין אין צופֿיל פּרטים, הגם דאָ און דאָרט טרעפֿן

זיך אין זיי אויך ווונדערלעכע פסיכאָלאָגישע איינצלהייטן. די האלב „רעאַליסטישע" דערציילונגען זענען, פאַרקערט, שטאַרק דעטאַליזירט, און ר' נחמן פאַרגינט זיך ערטערווייז צו זיין אין זיי אפילו הומאָריסטיש און סאַטיריש. אין די דאָזיקע, פון לעבן גענומענע, בילדער און פאַקטן, איז קענטיק, אַז ער האָט געהאַט אַ שאַרף אויג, נישט נאָר אַ דרייסטע פאַנטאַזיע. ער האָט זיך גוט צוגעקוקט צו דער ווירקלעכקייט, און ער האָט נישט נאָר געבענקט נאָכן אייביקן קוואַל אויפן שפּיץ באַרג, וועלכן מען קאָן זען נאָר פונווייטן, ער האָט געשפּירט און גוט געקענט אויך די נאָענטע זאַכן, ער האָט געוווּסט, אַז „יעדע זאַך האָט אַ האַרץ"...

„מיר וועלן אָנהייבן פון דער מעשה מיט דער פאַרלוירענער בת-מלך", ווו דער סטיל און דער מעטאָד פון דערציילן איז, ווי געזאָגט, ס י מ ב אָ ל י ש.

די העלדן פון דער דאָזיקער מעשה האָבן נישט קיין אינדיווידועלע כאַראַקטערן, און מיר זוכן דאָ אייגנטלעך נישט קיין מענטשלעכע כאַראַקטערן. אונז אינטערעסירט דאָ בלויז דאָס, וואָס די פּאַסירונגען דריקן אויס און סימבאָליזירן מיט זיך. דעריבער זענען נישטאָ כמעט קיין פּרטים אין דער אַנטוויקלונג פון דער געשיכטע, עס זענען דאָ נאָר הויפּטזאַכן. און אַזוי איז אויך דער סטיל — געציילטע ווערטער. קיין שום אויספירלעכקייט, קיין שום באַפוצונגען. נאָר אין די כראָניקעס פון דער ביבל און אין די בעסערע פאָלקס-מעשיות קאָן מען טרעפן אַזאַ שפּראַכלעכע איינגעהאַלטנקייט, אַזאַ סטיליסטישע פאַרנעמקייט: „איינמאָל איז געווען אַ מלך, דער מלך האָט געהאַט זעקס זין און איין טאָכטער. די טאָכטער איז ביי אים זייער חשוב געווען און ער האָט זי זייער ליב געהאַט. אַמאָל איז ער אויף איר ברוגז געוואָרן, האָט זיך אים אַרויסגעכאַפּט אַ וואָרט: „דער נישט-גוטער זאָל דיך אַוועקנעמען!". ביינאַכט איז זי געגאַנגען אין איר חדר אַריין. אינדערפרי האָט מען נישט געוווּסט, ווו זי איז. האָט זיך דער מלך זייער מצער געווען און איז געגאַנגען זי זוכן"...—אַזוי הייבט זיך אָן די געשיכטע. און זי אַנטוויקלט זיך שנעל און דראַמאַטיש.

דעם מלכס אָרט פאַרנעמט גלייך אין אָנהייב דער שני-למלך

(„שני למלכות"). ער לאָזט זיך אוועק זובן די בת־מלכה און ער ווערט דער הויפּט־העלד פון דער געשיכטע...

אָבער איידער מיר גייען ווייטער, וויל איך אָנווינקען אויף דעם אַלגעמיין־סימבאָלישן, אַלגעמיין־קינסטלערישן זינען פון דער געשיכטע, אויף דעם זינען פון דער געשיכטע, אויף דעם זינען וואָס מיר, היינטיקע, קאָנען אים פּונקט אַזוי גוט פאַרשטיין אויף אונזער אופן — לויט אונזערע באַגריפן, ווי די בראַסלאַווער חסידים האָבן אים אויף זייער שטייגער און נאָך זייערע השגות נאָך פאַר־שטאַנען... וואָס איז די פאַרבאָרגענע כוונה פון דער מעשה? ווען מיר לייענען זי דורך ביזן סוף, ווערט זי אונז קלאָר... די בת־מלכה, וואָס איז אַריינגעפאַלן צו די נישט־גוטע אין די הענט, איז די שכינה, וואָס איז אין גלות. דער שני־למלך איז דער, וואָס וויל זי אויסלייזן. אויף אונזער היינטיקן לשון איז די פאַרלאָרענע בת־מלכה אונזער טרוים, אונזער בענקשאַפט, אונזער אידעאַל, אונ־זער צוקונפט. מיר גייען זובן עס — אינאיינעם מיטן שני־למלך. זיין וועג איז אונזער וועג, דער וועג פון אַלע דורות. אָבער מיר גע־וויינטלעכע מענטשן זענען שוואַך, קליין. די לאַנגקייט פון וועג שרעקט אונז אָפּ. די מינדסטע שטערונג איז אַן אָפּהאַלט פאַר אונז. די ערשטע שטרויכלונג — אַ תירוץ אויף אומצוקערן זיך צוריק פון מיטן וועג. מיר וואָלטן נישט געווען אַזוי שרעקעוודיק, ווען אונזער ווילן, אונזער בענקשאַפט נאָך דער געפאַנגענער בת־מלכה, וועלכע לעכצט נאָך אויסלייזונג, זאָל זיין שטאַרק גענוג. פעלט אונז אָבער די קרעפטיקייט פון ווילן, אונזער בענקשאַפט איז אָן פליגלען, אָן מאַכט, דערפאַר איז נישטאָ ביי אונז קיין מוט און קיין גלויבן. דערפאַר זענען מיר נישט קיין העלדן. דער שני־למלך איז אַ העלד. ער איז אַ סימבאָל פון גייסטיקער און מאָראַלישער גבורהשאַפט. ער שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום שטערונגען, ער קומט זיי ביי מיט זיין גלויבן, מיט זיין היי־ליקער איינגעשפּאַרטקייט.

ער ווערט געפּרוווט איין מאָל און נאָך אַמאָל און אַ דריטן מאָל. אין אָנהויב איז אים שווער ביישטיין די שווערע נסיונות. ער ווערט געשטרויכלט, ער פאַלט, אָבער ער פאַרלאָזט נישט

דעם וועג אויף וועלכן ער האָט זיך געלאָזט גיין. ער פאַרראַט נישט זיין טרוים, זיין אידעאַל. ער בלייבט טריי דער „בת-מלכה", וועלכע וואַרט, אַז ער זאָל קומען און זי אויסלייזן. ער לאָזט זיך נישט איבעררעדן פון די, וואָס זאָגן אים, אַז אומזיסט איז זיין מי, זיין זוכן, זיין מסירת-נפש. ער האָט אמונה, — און זי ברענגט אים צום ציל...

דאָס איז דער רעיון פון דער געשיכטע. אָבער עס איז נישט קיין הוילע סכעמע. עס איז אַ רעיון, וועלכער איז קינסט-לעריש פאַרקערפּערט געוואָרן... מען קאָן עס זעען פון דעם ווייטערדיקן גאַנג פון די פּאַסירונגען... דער שני-למלך, — אַזוי הויבט זיך אָן שפּינען דער פאָדעם פון זיינע שווערע נסיונות, — דער שני-למלך קומט צו אַ „שלאָס" — דאָס איז דאָס אָרט פון די נישט-גוטע. און דאָרט זעט ער זיצן די בת-מלכה. „ווי אַזוי, פרעגט ער זי, קאָן איך דיך אַרויסנעמען?" און זי ענטפערט אים: „דו קענסט מיך אַנדערש נישט אַרויסנעמען, סיידן אַז דו זאָלסט זיך אויס-קלייבן איין אָרט און זאָלסט דאָרט זיצן איין יאָר, און אַ גאַנץ יאָר זאָלסטו בענקען נאָך מיר, (אַז דו) זאָלסט מיך אַרויסנעמען, און ווען דו וועסט האָבן צייט, זאָלסטו רק בענקען און האָפן מיך אַרויסצונעמען און זאָלסט פאַסטן, און אין דעם אונטערשטן (לעצטן) טאָג פון דעם יאָר זאָלסטו פאַסטן און זאָלסט נישט שלאָפן דעם גאַנצן מעת-לעת"...

אַנדערש קאָן ער זי נישט אויסלייזן. אַנדערש קאָן ער נישט דערגרייכן זיין הויכן ציל, סיידן נאָר מיט דעם כוח פון זיין בענקשאַפט, סיידן נאָר מיט זיין מוסר-נפש-זיין זיך און אין גאַנצן זיך אַריינטון אין דעם דאָזיקן ציל און זיין מוטיקן אָפּזאָגן זיך פון אַלע אַנדערע, קלענערע צילן. דאָס איז זייער אַ שווערע זאַך, דאָס פאָדערט די אויפּזאַמלונג און קאָנצענטרירונג פון אַלע כוחות, פון דעם גאַנצן ווילן, דאָס פאָדערט קרבנות... אָבער ער איז גרייט אויף דעם. ער לעבט אַ גאַנץ יאָר נאָר מיט זיין בענקשאַפט נאָך דער בת-מלכה. ער האָט נישט קיין שום אַנדער חלום, קיין שום אַנדער האָפענונג, אחוץ דעם טרוים און די האָפע-נונג זי אַרויסצונעמען... דעם לעצטן מעת-לעת פון יאָר עסט ער

נישט און שלאָפֿט נישט. ער גייט — און אָט איז ער שוין באַלד בײַ זײַן ציל. נאָך אַ ווײַלע — און זי וועט זײַן מיט אים. אָבער אים שטייט נאָך פֿאַר אַ נסיון... דער לעצטער, ווי דער ערשטער שריט, איז דער שווערסטער... דער שני־למלך האָט דערזען אַ בוים. „אויפֿן בוים האָבן געוואַקסן זייער שיינע עפּל. האָט זיך אים זייער געגלוסט און (ער) האָט געגעסן פֿון זיי": ער איז נישט בײַגעשטאַנען דעם נסיון! אַ גאַנץ יאָר האָט ער געלעבט מיט דער רגע, ווען ער וועט זי קאָנען אויסלייזן. פֿון קיין שום אַנדער זאַך האָט ער נישט געטראַכט, קיין שום פֿאַרגעניגן האָט ער זיך נישט פֿאַרגונען. אחוץ דעם פֿײַנלעכן פֿאַרגעניגן פֿון בענקען און וואַרטן און האָפֿן, און אַז עס איז געקומען די מינוט, די לעצטע מינוט, ווען ער איז געשטאַנען אויפֿן גרעניץ, אויפֿן שוועל פֿון דעם פֿאַרשפּראָכענעם אָרט, ווען ער האָט געדאַרפֿט מאַכן נאָך איין שריט, דעם לעצטן שריט, איז ער געשטרויכלט געוואָרן...

ווי טראַגיש דאָס איז און — ווי מענטשלעך! ווי אָפֿט טרעפֿט עס אין דער געשיכטע פֿון פֿעלקער, אין דעם לעבן פֿון יחידים, אַז ווען מען שטייט שוין, נאָך אַ לאַנגן און שווערן וועג, בײַ די טויערן פֿון טרוים, ווערט מען געשטרויכלט אָן אַ קליין שטיינדעלע. איבער אָפּגרונטן איז מען געגאַנגען, איבער באַרג און פֿעלזן האָט מען איבערגעקלעטערט, דורך פֿינצטערע הייל איז מען געקומען, נאָר אָן אַ קליינעם שטיין אין וועג פֿאַרטשעפּעט מען זיך — אין דער לעצטער רגע — און מען פֿאַלט! פֿון אַלע לעבנס־פֿריידן האָט זיך דער שני־למלך אײַן משך פֿון אַ לאַנגער צײַט געקאָנט אָפּזאָגן, אָבער גובר זײַן דעם יצר־הרע פֿון „שיינעם עפּל" אין דעם לעצטן מאָמענט — האָט ער נישט געקענט!

„פֿון איין טאָג (וועגן) האָסטו אָנגעוואָרן!" — אַזוי האָט געזאָגט צו אים, פֿול מיט צער און רחמנות, די בת־מלכּה, ווען ער איז געקומען צו איר, נאָך יאָרן שלאָף (פֿאַר דער זינד פֿון דעם עפּל) פֿרעגן אַן עצה. זי האָט אים געהייסן אָנהייבן פֿון ס'נײַ: ווידער זיצן אַ יאָר, ווידער וואַרטן און בענקען, און האָפֿן, און גרייטן זיך, און אין דעם לעצטן טאָג נישט שלאָפֿן און נישט טרינקען

קיין ווייַן. עסן האָט זי אים שוין מתּיר געמאַכט, אָבער נישט שלאָפֿן, — „חאָרים דער עיקר איז דער שלאָף".

דער עיקר איז, ווען מען שטרעבט צו אַ הויכן און שווערן ציל, נישט איינשלאָפֿן, נאָר צו זייַן וואַך, תּמיד גרייט! און דער שני־למלך איז געווען גרייט. אָבער אָט איז געקומען דער לעצטער טאָג, — דער לעצטער קאַמף מיט זיך אַליין. דער אויסגעמאַטערטער און האָפֿענונגפֿולער שני־למלך איז ווידער נאָענט צו זייַן ציל, נאָר ווידער־אַמאָל איז אים באַשערט געפּרוווט צו ווערן: ער האָט דערזען אַ קוואַל, — „און די מראה פֿון דעם קוואַל איז געווען רויט, און דער ריח איז געווען פֿון ווייַן". די מראה פֿון דער פֿליסיקייט האָט פֿאַרכאַפּט זייַן אויג, דער ריח האָט אים פֿאַרכאַפּט — ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, ער האָט פֿאַרזוכט פֿון דעם ווייַן — און איז ווידער איינגעשלאָפֿן!

„עס איז אַ גרויס רחמנות אויף מיר און אויף דיר" — האָט געזאָגט די בת־מלכּה, ווען זי איז אין אַ צייַט אַרום געפֿאָרן אין איר קאַרעטע, באַגלייט פֿון חיילות, פֿאַרבייַ אים און געזען, ווי ער ליגט אַ שלאָפֿעדיקער. זי האָט געוויינט. מיט אירע טרערן האָט זי עפּעס אָנגעשריבן אויף דער „פֿאַטשיילע", וואָס זי האָט אַראָפּגענומען פֿון קאָפּ. די פֿאַטשיילע האָט זי אַוועקגעלייגט לעבן דעם שלאָפֿנדיקן שני־למלך — און איז אַוועקגעפֿאָרן. אַז ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און זייַן משרת האָט אים דערציילט, אַז די בת־מלכּה איז דאָ געווען און האָט אים איבערגעלאָזט איר טוך, נאָכדעם ווי זי האָט עפּעס אויף איר אָנגעשריבן מיט אירע טרערן, „האָט ער גענומען די פֿאַטשיילע און האָט זי אויפֿגעהויבן אַקעגן דער זון" און איבערגעלייענט, וואָס דאָרט איז געווען אָנגעשריבן. אַז ער האָט עס איבערגעלייענט, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז די בת־מלכּה איז שוין מער נישט אין דעם שלאָס, ווו זי איז פֿריִער געווען, נאָר — „ער זאָל זוכן אַ גאָלדענעם באַרג מיט אַ פּערלנעם שלאָס"...

און ער לאָזט זיך אַוועק אין די ווייַטסטע מדבריות... ער לאָזט זיך נישט אָפּשרעקן פֿון בייזאַהעריקע ירידות, ער פֿאַלט נישט אַרייַן אין יאוש. ער גייט נאָך אַלץ זוכן דעם גילדענעם באַרג מיט

דעם פערלנעם שלאָס. ער גייט נאָך אַלץ זוכן די בת-מלכה"...

עס איז נישטאָ קיין שיעור צו זיין מוט, עס איז אָבער נישטאָ אויך קיין גרעניץ צו די שטרויכלונגען, וואָס ליגן אויף זיין וועג. עס הייבן זיך ווידער אָן נסיונות — און נאָך גרעסערע, נאָך מער געפערלעכע, ווי די פריערדיקע... ער באַגעגנט ריזן אויפן וועג. איינער איז ממונה אויף אַלע חיות, דער צווייטער — אויף אַלע פויגלען, דער דריטער, — אויף אַלע ווינטן פון דער וועלט. און אַט די אַלע יצר-הרעות אין דער געשטאַלט פון ריזן פּרוּוון אים אָפּשוואַכן דעם מוט און אָפּשלאָגן די פליגלען. אַלע ראָטן זיי אים אומקערן זיך צוריק און אַרויסשלאָגן זיך פון קאָפּ דעם משוגענעם געדאַנק פון דעם גילדענעם באַרג מיט דעם פערלנעם שלאָס. דער ריז, וואָס איז ממונה אויף אַלע חיות, זאָגט, אַז מען האָט אים, דעם שני-למלך, איינגערעדט אַ נאַרישקייט, וואָרים עס איז נישטאָ גאָר אַזאַ באַרג און אַזאַ שלאָס אויף דער וועלט. דאָס איינענע זאָגט אים דער, וואָס איז ממונה אויף אַלע פויגלען. און אויך יענער, וואָס הערשט איבער אַלע ווינטן פון דער וועלט, פּרוּווט אים איבעררעדן, אַז ער זאָל נישט זיין אַזוי איינגעשפּאַרט און נישט גלויבן אין פּוסטע חלומות אָדער, ווי מיר וואָלטן זיך איצט אויסגעדריקט — אין אוטאָפּישע אידעען... אָבער דאָס אַלץ ווירקט נישט, ער גיט זיך נישט אונטער, ער לאָזט זיך נישט אי-בעררעדן. ער האַלט אין איין שרייען, אין איין טענען: „איך ווייס, עס איז בוודאי יאָ דאָ!", הערט זיך נישט צו צו די ניכ-טערע און „פּראַקטישע" רייד... ער האָט אַמאָל געזעען די בת-מלכה (אפשר האָט ער זי געזען אין טרוים?) — און ער גלויבט, ער איז זיכער, אַז ער וועט זי נאָך אַמאָל זעען: ער וועט — וויפל עס זאָל נישט דויערן און וואָס עס זאָל אים נישט קאָסטן — צוקומען צום גאָלדענעם באַרג מיט דעם פערלנעם שלאָס, און דאָרט וועט ער געפינען און דאָרט וועט ער אויסלייזן — די געזוכ-טע און לאַנג-געגאַרטע בת-מלכה...

און ער געפינט זי און לייזט זי אויס... זיין שטאַרקער ווילן טריומפירט, זיין אידעאַל ווערט דערגרייכט...

אַ שטורעם-ווינט ברענגט אים צום טויער פון פערלנעם

שלאָס אויף דעם גילדענעם באַרג, וווּ די בת־מלכּה שמאַכט און וואַרט אויף איר אויסלייזונג... „און ווי אַזוי ער האָט זי אַרויסגע־נומען — דערציילט ר׳ נתן, וואָס האָט די מעשה פאַרשריבן — ווי אַזוי ער האָט זי אַרויסגענומען, האָט ער (ד. ה., ר׳ נחמן) נישט דערציילט. צום סוף האָט ער זי אַרויסגענומען".

אָט דער שלום איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער רעלי־גיעזער שיטה פון ר׳ נחמן בראַסלאַווער, — די שיטה, וואָס איז געבויט אויף פייערדיקן גלויבן, אומענדלעכן עקסטאַז און מסירת־נפש, אי פאַר דעם סטיל, דעם סימבאָלישן סטיל, וועלכן ער באַ־נוצט אין דער דאָזיקער געשיכטע. פאָרן סימבאָליקער איז דער עיקר „דאָס האַרץ פון יעדער זאַך", און דאָס האַרץ פון דער דאָזיקער מעשה איז דאָס בייקומען די שווערע נסיונות, דאָס נישט שרעקן זיך פאַר דעם שווערן און לאַנגן וועג, וואָס פירט צו דעם גילדענעם באַרג מיט דעם פּערלנעם שלאָס — דאָס גיין אויפן וועג פון אמונה, אויפן וועג פון העראָישן ווילן, אויפן וועג פון מסירת־נפש... האָט ער אַנטפּלעקט פאַר אונז דאָס האַרץ, האָט ער אונז געוויזן דעם עיקר — דעם וועג, — איז מער פאַר אים שוין נישט נויטיק געווען אַריינצולאָזן זיך אין פּרטים.. די סימבאָלישע קונסט דאַרף נישט אָנקומען צו איינצלהייטן, זי גיט אונז אַ פאָדעם אין האַנט. זי פאַרלאָזט זיך אויף אונזער פאַנטאַזיע, אַז זי וועט שוין אַליין אים ווייטער ציען, ווייטער שפּינען...

די מעשה פון דעם צווייטן, מער רעאַליסטישן טיפּ, — די מעשה מיט דעם חכם און דעם תם איז, להיפּוך די געשיכטע מיט דער פאַרלאָרענער בת־מלך, פול מיט נאַטוראַליסטישע איינצל־הייטן, דעטאַליזירטע באַשרייבונגען און קאָנקרעטע פּסיכאָלאָגישע באַטראַכטונגען, דער גאַנצער סטיל איז דאָ שוין מער ווי אין אַ סאַטירישער אָדער הומאָריסטישער דערציילונג, איידער ווי אין אַ לעגענדע... ר׳ נחמן (ווערט אונז קלאָר פון דער דאָזיקער דער־ציילונג) האָט פאַרמאָגט נישט בלויז אַ גוניאַלע פאַנטאַזיע (אַן איינגעהאַלטענע און געצווימטע, ווי אין דער מעשה פון דער פאַר־לוירענער בת־מלך, אָדער פאַרקערט, אַ פרייגעלאָזענע, ווי אין איי־ניקע אנדערע מעשיות זיינע), נאָר אויך אַ שאַרף אויג, זייער אַ

פיינע אָבסערווירונג־קראַפט, און אַ לעבעדיקע, זאַפטיקע און פאַרביקע שפּראַך... דער ח כ ם און דער ת ם זענען נישט קיין אַבסטראַקטע סימבאָלן אָדער אַלעגאָרישע פיגורן, ווי דער שני־למלך און די בת־מלכה אין דער נאָר־וואָס באַטראַכטער דערציילונג. זיי זענען לעבעדיקע, רעאַליסטישע געשטאַלטן, זיי זענען קינסטלערישע טיפּן.

די טיפּן זענען נישט קיין נייע. מיר קענען זיי (דערהויפּט דעם תם) פון אַלערליי יידישע און נישט־יידישע פאָלקס־געשיכטן. אַזוי ווי אין אייניקע אַנדערע מעשיות, האָט ר׳ נחמן אויך דאָ אויסגענוצט צום טייל פאַרטיקן מאַטעריאַל. ער האָט אים אָבער אויסגענוצט אויף אַ העכסט אייגנאַרטיקן שטייגער, אויף אַ שטייגער, וואָס איז צוגעפּאַסט געווען נישט נאָר צו ר׳ נחמנס אַלגעמיינע רעליגיעז־קינסטלערישע צילן, נאָר אויך צו יענעם ספּעציעלן ציל, וועלכן חסידות האָט זיך געשטעלט אין זיין קאַמף מיט דער השכלה, און עס איז נישטאָ נאָך אַ מעשה — און עס איז בכלל נישטאָ נאָך אַזאַ ליטעראַרישער דאָקומענט, ווו דער גייסט און דער הויפּט־קאָנפליקט פון יענער עפּאָכע זאָל האָבן געפונען אַזאַ שטאַרקן און אַזאַ קלאָרן אויסדרוק, ווי אין דער מעשה מיט דעם חכם און דעם תם.

דער חכם און דער תם זענען צוויי אוניווערסאַלע טיפּן; זיי עקזיסטירן אין אַלע צייטן און ביי אַלע פעלקער. אָבער אין דער עפּאָכע פון חסידות און השכלה זענען זיי געווען ביי אונז די ה ע ל ד ן פ ו ן ד ע ר צ י י ט. די הויפּט־העלדן פון דער דראַמע, וועלכע האָט זיך דאַן אָפּגעשפּיגלט אין אונזער געזעלשאַפטלעכן און רעליגיעזן לעבן...

דער ח כ ם און דער ת ם — דאָס איז דער מ ש כ י ל און דער ח ס י ד.

ר׳ נחמן האָט, פאַרשטייט זיך, סימפּאַטיזירט מיטן תם. ער האָט מיט זיין מעשה געוואָלט אַרויסברענגען, אַז „דער עיקר יידישקייט איז נישט קיין חכמות, נאָר תמימות און פּשטות". ער האָט דעם קולט פון וויסנשאַפט, חכמה, השכלה געוואָלט אַנטקעגנשטעלן דעם פּרינציפּ פון נאַיוון גלויבן. ער האָט דעם מין פון

זיין געשיכטע אליין קלאר אויסגעטייטשט: „פארשטיי גוט, וואס מע דערציילט", האט ער געזאגט נאכדעם ווי ער האט אויסגעלאזט די מעשה: — „ווי אזוי מע קאן איבערלעבן די וועלט מיט ברויט און וואסער און מיט א פעלץ און מע זאל א בעסער לעבן האבן און א פריילעכער לעבן, איידער דער גרעסטער חכם און דער גרעסטער עושר. אזוי ווי מיר זעען, אז זיי זענען פול מיט יסורים תמיד, און צום סוף איז דאך אוודאי נאר גוט דעם תם, וואס ער האט זיך באנוגן געלאזט מיט וואס ער האט געהאט און (איז) תמיד פריילעך געווען. און דער, וואס וויל זיין א חכם און טראכט פיל איבער, ווערט ער פארשווארצט פונעם אנהויב ביזן אויסלאז און איז פול מיט יסורים תמיד, און ער האט קיינמאל קיין לעבן נישט. און צום סוף ווערט ער פארלוירן, ביז דער תם מוז אויף אים „רחמנות האבן און אים העלפן"...

דאס איז, ווי מיר זעען אלזא, א דערציילונג מיט א גאנץ באשטימטער טענדענץ. פונדעסטוועגן ליידט זי נישט פון איינזייטיקער טענדענציעזישקייט. ביידע טיפן, דער נעגאטיווער, אזוי גוט ווי דער פאזיטיווער טיפ, ווערן געשילדערט ווארהאפטיק און מער אדער ווייניקער אביעקטיוו. אמת, עס פילט זיך א מער הומאריסטישער טאן אין דער כאראקטעריזירונג פונעם תם און מער סאטירישקייט אין דעם פארטרעט פונעם חכם, אבער די מאס ווערט נישט איבערגעכאפט. מען פילט, אז דער רבי האט געוואלט זיין גערעכט ביי זיינע העלדן, צו דעם, וואס געפעלט אים נישט, אזויווי צו יענעם, וואס איז אים צום הארצן. מען פילט, אז אט די אנטימשכילישע דערציילונג פון ר' נחמנען איז נישט די אנטיחסידישע ליטעראטור. וועלכע עס האבן געשאפן אין יענער צייט די משכילים און די מתנגדישע רבנים. די משכילים האבן געזען אינעם חסיד נאר נארישקייט און אינעם חסידישן רבין — בלויז צביעות און פאלשקייט. פאר ר' נחמנען אבער איז זיין געגנער דער משכיל נישט קיין שוטה און נישט קיין אפנארער, נאר פארקערט, איינער, וואס זוכט מיט אן אמת חכמה, השלמה. און ר' נחמן האט גארנישט קעגן דעם חכם, ער פארמיאוסט אויך נישט זיין חכמה (דער תם אליין לערנט שפעטער חכמות און לשונות), ער זאגט נאר, אז די חכמה

פירט נישט צו קיין גליק. ער קומט צום זעלביקן אויספיר צו וועלכן עס זענען געקומען אסך אַנדערע רעליגיעזע און וועלטלעכע דענקער - צו דעם אויספיר, אַז מען האָט „אַ בעסער לעבן און אַ פריילעכער לעבן, ווען מען גייט אויפן וועג פון תמימות און פשטות“...

צי איז ער גערעכט אָדער אומגערעכט — דאָס איז אַ פראַגע, וואָס האָט שוין לאַנג באַאומרויקט און וועט נאָך לאַנג באַאומרויקן דעם מענטשלעכן געדאַנק... דאָס איז איינע פון די „פאַרפלאָנטערטע פראַגן“ פון דער מענטשהייט... איין זאַך האָט ר׳ נחמן, יעדנפאַלס, באַוויזן, אַז ער אַליין איז שוין גאָר קיין תם נישט געווען... און אפשר טאַקע דערפאַר איז תמימות געווען זיין אידעאַל...

נאָר לאָמיר איבערגיין צו דער מעשה. נישט אַריינלאָזנדיק זיך אין די אַלע פרטים פון דער געשיכטע וועגן די צוויי חברים, דעם חכם און דעם תם, וועל איך אויסטיילן נאָר אַפּאָר פון יענע שטעלן, וועלכע כאַראַקטעריזירן פון איין זייט דעם חכם, וועלכער האַלט זיך אין איין קלוגן און אין איין האָבן צרות דערפון, און פון דער אַנדער זייט — דעם תם, וועלכער איז פראָסט, נישט איבערגעשפיצט און וועמען עס איז טאַקע דערפאַר גוט צו לעבן אויף דער וועלט... די דאָזיקע שטעלן וועלן, אגב, באַקענען דעם לעזער אויך מיט דעם טיפיש־רעאַליסטישן סטיל פון דער דאָזיקער מעשה...

עס איז אַן עפּיזאָד, ווו מען זעט די גרויסע ליידן וואָס דער חכם האָט דערפון, וואָס ער איז קלוג, צו קלוג און האַלט אין איין טראַכטן און פילאָזאָפירן: איינמאָל איז געקומען אַ שררה און האָט געהייסן, אַז ער (דער חכם, וועלכער האָט אין דער גרויסער וועלט, ווו ער האָט אומגעוואַנדערט, זיך אויסגעלערנט אסך שיינע מלאכות, קונסט און וויסנשאַפט) זאָל אים מאַכן אַ גילדן פינגערל. „האָט ער אים געמאַכט זייער אַ וויל פינגערל און האָט דאָרט אויסגעקריצט געמעלן מיט זייער ווילע געניג און האָט דאָרט אויסגעקריצט אַ בוים, וואָס סע געווען גאָר אַ חידוש. איז געקומען דער שררה — און סע איז אים גאָרנישט געפעלן דאָס פינגערל... האָט ער (ד. ה., דער חכם) געהאַט גרויסע יסורים,

וואָרים ער האָט ביי זיך געוווסט, אז דאָס פינגערל מיט דעם ביימל זאָל געווען זיין אין שפּאַניע (ווו ער האָט אמאָל שטודירט) וואָלט עס זייער חשוב געווען, סע וואָלט געווען אַ חידוש, און דאָ געפעלט עס גאָרנישט!"

אָט אַזוי ליידט דער חכם דערפון, וואָס מען פאַרשטייט אים נישט, מען שאַצט נישט אָפּ זיין קענטשאַפט. און נישט נאָר דערפון אַליין האָט ער יסורים. ער פילט זיך עלנד אויך דער־פאַר, וואָס טאָמער מאַכט ער אַמאָל אַ פעלער אין זיין קונסט, מערקט עס אויך קיינער נישט. מענטשן פילן נישט זיינע חסרונות, הייסט וואָס פאַר אַ מבינים קענען זיי שוין זיין אויף זיינע מעלות!

דער אמתער קינסטלער, — האָט ר' נחמן געמאַכט זייער אַ פיינע באַאָבאַכטונג און אפשר האָט ער עס געוווסט פון זיין אייגענער פערזענלעכער דערפאַרונג, — דער אמתער קינסטלער באַנוגנט זיך נישט דערמיט, וואָס מען „לויבט" אים: ער וויל, אַז די, וואָס רינגלען אים אַרום, זאָלן אים פאַרשטיין, און פאַרשטיין אַן אַנדערן הייסט: וויסן זיינע פעלערן, נישט נאָר זיינע אויפטוען, פאַרשטיין אַן אַנדערן הייסט: איבערלעבן מיט אים אינאיינעם זיינע ירידות, ווי זיינע עליות, זיינע דורכפאַלן, ווי זיינע דערגרייכונגען.

דעם חכמס פעלערן זענען אָבער פונקט אַזוי נישט פאַר־שטאַנען געוואָרן פון די אַרומיקע, ווי זיין קענטשאַפט און מייס־טערשאַפט: איינמאָל איז „געקומען אַ גרויסער שררה און האָט גע־בראַכט אַ טייערן דומיט (דימענט), וואָס מע האָט אים געבראַכט פון ווייטע לענדער און ער האָט אים געבראַכט נאָך איין דומיט מיט איין געמעל און אים געהייסן אַז ער זאָל אויסקריצן (אויף יענעם די־מענט) אַזוי ווי דאָס געמעל (איז אויף דעם דימענט) — — — האָט ער אויסגעקריצט אַזוי ווי דאָס געמעל, נאָר עס האָט געפעלט איין זאַך, וואָס קיין שום מענטש איז דערויף קיין מבין געווען, נאָר ער אַליין"... האָט ער ערשט דאַן געפילט זיין טיפע עלנדקייט, זיין קינסטלערישע איינזאַמקייט צווישן די אַרומיקע. אָבער ער האָט זי געפילט נישט נאָר ביי אַזעלכע וויכטיקע אַנגעלעגנהייטן, זי האָט זיך אים געגעבן צו שפירן אויך אין קלייניקייטן, און די דאָזיקע קלייניקייטן שילדערט ר' נחמן שוין אין אַן אָפן סאַטירישן טאָן:

„אז ער (דער חכם) האָט באַדאַרפֿט זײַן מלבוש, האָט ער גע־רופֿן דעם שנײַדער און האָט זיך מיט אים געמוטשעט, ביז ער האָט אים אויסגעלערנט, אַז ער זאָל מאַכן דאָס מלבוש מיט דער מאָדע, אַזוי ווי ער וויל. האָט דער שנײַדער צוגעטראָפֿן און האָט אים געמאַכט דעם מלבוש אַזוי, ווי ער האָט געוואָלט, נאָר איין לעפּל האָט דער שנײַדער נישט צוגעטראָפֿן, האָט ער דערפֿון גרויסע יסורים געהאַט, וואָרים ער האָט בײַ זיך געוווּסט, (אַז) כּמעט דאָ איז דערויף קיינער קיין מבֿין נישט — „איך זאָל אָבער זײַן אין שפּאַניע מיט דעם לעפּל, וואָלט מען אויס מיר געלאַכט, און איך וואָלט אַ פּנים געהאַט ווי חוזק... און אַזוי איז ער געווען פֿול מיט יסורים תּמיד".

און די דאָזיקע יסורים פֿון דעם רײַכן און אַ"ך חיסנדיקן חכם, וועלכער האָט אין פֿלוק געהאַט אַלע שאַנסן צו זײַן גליק־לעך, ווערן נאָך קענטיקער אין שאַרפֿער אויפֿן פֿאָן פֿון דער גע־בענטשטער צופֿרידנקייט פֿון דעם תּם, וועלכער איז גליקלעך אַפֿילו דאַן, ווען ער לעבט אין אָרעמקייט און נויט.

דער תּם האָט נישט געקענט גוט אַפֿילו זײַן פּראָסטע מלאָכה, דאָס שוסטערײַ, און האָט געלעבט אין גרויס דחקות, און ער האָט נישט געהאַט קיין צײַט אַפֿילו צו עסן, נאָר בשעת ער האָט געאַרבעט, אַז ער האָט אַרײַנגעשטעקט די נאָל און האָט דורכגענומען די דראָטווע, דעמאָלט האָט ער אַ ביס געטון אַ שטיק ברויט, וואָס ער האָט געגעסן בײַ זײַן שוסטערשן וואַרשטאַט, האָט ער געפֿילט דעם טעם פֿון די בעסטע מאכלים. „ער פֿלעגט זאָגן: מײַן ווײַב, גיב מיר עסן! האָט זי אים געגעבן אַ שטיק ברויט. האָט ער געגעסן. דערנאָך האָט ער געזאָגט: גיב מיר די יויך מיט קאַשע! האָט זי אים אָפּגעשניטן נאָך אַ שטיק ברויט און ער האָט געגעסן און ער האָט געזאָגט: וואָס פֿאַר אַ גוט־קייט און וואָס פֿאַר אַ ווילקייט די יויך איז! און אַזוי האָט ער זיך געהייסן געבן פֿלייש. האָט זי אים ווידער געגעבן ברויט. האָט ער געגעסן און האָט אויך זייער געלויבט און האָט געזאָגט: וואָס פֿאַר אַ ווילקייט דאָס פֿלייש איז! און אַזוי אַנדערע מאכלים גוטע האָט ער זיך אַלץ געהייסן געבן, האָט זי אים אַלן

געגעבן אַ שטיק ברויט, און ער האָט דערפון זייער גרויס תענוג געהאַט און האָט זייער געלויבט דאָס געקעכץ: וואָס פאַר אַ גוטסקייט עס איז! גלייך ווי ער וואָלט עס ממש געגעסן, ווארים ער פלעגט טאַקע באמת פילן אין דעם ברויט, וואָס ער האָט געגעסן, דעם טעם פון כל המאכלים, מחמת זיין גרויס תמימות". און אַזוי האָט ער אין וואַסער געפילט דעם טעם פון אַלע משקאות. און דער אָרעמער פעלץ, וואָס ער האָט געהאַט בשותפות מיט זיין ווייב, האָט אים געדינט אי פאַר אַ טולופּ, אי פאַר אַ קאַפּטאַן צו גיין אין שול אַריין, א. אַז. וו. און פון זיין אַר־בעט איז ער, להיפוך צום חכם, געווען אַזוי צופרידן, אַז ווען ער פלעגט מאַכן אַ שוך — „און מן הסתם האָט דער שוך געהאַט דריי עקן, ווארים ער האָט די מלאכה נישט געקענט אינגאַנצן" — „פלעגט ער נעמען דעם שוך אין דער האַנט אַריין און האָט גרויס תענוג געהאַט פון אים און פלעגט זאָגן: מיין ווייב, וואָס פאַר אַ שיינקייט, און וואָס פאַר אַ ווילקייט (און) וואָס פאַר אַ זיסקייט דאָס שיכל איז! וואָס פאַר אַ צוויבערדיק שיכעלע דאָס איז!".

און אין אָט אַזאַ — כמעט היינטיקן — לעבעדיקן טאָן איז דערציילט די גאַנצע געשיכטע פון דעם חכם און דעם תם.

צו איר וויכטיקסטן פּונקט קומען מיר, ווען דער מלך דערוויסט זיך וועגן די צוויי חברים, דעם חכם און דעם תם, און ער באַפעלט זיי ברענגען צו אים. דער תם פרעגט נישט קיין קשיות, און ווי נאָר ער קריגט דעם בריוו פון קייזער, — לאָזט ער זיך גלייך אין וועג אַריין, — און עס הייבט זיך אָן זיין וואונדער־לעכע עליה, ביז ער דערגרייכט צום העכסטן שפּיץ פון עושר און כבוד און אלדאָס גוטס. דער חכם אָבער, אַז ער האָט באַקומען די איינלאַדונג, איז אים די זאַך אויסגעקומען קשה און ער האָט אָנגעהויבן צו קלייגן (זיך) און צו קלערן מיט זיין חכמה און זיין פילאָזאָפיע און האָט זיך אָנגערופן און האָט גע־זאָגט: „וואָס קאָן דאָס באַטייטן, וואָס אַזוי איין מלך זאָל שיקן נאָך אַזאַ קליינעם מענטשן, ווי איך בין? וואָס בין איך עס, אַז דער מלך זאָל שיקן נאָך מיר? וואָס טייטש אַזאַ גרויסער מלך

א. אַז. װ., א. אַז. װ., און אַזוי לאַנג האָט ער זיך געחקירהט און אַזוי טיפזיניק האָט ער פילאָזאָפירט, ביז עס איז אויסגעקומען בײַ אים, אַז „סע איז געדרונגען, אַז סע איז גאָר קײן מלך נישטאָ אין דער װעלט, אַז די גאַנצע װעלט איז זיך דערײַנגען טועה" א. אַז. װ. דער סוף איז געװען, אַז מיט זײַן גרויס קלוגשאַפט און מיט זײַנע אַלע חקירות און ספיקות און שפעקולאַציעס האָט ער זיך אַזוי פאַרפּלאָנטערט און איז פאַרקראָכן אין אַזאַ זומפּ, אַז װען נישט דער תם, װאָס איז שוין דערװײַל געװאָרן אַ מיניסטער, װאָלט דער חכם שוין געבליבן דאָרט שטעקן אויף אײביק... דער תם האָט געראַטעװעט דעם חכם — און דער חכם האָט געמוזט מודה זײַן, „אַז ס'איז יאָ דאָ אַ מלך" א. אַז. װ....

אַלע איבעריקע מעשיות זענען, לויט זײער אינהאַלט און סטיל, נענטער אָדער צו דער סימבאָליש-ראָמאַנטישער מעשה פון דער פאַרלוירענער בת-מלכּה, אָדער צו דער שיר נישט רעאַליסטישער דערצײלונג פון דעם חכם און דעם תם. אָבער אַלע זענען זײ פול מיט פאַנטאַזיע, אַלע שטעלן פאָר מיט זיך אַן אוצר פון בילדער, געדאַנקען און טיפע כּוונות, אַלע זענען זײ נישט בלויז אַ פּרעכטיקע ירושה פון דעם געניאַלן פירער פון דעם בראַסלאַװער חסידות, — נאָר אַן אוצר, װאָס ליגט אַ פאַרבישופטער און אַ שײַנענדיקער בײַם שװעל פון דער נײַער ייִדישער קונסט.

ר'נחמן בראַסלאַווער

אין געשטאַלט פון זיין „מעשה מיט די זיבן בעטלערס"

דאָס ערשטע חלק

אַ מעשה מיט אַ הענגללייכטער

אין זלאַטאָפּאָלי. שבת אין דער פרי אין בית־מדרש פאַרן דאַוונען

ערשטער חסיד

איך וואָלט אַ בעלן געווען צו וויסן אויף וועמען מען וועט היינט וואַרטן מיטן דאַוונען, אויף ר׳ נחמציון, אָדער אויפן שפּאָלער זיידן.

צווייטער חסיד

געוויס אויפן שפּאָלער; ער איז דאָך עפּעס איצט ביי אונז אַ גאַסט אין זלאַטאָפּאָלי; דאָ איז ער דאָך נתגלה געוואָרן.

ערשטער חסיד

און בכן, אַז ער איז אַ גאַסט, איז וואָס? נאָר ער איז נתגלה געוואָרן אין אַ שטאָט, וואו אַלע זענען עמי־הארצים און האָבן מורא צו הערן די תוכחה לייענען און צו קוקן אויפן שופר, ווען מען בלאָזט די תקיעות.

צווייטער חסיד

איך זע, דו ביסט אויך געכאַפּט אין דער מעשה; נחמן האָט דיך אויך פון וועג אַראָפּגעפירט.

ערשטער חסיד

נישט נחמן, נאָר ר׳ נחמציו. ער איז דאָך עפּעס פון די זרע־קודש, אַן אייניקל פון דעם בעש״ט הקדוש. און אַחוץ דעם, איז ער

דאָך גלאַט אַזוי אַן אדם-גדול, אויך אַ וועלט-מענטש און ג'יז אפילו אין ארץ-ישראל געווען...

צווייטער חסיד

אָבער אַלע ווייסן דאָך, אַז דער שפּאָלער האָט ביי אונז זעענדיק געמאַכט דעם בעדערס בלינדע טאָכטער.

ערשטער חסיד

וואָס ליאַרעמט ער אַזוי דער שפּאָלער זיידע? וואָס איז ער אַזוי מרעיש עולמות קעגן אונזער הייליקן רבין? ער האָלט זיך אין איין באַרימען, אַז זיין נאָמען איז אריה און אַז פּאַר אַ לייב דאַרפן זיך בוקן אַלע חיות פון וואַלד. פּש. פּש. פּש. איך האָב דעם לייב געקענט, ווען ער איז נאָך געווען אַ לייבל און האָט נאָך קיין סגולות נישט געגעבן צו עקרות, אַז זיי זאָלן מעוברת ווערן. איך האָב אים נאָך געקענט, ווען ער איז נאָך געווען דער שמש פון שול און אַלע האָבן זיך געשאָפּט מיט אים און אים גערופן לייבל שמש.

צווייטער חסיד

און דאָס, וואָס דער בעדער האָט דערציילט? און דאָס, וואָס אַלע עקרות, וועלכע זענען מעוברת געוואָרן פון דעם זיידנס סגולות דערציילן? דאָס איז גאָרנישט?...

ערשטער חסיד

נו, דערציילן זיי. ר' נחמציו איז אָבער דער אמתער מופת-הדור, כאָטש ער ווייזט קיין מופתים נישט...

דריטער חסיד

וועלכער איז צוגעקומען צו זיי אין מיטן וויכוח

וואָס איז? הכידות און גוט-יידישקייט מיינט דען נאָר צו געבן סגולות און אָפּשפּרעכן אַ גוט-אויג? ביים בעש"ט הקדוש איז דאָך דאָס נאָר געווען אַ תּפל און נישט חלילה דער עיקר. ר'נחמציו האָט אָבער אפילו דעם תּפל אָוועקגעוואָרפן, דערפאַר וואָס ער איז דער אמתער יורש פון זיין הייליקן זיידן...

ערשטער חסיד

און איך זאָג, אַז רבי נחמציו וועט נאָך אַמאָל מפורסם ווערן איבער דער גאַרער וועלט, אָן מופתים... ער האָט דאָך חסידים פון דעם גאַנצן קאַנט, וואָס קומען אַהער קיין זלאַטאָפּאָלי צו הערן זיינע מעשיות און זיינע חידושים אויף דער תורה. אָט זע־נען געקומען צו אים פון בראַסלאַוו צוויי יונגעלייט, ר׳ נתן און ר׳ נפתלי. ר׳ נתן איז אַ גרויסער למדן, אַ מופלג, און נפתלי איז אויך אַ כלי־שלימה. זיי זענען ווי צוגעזאָטן צו אים און טרעטן פון אים נישט אָפּ. זיין יעדעס וואָרט איז ביי זיי קודשי־קדשים. ר׳ נתן איז אַ כתבא רבא און ער פאַרשרייבט די מעשהלעך, וואָס דער רבי דערציילט. ר׳ נפתלי איז אויסגעוואַקסן מיטן רבינס קינדער אין הוסיאַטין, איידער זיינע עלטערן האָבן זיך אַריבער־געקליבן קיין בראַסלאַוו. עס האָט אים אין בראַסלאַוו אָנגעהויבן צו ציען צו רבי נחמציו און ער איז אַהערגעקומען, כאָטש זיין פאָטער האָט עס שטאַרק נישט געוואָלט.

צווייטער חסיד

דער שפּאָלער דערציילט נישט קיין מעשיות אַזוי ווי נחמן, וואָס זענען נישט געשטויגן און נישט געפלויגן. ער דערציילט פון מופתים, וואָס ער אַליין האָט אויסגעטון, פון שדים, רוחות און וואַל־קולאַקן. וואָס זאָגסטו עפּעס אויף זיין וואונדערלעכער מעשה פון „יעקב רייך מיט זיין ווייב פייגע״, וועלכע האָבן אויסגעדונגען ביי אַן אַנדערן ייד אַ וואַסער־מיל און דער שפּאָלער האָט מעניש געווען דעם יעקב רייך און האָט אים איבערגעביטן זיין ווייב פייגע אויף אַ וואַסער־שדית.

ערשטער חסיד

און וואָס איז מכוח רבי נחמציוס מעשה פון דער פאַרלוירענער בת־מלכה און פון דעם שני־למלך, וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט זי זוכן אין די מדבריות אויף אַ גילדענעם באַרג אין אַ פּערל־נעם שלאָס? ווער ס׳האָט די מעשה געהערט, האָט געמוזט אַ הרהור־תשובה האָבן...

צווייטער חסיד

און איך האָב אַליין געהערט פון שפּאָלערס ,פּיו הקדוש, אַז נחמנס מעשהלעך ברענגען צו אַ הרהור עבירה; אַז זיי וועקן זינדיקע מחשבות און רופן אַרויס די קליפּה פון דעם שאול תחתיה, רחמנה לצלן.

פערטער חסיד

וועלכער איז צוגעקומען אין מיטן די רייד

און אויך דער סאַווראַנער רב זאָגט אויף נחמענען, אַז די קליפּה האָט זיך פאַרקליבן אין זיין האַרצן און אַז פון זיינע זינדיקע הרהורים ווערן געשאַפן ממש אין גופים אָט די אַלע בת-מלכהס און יפת-תוארס, פון וועלכע ער דערציילט מיט אַלע פּרטים אין זיינע מעשהלעך... ווען איך בין געווען אין בערדיטשעוו, האָב איך אַליין פון זיין מויל געהערט, אַז נחמנס שיטה איז נישט קיין יידישע, אַז ער איז נכשל געוואָרן אין ארץ-ישראל און וויל פאַרפלאַנצן אַ „זמורת זר בכרם ישראל"...

ערשטער חסיד

מיט פאַרוואונדערונג

נכשל געוואָרן אין ארץ-ישראל?... היתכן?... אין דעם לאַנד פון קדושה?...

פערטער חסיד

יאָ, דער סאַווראַנער זאָגט, אַז אין ארץ-ישראל איז זיך מתגבר דער יצר-הרע מער ווי אין חוץ-לארץ... אַז ער איז דאָרט מער שולט אויף דעם, וואָס איז נישט קיין עובד ה' באמת...

פינפטער חסיד

צוקומענדיק צו די פריערדיקע אין מיטן די רייד

און אפילו זיין איידעם איז אַרויס אַנטקעגן אים. נישט אומזיסט האָט ער פאַרלאָזט זיין טאָכטער אַדעל און אַוועק אין דער וועלט.

ערשטער חסיד

זיין איידעם? אין מביאין ראיות מן השוטים. וואָס איז ער דען

זיין איידעם־שדים? אַ שכּור. אַ גאַרנישט, און וויל נישט טראָגן דעם עול פון ווייב און קינד; אַ הפקר־מענטש. אַ רחמנות נעבעך אויף דער טייערער אָדל; זי איז דאָך אַ לויטערע נשמה. אָבער אַז ס׳איז נישטאָ קיין מזל, איז דאָך נישט שייך... וואָלט דען נישט געפּאַסט צו זיין דעם רבינס איידעם אַזאַ טייערער יונגערמאַן ווי ר׳ נפתּלי? ער איז דאָך אַ בר־אורין, אַ כּה מפיק מרגליות און דערצו נאָך אַ בן־עשירים.

צווייטער חסיד

אָבער לאָמיר הערן, וואָס עס האָט צו זאָגן ר׳ זעליג, דער פּאָדריאַטשיק. ער איז דאָך אַ חסיד אי פון נחמנען און אי פון דעם שפּאָלער, צו ר׳ זעליגן, וועלכע־ קומט צו ר׳ זעליג, איר זענט דאָך עפּעס אַ וועלט־מענטש, זאָגט אַקאָרשט, וועמעס מעשיות זענען שענערע, דעם שפּאָלערס, אָדער נחמנס?

ר׳ זעליג

ר׳ נחמנס מעשיות פון די בת־מלכּהס זענען טאַקע די שענסטע אין דער וועלט. אָבער ווער קאָן זיי דען נאָכדערציילן? ווער פון אונז האָט נאָך געזען אַ בת־מלכּה? אָט. אַז דער שפּאָלער האָט מיר דערציילט די מעשה פון דעם יידישן פּאָדריאַטשיק מיט אַ קאָזאַק, דאָס האָב איך פאַרשטאַנען. איך האָב דאָך אים אָפּגעציילט ק״ן רענדלעך פאַר מעות־חטין פאַר דער מעשה. וואָס ער האָט מיר דערציילט.

צווייטער חסיד

ס׳איז מסתּמא אַ מעשה נורא, ר׳ זעליג.

ר׳ זעליג

הגדול, הגבור והנורא. ס׳איז אַ מעשה פון אַ קאָזאַק, וואָס פאַרמסרט אַ יידישן פּאָדריאַטשיק פאַרן מלך. דער ייד איז פאַרשיקט געוואָרן אויף אַ שדים־אינזל און דאָרטן האָט ער געפונען דעם מלכּס פינגערל, וועלכעס ער האָט געפונען אין בויך פון אַ טויטן פיש אין פון דעם לויתן, וואָס האָט געסטראַשעט צו פאַרפלייצן דעם מלכּס מדינה, אויב דער קאָזאַק וועט נישט אריינגע־

וואַרפן ווערן אין טייך. איך קאָן די מעשה אויף אויסנווייניק, אויב ס'איז נאָך נישט ווייט צום דאַווענען, וועל איך זי אייך דערציילן.

צווייטער חסיד

דערציילט, ר' זעליג.

ר' זעליג

זעצט זיך

אַ גרויסער מלך האָט געהאַט ביי זיך פאַר זיין הויפּט־פּאָדריאַדטשיק אַ קלוגן ייִד. איינמאָל האָט אים דער מלך געזאָגט: זאָלסט וויסן, אַז איך וויל מיר אויפשטעלן אַ שיינעם פּאַלאַץ, וואָס זאָל מיר דינען פאַר אַ זומערוואוינונג. ער זאָל זיין נישט פון קיין מויערן, נאָר געבויט פון האָלץ. אָבער אויך נישט פון קיין געוויינלעך האָלץ. על־כן זאָלסטו נאָכזוכן אַזאַ מין האָלץ, וועלכעס איז דאָס שענסטע אויף דער גאַנצער וועלט און אויב דו וועסט מיין וואונטש דערפילן, וועל איך דיך דערהייבן איבער אַלע מיינע שרים. איז דער פּאָדריאַטשיק געפאָרן זוכן אַזאַ האָלץ אין אַלע ווייטע לענדער.

עס קומט אריין מיט רעש ר' נפתלי

צווייטער חסיד

צו זעליגן

ר' נפתלי איז שוין דאָ, ר' זעליג, איר וועט אייער מעשה אָן אַנדערש מאָל דערציילן.

נפתלי

מיט התלהבות צו די חסידים

דער רבי קומט! דער רבי קומט!

עס קומט אריין דער רבי ר' נחמן צוזאַמען מיט ר' נתנען. זיי גייען צו צו דער „שטאַט" ביים ארון־קודש. דער ערשטער חסיד כאַפּט זיך רעשיק צו צום עמוד און הייבט אָן דאַווענען.

ע ר ש ט ע ר ח ס י ד

הודו לה כי׳ טוב, כי לעולם חסדו —

ס׳ווערט א גערודער. די שפּאָלער חסידים לויפן צו מיט כעס צום ע״רד

ר׳ נ ח מ ן

צום ערשטן חסיד

מען דאַרף וואַרטן מיטן דאַווענען אויפן שפּאָלער זיידן; ער איז דאָך עפּעס אַן עלטערער מענטש און אַ גאַסט אין שטאָט.

דער ערשטער חסיד ווערט אַוועקגעשלעפּט פון עמוד פון אַ שפּאָ־לער חס ד

ש פּ אָ ל ע ר ח ס י ד

צו ר׳ נחמנען

וואָס מיינט איר דאָ? איר וועט אָנשטעלן אייערע חסידים, אַז זיי זאָלן דאָ קאָמאַנדעווען און מבייש זיין אונזער רבין דעם שפּאָלער?

נ אָ ך א ש פּ אָ ל ע ר ח ס י ד

מיר קענען דיך גוט, נחמנקע, דו מאַכסט אַ מרידה קעגן די צדי־קי הדור; גיי פֿונדאַנען!

כאַפּט זיך אים שלאָגן

ר׳ נ ת ן

מיט כעס

אַוועק׳ט פון דעם רבין. טרעט נישט צו צו אים!

ר׳ נ פ ת ל י

צום עולם

דער, וואָס וועט צוקומען צום רבין מיט בייזע כוונות, וועט גע־ביזוקט ווערן!...

ר׳ נ ח מ ן

צו ר׳ נתנען און צו ר׳ נפתלין

און איך זאָג אייך, מיינע פריינט, נתן און נפתלי, אַז לכתחלה

ונה ספיוו ק 7

בין איך אויך געווען אַ כעסן. אָבער מחמת דעם וואָס איך האָב געוואָלט לעבן כרצונו יתברך, האָב איך די מדה פון כעס אָנגעהויבן צו ברעכן... און צו דעם האָב איך זוכה געווען נאָר אין ארץ־ישראל... דאָרט איז פון מיין כעס ביי מיר געוואָרן כולו טוב. און אפילו דער, וואָס זאָל מיר אַצינד אָנטון כל הרעות שבעולם, וועל איך אין מיין האַרץ נישט טראָגן אויף אים קיין שום שנאה און כעס; אדרבה, איך וועל אים זיין אַ גוטער פריינט, דערפאַר, וואָס צוליב אים האָב איך גובר געווען דעם יצר־הרע פון כעס...

ש פּ אָ ל ע ר ח ס י ד

צום עולם

דער שטן שפּרינגט אַרום צווישן אונז. דער שטן איז נחמן. דער „סמך־מ״ם” האָט זיך פאַר דער זרע־קודש פון דעם בעש״ט הקדוש פאַרשטעלט. דער שפּאָלער זיידע, וועלכער איז אַ גלגול פון דעם האר״י הקדוש און דער סאַוראַנער רבי, האָבן דאָס אַליין בעזאָגט. די צדיקי־הדור האָבן אים שוין מחרים געווען פאַר זיינע מעשיות, פון וועלכע דער יצר־הרע רעדט אַרויס. מיט אייפער ווי, ווי, נישט אומזיסט שטאַרבן אַזוי פיל קליינע קינדער ביי אונז אין שטאָט!

ר׳ נ ת ן

קומט אַריין צווישן דעם עולם

יידן! ס׳וועט קומען אַ צייט און די וועלט וועט אָנהייבן צו פאַרשטיין דעם חילוק צווישן דעם ספּורי־מעשיות און אונזער רבין און די אַנדערע ספּורי־מעשיות, וואָס זענען נישט מער, ווי דברים בטלים. ווייסט, יידן, אַז יעדער ספּור און יעדער דבור פון אונזער רבין האָט אין זיך דעם כוח מטהר צו זיין די מחשבה, ווי ס׳זענען מודה אַלע יודעי־חן...

ק ו ל ו ת

אָבער די בת־מלכּהס? די יפת־תוארס?

ר׳ נ ת ן

און דער שיר־השירים?

איז ער דען נישט קיין קודש־קדשים ?
די „דוכרא ונוקבא",
זענען דאָך ממש אַ חלק פון דעם בורא־יתברך...
דער שם הוי"ה נכלל ווערט
אין דעם יחיד פון דעם „ער"
מיט דער „זי"...
„חיבור חתן וכלה" —
אַזוי באַהעפטן זיך אויך די עולמות
אין זייער שורש...
ווייל אין זיין צלם האָט גאָט געמאַכט דעם מענטש...
די אברים פון דעם זכר
און דער נקבה
זענען דאָס געשטאַלט פון גאָט...
מיר זעען גאָט פון אונזער אייגן לייב...
פון אונזער אייגן לייב...

ש פּ אָ ל ע ר ח ס י ד

ווי צו די אויערן, וואָס הערן דאָס! נחמן און זיינע חבריא פאַרשפּרייטן ביי אונז ניאוף און אפּיקורסות רחמנא לצלן.

ס'לויפט אריין ראש א חסיד

ח ס י ד

יידן, דער שפּאָלער קומט! ער איז שוין ביים פּאָליש!

נ אָ ך אַ ח ס י ד

דער שפּאָלער זיידע האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים פּאָליש און וויל ווייטער נישט גיין.

נ אָ ך אַ ח ס י ד

דער שפּאָלער פרעגט, אויב נחמן איז דאָ אין בית מדרש.

נ אָ ך אַ ח ס י ד

יידן, דער שפּאָלער האָט געזאָגט, אַז ער וועט נישט אַריבער־טרעטן די שוועל פון דעם בית־מדרש, כל־זמן נחמן וועט דאָרטן

זיין; ער וויל מיט דעם אפיקורס נישט זיין אין איין מחיצה.

ש פּ אָ ל ע ר ח ס י ד י ם

מ׳דאַרף דעם שפּאָלער מפייס זיין: מען דאַרף זיין רצון דער־פילן!

לויפן אַרויס אין פּאַניש

ר׳ נ פ ת ל י

רשעים קריגן אויף אונזער רבין.
ס׳פירט קריג די פינסטערניש קעגן דער ליכטיקייט...

ר׳ נ ת ן

אַנטקעגן דער ליכטיקייט פון דער וועלט...

ר׳ נ ח מ ן

נישט קיין רשעים קריגן אויף מיר, נאָר צדיקים...
זיי פאַרשטייען נישט מיין שיטה נאָר
און זענען מרעיש־עולמות קעגן מיר.
אָבער גערעכט בין איך...
און אויך זיי...
יעדער איינער מיט זיין אמת גייט...
און ס׳איז אַ פיל שטאַרקערע מלחמה
צווישן די אמתן אין דער וועלט...
ווי צווישן דעם אמת
און דעם שקר...

ר׳ נ ת ן

צדיקים, אוי צדיקים!...
אָבער אַ צייט וועט קומען
און מיר וועלן אין די מעשיות
פון אונזער רבין הערן
און אויך זעען
אַלע אותות,
אַלע מופתים

און די התגלות פון דעם בורא,
וואָס איז זיך ממשיך אין דער וועלט...
דורך אונזערע הרגשות
און כוונות, . .
און דורך זיי וועלן מיר
אַרויסגעצויגן ווערן
ממוחין דקטנות
למוחין דגדלות...
געלייטערט וועלן
אונזערע נשמות ווערן
און גרויס וועלן מיר זיין,
גרויס . . .
און מיט אונז צוזאַמען
וועט אויך זיין אונזער בורא
גרויס . . .
און ס' וועט דער מלך-עליון
זיין דער הערשער
און געביטער
פון דעם לעבן...

ר' נ פ ת ל י

און אויסגעלייזט וועלן מיר ווערן
פון די יסורים
און פון די דינים
אין דער וועלט...
פון דעם מיש-מאַש
און עקשנות
פון די מחות קליינע...
אין וועלכע עס איז די וועלט געפאַנגען,
וואָס רייסט
און שפּאַרט זיך

צו ווערן פריי...

שפּאָלער חסידים לויפן אריין, מיט כעס

ש פּ אָ ל ע ר ח ס י ד

ס׳איז אַ בושה פאַר אונז, אַז דער „זיידע" זאָל אהיימגיין.

נ אָ ך אַ ש פּ אָ ל ע ר

נחמן וועט מוזן אַרויסגיין פון בית-מדרש.

נ אָ ך אַ ש פּ אָ ל ע ר ח ס י ד

מיט חוצפּה צו רבי נחמנען

אַרויס פון דאַנען! קיין בראַסלאַוו גיי דיר, צו דיין חסידאַרניע אין בראַסלאַוו!

ק ו ל ו ת

צו רבי נחמנען

אַרויס פון דאַנען!

ר׳ נ פ ת ל י

טרייבט נישט דעם רבין פון אייך.
מאַכט נישט פינסטער אין זלאַטאָפּאָלי,
און זאָל דאָס גרויסע ליכט
אָנהייבן שיינען פון אייער שטאָט...

אַ גערודער און אַ געפילדער. אַ מישמאַש, דער עולם לויפט איינער איבער דעם צווייטן. רבי נחמן ווערט צוגעשטופּט צו דער טיר.

ר ב י נ ח מ ן

שטייענדיק אויף דער שוועל פון דער טיר

איידער איך גיי אַוועק פון אייך, מיינע ברידער, וועל איך אייך אַ מעשה דערציילן, אַ מעשה מיט אַ הענגל־לייכטער.

ק ו ל ו ת

שטשירען

חחחחחחחחח....

ר׳ נחמ

מעשה:

איינער איז אוועקגעגאַנגען פון זיין פאָטער און געווען אין אַנדערע מדינות.

אין אַ צייט אַרום איז ער צוריק צו זיין פאָטער געקומען און זיך באַרימט פאַר אים, אַז ער האָט זיך דאָרטן אויסגעלערנט אַ גרויס אומנות, ווי אַזוי צו מאַכן מיט גרויס קונסט אַ הענגלײַכטער.

האָט ער געהייסן צונויפנעמען די אַלע לייט, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט מאַכן הענגללייכטער, וועט ער זיי ווייזן זיין גרויסע חכמה אין דערדאָזיקער קונסט.

ווען אַלע זענען זיך צונויפגעקומען, האָט דער זון זיי געוויזן אַ הענגללייכטער, וואָס ער האָט געמאַכט.

האָט דער הענגללייכטער זייער מיאוס אויסגעקוקט אין זייערע אויגן.

דער פאָטער האָט ביי זיי אַלע געבעטן, אַז זיי זאָלן אים זאָגן דעם אמת.

זענען זיי געגייט געווען אים דעם אמת צו זאָגן, אַז דער הענגללייכטער איז זייער מיאוס.

דער זון האָט זיך אָבער געהאַלטן אין איין באַרימען:

„זעט וואָס פאַר אַ חכמה ס׳ליגט אין מיין אַרבעט״!...

האָט אים דער פאָטער געזאָגט, אַז דער הענגללייכטער זעט גאָר אויס מיאוס אין זייערע אויגן...

האָט אים דער זון געענטפערט:

אדרבה, דערמיט האָב איך באַוויזן מיין גרויסקייט, וואָרים איך האָב יעדן איינעם פון זיי געוויזן זיין חסרון...

שפאָלער חסיד

אייפעריק

אהא, נחמן דער אפיקורס. וויל דערמיט באַווייזן, אַז דער שפאָלער האָט אויך אַ חסרון...

ר׳ נתן

זוען מען וואָלט געוואוסט די אַלע חסרונות און מניעות פון אַ זאַך, וואָלט מען דאָך געוואוסט דעם אמתן מהות פון דער זאַך... כאָטש מען האָט זי קיינמאָל נישט געזען...

נאָך אַ שפּאָלער חסיד

נחמן און זיין חבריא זוכן שוין חסרונות אין דעם כביכול חס־ושלום... ווי איז צו די אויערן, וואָס הערן דאָס!...

ר׳ נתן

אַלע צורות זענען געווען אין אדם־הראשון...
אַלע מאורות זענען נכלל אין דעם „אור"... איין צורה איז אָבער נישט גלייך צו דער צווייטער...
איין ליכט איז אַנדערש פון דעם צווייטן...
אין דעם בוים פון לעבן איז איין בלאַט אַנדערש פון דעם צווייטן...

נאָך אַ שפּאָלער חסיד

יידן! נעמט זיך אָן דעם כבוד פון דעם שפּאָלער! טרייבט זיי אַרויס פונדאַנען!
עת לעשות לה׳! הפרו תורתך!

א גערויש און געטומל. די שפּאָלער חסידים באַפאַלן רבי נחמנען, שלאָגן אים און רייסן אַרונטער זיין שטריימל. ר׳ נפתלי קעמפט העלדיש קעגן זיי.

ר׳ נתן

האַלט די הענט איבערן רבינס קאָפּ

רבינו! רבינו!

אין דעם געטומל לויפן אַריין פרויען פון גאַס. צווישן זיי געפינט זיך אויך אָדעל, האַלטנדיק דאָס קינד אויף די הענט

קולות

קיין בראַסלאַוו גיי! קיין בראַסלאַוו גיי!

אָדעל פאַלט צו מיט געוויין צו רבי נחמנען און קושט אים

אָ ד ע ל

טאַטעניו, וואָס ווילן די רשעים פון דיר ?
וואָס פאַר אַ שלעכטס האָסטו זיי געטון ?
האָסט זיי געוואָלט מיט דיין תורה באַגליקן, ווילן זיי נישט...
זיי האָבן די לוחות צעבראָכן און ווילן זיך אַ גאָלדן קאַלב מאַכן...
פאַר יעדן שיינעם וואָרט, האָסטו געכאַפּט מיט אַ שטיין אין קאָפּ...
מען האָט אַריינגעלייגט פאַלשע כוונות אין דיינע מעשהלעך, כדי מען זאָל אויף דיר אַרויסברענגען דעם צאָרן פון די צדיקים;
מען וויל דיין לעבן פאַרסמען און פון דער וועלט דיך אומברענגען, צו די שפּאַלער אָוועק'ט, איר רשעים, פון מיין טאַטן!
צעוויינט זיך דערבאַרמדיקער גאָט, פאַרוואָס קומט אונז אַזאַ שטראָף? צו ר׳ נתנען און ר׳ נפתלין אָבער איר, ר׳ נתן און ר׳ נפתלי, איר נעמט זיך אָן פאַר אונז, ווען די גאַנצע וועלט זענען אונזערע שונאים. אויסרופנדיק איך דאַנק דיר אוי גאָטעניו כאָטש פאַר אָט דעם חסד!

ר׳ נ פ ת ל י

נישט די גאַנצע וועלט, אָדעל, נאָר די שונאים פון דער וועלט...

אָ ד ע ל

טוליעט זיך צום פאָטער און וויינט. ר׳נחמן גלעט זי איבער דעם קאָפּ

טאַטעניו, קום אַוועק פונדאַנען! דאָ אין זלאָטאָפּאָלי ברענט דאָס גיהנום אונטער אונז; שדים און רוחות האָבן זיך דאָ אין מענטשן פאַרשטעלט; קום, טאַטעניו; קום!

וויינט

ר׳ נ ח מ ן צו אָ ד ל ע ן

וויין נישט, קינד, און זאָל דיין צונג נישט זיין צו שאַרף;
איך בין נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער... אָט דאָס איז דער שטייגער פון דער וועלט... אפשר וועט מען מיך שפּעטער פאַרשטיין...

ש פ אָ ל ע ר ח ס י ד

מיט חוזק

אָט האָט זיך אָפּגעזוכט נחמנס פאַרלוירענע בת־מלכּה
פון דעם פערלנעם שלאָס אויף דעם גילדערנעם באַרג.

נ אָ ך אַ ש פ אָ ל ע ר ח ס י ד

מיט כּעס צו אָדלען

אשה, אַוועק פונדאנען. שטיי נישט צווישן מאַנסבילן; דו מאַכסט טמא דעם פּלאַץ.

ר׳ נ פ ת ל י

אויסרופנדיק מיט כּעס

איר זענט עס די טמאים! אוועק׳ט פון דאַנען! דער פּלאַץ, וואו ס׳שטייט דער רבי און זיין טאָכטער, איז הייליק!

ר ב י נ ח מ ן

גלעט אָדלען מיט איין האַנט און נעמט אַרום ר׳ נפתלין מיט דער צווייטער

זיי רויק, אָדעל,
און האַלט איין דיין כּעס, נפתּלי.

שפּאָלער חסידים טרעטן אָפּ. אייניקע ברומען מיט כּעס און אַנדערע שטייען מיט חוצפּה אַנטקעגן אים

וואָרים אין דעמדאָזיקן הענגלייכטער געפינען זיך די
חסרונות פון יעדן איינעם פון די מייסטערס... דו זעסט
דאָך, אַז ביי דעם איז מיאוס אָט די טייל פון דעם
הענגלייכטער; אַן אַנדערע טייל זעט אָבער אויס ביי
אים זייער שיין... ביי אַן אַנדערן איז אָבער
פאַרקערט... און אָט אַזוי איז עס מיט זיי אַלע...
דאָס, וואָס ס׳איז שלעכט אין די אויגן פון איינעם,
איז שיין אין די אויגן פון אַ צווייטן...
און אַזוי להיפּוך... האָב איך דעמדאָזיקן הענגלייכטער
דעריבער געמאַכט פון חסרונות אַליין,
כּדי צו ווייזן זיי אַלעמען, אַז זיי האָבן קיין

שלימות נישט... וואָרים יעדער אייגער האָט אַ חסרון
און דאָס, וואָס ס'זעט אויס שיין אין זיינע אויגן,
איז אַ חסרון אין די אויגן פון דעם צווייטן...

ש פ אָ ל ע ר ח ס י ד

חחחח... אַ העגגלייכטער פון גאַלע חסרונות... חחחח... יידן,
ער איז חסר־דעה; ער רעדט פון וועג; אַ רוח־שטות איז אין
אים אַריין...

נ אָ ך אַ ש פּ אָ ל ע ר ח ס י ד

גיי פונדאַנען מיט אַלע דיינע חסרונות; צו דער סטרא אחרא גיי!

נ אָ ך אַ ש פּ אָ ל ע ר ח ס י ד

צו דיין חבר סמאל!

נ אָ ך אַ ש פּ אָ ל ע ר ח ס י ד

צו דיין לובאַווניצע לילית, וכל כת דיליה!...

נ אָ ך אַ ש פּ אָ ל ע ר ח ס י ד

וועלכע ווערן מעוברת פון דיר.... און פּלאָדען אָן שדים אין דער
וועלט...

נ אָ ך אַ ש פּ אָ ל ע ר ח ס י ד

דער גאַנצער חלל־האויר איז פול מיט זיי...

נ אָ ך אַ ש פּ אָ ל ע ר ח ס י ד

אין כף־הקלע צו דיינע בת־מלכהס.

נ אָ ך אַ ש פּ אָ ל ע ר ח ס י ד

מיט די גילדענע בערג און פערלנע שלעסער.

אַ ל ע ש פּ אָ ל ע ר ח ס י ד י ם צ ו ז א מ ע ן

אַרויס'ט פון דאַנען! קיין בראַסלאַוו גייט!

לאָזן זיך האַסטיק צו רבי נחמנען און שטופּן איס צו דער טיר

מיר ווילן אייך נישט האָבן אין זלאַטאָפּאָלי! גייט פון דאַנען!

ר ב י   נ ח מ ן

אײדער ער װערט אַרױסגעשטופּט, שטײענדיק אױף דער שװעל פֿון דער טיר.

אין אמתן אָבער זאָג איך אײַך, קאָן איך מאַכן דעם הענגללײכ־טער אָן חסרונות...

ק ו ל ו ת

אַרױס פֿון דאַנען מיט דײַנע חסרונות!

א געפּילדער און א מיש־מאַש. רבי נחמן, ר' נתן, ר' נפתלי און אָדעל װערן אַ רױסגעשטופּט.

ק ו ל ו ת

חחהחחחה.... אַ מעשה מיט אַ הענגללײכטער... חחחחחת... אַ מעשה מיט אַ הענגללײכטער.... חחהחחחה....

פ אָ ר ה אַ נ ג

דאָס צווייטע חלק

דער בלינדער בעטלער

פרייטיק־צו־נאכטס נאָך מעריב. ס׳ברענען די בענטשליכט אויפן טיש. אין דעם גרויסן חדר זיצן ארום דעם טיש עלטערע און יינגערע חסידים. א פירכטלעכע שטימונג

ערשטער חסיד

און אפילו דאָ אין בראַסלאַוו האָט זיך אויך נישט איינגעשטילט די מחלוקה. דער צאָרן פון דעם שפאָלער האָט אויך דערגרייכט אהער, קיין בראַסלאַוו. מ׳האָט שוין דעם רבין מבייש געווען אין קלויז.

צווייטער חסיד

איז עס טאַקע אמת, אַז דער סאַוראַניער רב האָט אַרויפגעלייגט א חרם אויף אנשי־שלומנו, אַז מ׳זאָל זיך מיט אונז נישט טאָרן מתחתן זיין?

ערשטער חסיד

אַזוי רעדט מען.

צווייטער חסיד

אונזער רבינס מוטער, די הייליקע פייגע בת אָדעל, זכרונה לברכה,

וויינט אין איר קבר, ווי אונזער מוטער רחל, אויף אירע געפלאָגטע קינדער...

ערשטער חסיד

קול ברמה נשמע!...
גישט אונזער רבי איז דער בעל-מחלוקה, נאָר יענער... ער איז דאָך דער נרדף... צו ר' נפתלין, וועלכער מישט די בלעטער פון א ספר און וואָס זאָגט איר אויף דעם, ר' נפתלי?

ר' נפתלי

מיט התלהבות

דער אמת וועט סוף-כל-סוף מנצח זיין! דעם רבינס מעשיות, וואָס ווערן פון מיין חבר נתן פאַרשריבן. האָבן זיך שוין אָנגעהויבן פאַרשפרייטן איבער דער גאַרער וועלט. מיט יעדער מעשה, וואָס נתן דרוקט אָפּ, ווערט אונזער רבינס נאָמען געגרויסט און געאַכ־פּערט ביי אַלע יידן, וואָס זענען מפונקים און יודעי-חן... נתן איז איצט אָפּגעפאָרן קיין נעמיראָוו פון בערדיטשעוו, וואו ער איז מסדר צום דרוק „א מעשה פון א פאַרביטענעם בן-מלך מיט א פאַרביטענעם בן-שפחה" און „א מעשה פון א בעל-תפילה". דער עיקר חסידות פון אונזער רבין איז דאָך די שמחה, די אהבה און די דבקות. און ווען איינער האָט דידאָזיקע דריי מידות, איז ער זיך מתדבק אין דעם אמת פון דער וועלט... אונזער רבי לערנט אונז אין זיינע מעשיות, אז מיר זאָלן זיך ראַנגלען מיטן יצר-הרע מתוך צער און מתוך שמחה... סיי ווען מיר זענען אין א מצב פון עליה און סיי ווען מיר זענען אין א מצב פון ירידה... דער שפּאָלער זיידע, וואָס וויל עוקר מן השורש זיין אונזער רבין פאַר זיינע מעשיות, האָט דאָך אויך געפּרוווט זיין כוח צו דערציילן מעשיות. דאָס זענען אָבער מעשיות פאַר עמי-הארצים. די מעשיות פון אונזער רבין זענען אָבער די מעשיות פון עקבתא דמשיחא... זיי לערנען אונז, אז מיר זאָלן זיין א דור שכולו זכאי... זיי זע־נען אזוי ווי דער „שמן אפרסמון", וואָס פליסט פון דעם גן-עדן...

זיי דערקוויקן אונזערע הערצער און לייטערן אונזערע מחשבות און זיי וועלן לעבן לעולם ועד...

עס דערהערט זיך דאָס קול פון רבי נחמנען פון צווייטן חדר. ער הייבט אָן צו זאָגן „שלום עליכם” און קומט אריין אין גרויסן חדר. אָדעל און דאָס קינד באווייזן זיך אין טיר פון אַן אנדער חדר

ע ו ל ם

הייבט זיך אויף פון די פּלעצער

שלום עליכם מלאכי השרת, מלאכי עליון, ממלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא — — — — — —

דער רבי מאַכט קדוש. גיט פון כוס פארזוכן אָדלען און טוט אַ שמיר מיט אַ טראָפּן ווײַן איבער די ליפּן פון דעם קינד. געבנדיק אים אַ גלעט איבער דעם בעקל און אַ קוש. נעמט עס אויף די הענט און זעצט זיך

אָ ד ע ל

נו, טאַטעניו, וואָס זאָגסטו עפּעס אויף מיין זונדעלע?

ר ב י נ ח מ ן

אַ פיינער בחורעץ. שיינט קיין עין־הרע לכבוד שבת.

אָ ד ע ל

רעדנדיק צום קינד און שפּילנדיק זיך מיט אים

אָט אַזוי האָבן מיר אונזער בחורעץ אויסגעצוואָגן, ארומגעוואַשן, די פּאהלעך אויסגעקרייזלט און אַ יארמולקע אָנגעטון. קוקט אויף דעם קינד און זיפצט אַך, גאָטעניו, ער זאָל באָר נישט זיין געראָטן אין זיין טאַטן...

ר ב י נ ח מ ן

זיפץ נישט, טאָכטער. אַ דאַנק גאָט, וואָס דו האָסט פון אים אַ גט געקריגן און באַפרייט געוואָרן. צו ר' נפתלין און וואָס זאָגסטו עפּעס, נפתלי־סערדצע, אויף מיין אָדעלס גליק?... ווען פרייט זיך אַן

אָרימאַן? ווען ער ווערט פּטור פון איין צרה, וואָס איז גרעסער פון דער אַנדערער...

אָ ד ע ל

און איך אַליין האָב דעם קינד אויפגענייט דאָס יאַרמולקעלע פון דעם סאַמעט מיט די קווייטן, וואָס האָט זיך נאָך פאַרוואַלגערט אין דער קאַמאָד פון דער מאַמעניו, לשלום.

ר ב י נ ח מ ן

פון אָט דעם סאַמעט, אָדעלע, האָט מען דאָך דיין מאַמע לשלומס מענטעלע געשניטן ביי אונז אין הוסיאַטין, אין וועלכן זי איז מיט מיר אונטער דער חופּה געשטאַנען. צו ר׳ נפתלין א יאָ, נפתלי־לעבן, ס׳איז געווען אַ שיינע צייט, ווען מיר האָבן אין הוסיאַטין געלעבט! זומער־לעב פלעגן זיך דאָרטן די פעלדער און וועלדער, בערג און טאָלן אָנטון אין זייערע יום־טובדיקע מלבושים. ס׳איז געווען יום־טוב אויף דער וועלט... יעדעס גרעזעלע האָט דאָרטן געזאָגט אַ שירה צום השם־יתברך... און מיר זענען דער קהל געווען... מיר האָבן דאָס געזאַנג פון דער בריאה פאַרנומען און „אמן" נאָכגעזאָגט... צו אָדלען און ר׳ נפתלין און דו, אָדעלע, און דו, נפתלעלע, זענט דאָרטן געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן, ווי די זאַנגען אין פעלד און די ביימעלעך אין וואַלד... יאָ, יאָ, קינדער...

הייבט זיך אויף פון טיש, טראָגנדיק מיט זיך דאָס קינד. ער קומט צו צו אַ חסיד

ר ב י נ ח מ ן

צום חסיד

נו, וואָס זאָגט איר עפּעס, ר׳ יוסף? איר זענט דאָך די צייט געווען אין שפּאָלע. איז דער כּעס פון דעם „חולק־הגדול" נאָך נישט איינגעשטילט געוואָרן? איז ער נאָך אַלץ מרעיש־עולמות קעגן מיר?

ער רעדט מיט די חסידים אין דער שטיל און שפּילט זיך אויך מיטן קינד

ר׳ נפתל

צו אדל׳ען

ס׳גייט מיר אויס דאָס הארץ, אָדעלע, פאר דיין גורל. אָבער מסתמא האָט דאָך די השגחה אזוי געוואָלט.

אָדעל

האָסט אויף מיר רחמנות, נפתלי? דו ווייסט דאָך, אז איך האָב עס נישט געטון מיט מיין אייגענעם ווילן.

ר׳ נפתלי

נישט מיט דיין אייגענעם ווילן?

אָדעל

געדענקסט דאָך, נפתלי, יענע שיינע צייט אין הוסיאַטין, ווען מיר זענען נאָך קינדער געווען. איך האָב זיך דאָך איינמאָל באַהאַלטן הינטערן פּרוכת אין בית־מדרש און געהערט דיין לערנען...

ר׳ נפתלי

יאָ, אָדעלע, איך געדענק דאָס, איך האָב געזען ווי דו האָסט זיך באַהאַלטן און דערפאַר האָב איך דעמאָלט געלערנט מיט אזא ניגון...

אָדעל

מיט אזא זיסן ניגון, וואָס איך קאָן אים קיינמאָל נישט פאַר־געסן... ער זינגט אין מיר אין דער צייט פון מיין טיפן צער...

ר׳ נפתלי

דער רצון איז שטענדיק געווען אין אונזערע הערצער. אָבער די סיבות און מניעות האָבן זיך נישט געווענדט אין אונז... אין יענעם אָוונט, אָדעלע, ווען דו ביסט אונטער דער חופּה געשטאַ־נען מיט יענעם מאַן, האָב איך שטאַרק געוויינט און מתפּלל גע־ווען, אז ס׳זאָל עפּעס געשעען און — — — — —

אָדעל

איין גאָט האָט מיין האַרץ געוואוסט. אָבער געשען איז דאָס,

וואָס ס'איז געשעען. איך בין געוואָרן אַן אימגליקלעכע מוטער פון קינדער, וואָס זענען געקומען און אוועק. מיין איינציקע טרייסט איז פאַרבליבן מיין לעצט קינד. גאָט זאָל עס נאָר יאָרן געבן. זיפצט אָבער צוואָס זיך קוועלן, נפתלי?...

ר׳ נפתלי

דאָס קינד פון יענעם מאַן...

אָדעל

ס'איז אויך מיין קינד...

רבי נחמן קוקט אויף זיי אַ ווײַלע מיט פאַרשנדיקע בליקן

רבי נחמן

צום עולם

איך זאָג אייך, יידן, אַז מיין גאַנץ חיות איז, וואָס איך בין אַ שטיקל צייט געווען אין ארץ ישראל... ס'בענקט אונזער נשמה צו איר מקור... זוכן מיר דעם מקור... וואו איז דער מקור?...

קושט און האָלובעט דאָס קינד. זעצט עס אויף די אַקסלען און טאַנצט דערמיט אַרום דער שטוב, זינגענדיק

וואוהין פאָרט אַ ייד, קינדעניו?
קיין ארץ ישראל...
וואוהין פאָרט אַ ייד?
קיין ארץ ישראל...

ער שטעלט זיך אָפּ און ווענדט זיך צום עולם

איך האָב געהערט, אַז איר האָט יסורים, וואָס די רביים קריגן אויף מיר. וואָס דער זקן פון שפּאָלע וויל מיך עוקר מן השורש זיין און וואָס דער סאַוודאַניער רב האָט מיך אין חרם געלייגט. ס'זענען דאָ מנהיגים, זאָג איך אייך, וואָס רופן זיך מיטן נאָמען רבי. אָבער לא די, וואָס זיי קאָנען זיך נישט פירן, ומכל־שכן, אַז זיי קאָנען נישט פירן אַנדערע... און ווי אַזוי קאָן דען געמאָלט זיין, אַז מ'זאָל אויף מיר נישט קריגן?

מיט דבקות

איך גיי דאָך אויף אַ דרך אַ נייעם,
וואָס קיינער איז אים עד עתה
נישט געגאַנגען...
דער נייער דרך איז צו זוכן נייעס...
דעם עיקר פון דעם עיקר
און דעם סוד פון די סודות...
די סטרא אחרא שרעקט זיך פאַר דעם נייעם...
זי וויל נאָר אַלטקייט און שוואַכקייט...
אַן אַלטער צדיק איז שלעכט צו זיין
און אויך איז שלעכט צו זיין אַן אַלטער חסיד...
אָבער פאַרהאָס זאָלן מיר פאַרבלייבן אַלט,
ווען ס'איז זיך דער בורא אַליין מחדש
אין יעדן מילי-מיליאָנטל חלק
פון יעדער רגע...
און מיר, וואָס האָבן פון זקנה,
טאַנצן אַריין מיט געזאַנג און מיט פרייד
אין דעם חידוש פון די מעשה-בראשית...
ווער ס'פאַרשטייט אונזער געזאַנג און טאַנץ,
פאַרשטייט אויך דעם צער פון דער וועלט...
און דאָס געוויש פון דער נשמה,
וואָס רייסט זיך פון דעם גוף,
ווי די וואַסערן פון זייערע תהומען
און ווי דער פלאַם פון דעם ליכט...

די אַלובעט דאָס קינד

קינדעניו! קינדעניו!
וועמען אַרט עס דען?...
אַז דו וועסט ווערן אַ גרויסער ייד, קינדעניו,
וועסטו מיך מן הסתם פאַרשטיין...

זינגט

פאַרט אַ ייד קיין ארץ ישראל, קיין ארץ ישראל...

רבי נחמן קומט צו אַדלען, ניט איר איבער דאָס קינד און וואַשט
זיך. דער גאַנצער עולם וואַשט זיך

ר ב י נ ח מ ן

שאו ידיכם — — — —

ע ו ל ם

שאו ידיכם — — — —

רבי נחמן מאכט א מוצא. גבאי הערל'אננט עסן. אדעל' מיטן קינד זיצן ביי איין זייט און ר' נפתלי ביי דער צווייטער זייט

ר ב י נ ח מ ן

נעמט דאָס קינד אויף די הענט און קוקט עס אין די אייגעלעך

קינדעניו! קינדעניו!

ווענדנדיק זיך צו ר' נפתלין

יאָ, נפתלי-טערדצע,

איך האָב געלייענט דעם בריוו, וואָס אונזער פריינט נתן האָט צו דיר געשריבן, אז דו זאָלסט לעבן אין שמחה און זיך נישט צולאָזן קיין צער... איך ווייס דיין צער, נפתלי... אפשר בין איך אליין שולדיק אין דיין צער... דער יסוד פון דעם צער!...

ווער קאָן זיך דען צו אים דערגרונטעווען?

ווער ווייסט זיין אָנהייב?...

ס'וויינט דאָס הארץ,

אָבער צומאָל הערט מען נישט דאָס געוויין...

ס'וויינט דער זיווג, ווען ער ווערט צעשיידט.

און פילט די וועלט אָן מיט יללה...

און ווען ער געפינט זיך אויס צוריק,

איז א שמחה ביי דער בריאה...

עס צאַנקט און עקט דער צער

און פון זיין סוף הייבט זיך אָן

דער בראשית פון דער פרייד...

טאָן-ענדער. נג

אָבער איך זאָג דיר, נפתּלי, אַז מ׳טאָר זיך קיין צער נישט צולאָזן.
פריילעך דאַרף מען זיין, אפילו ווען די גרעסטע יסורים קומען אויף דיר...

צום עולם

וואָס ווייסט איר, עולם, ווי אַזוי זיך צו פרייען מתּוך מרה־שחורה ? . . .
איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה ווי אַזוי מ׳איז אַמאָל פריילעך געווען !

גלעט דאָס קינד. אָדעל טוליעט זיך צו אים. גלעט איר אויך דעם שטערן

איך וועל אייך דערציילן „די מעשה מיט די זיבן בעטלערס״. און יעדע מעשה איז אַן ענין פאַר זיך אַליין.

רבי נחמן פאַרטיפט זיך. אַ דביקותדיקע שטימונג. עולם רוקט זיך צוזאַמען

ר ב י נ ח מ ן

מעשה:

אַמאָל איז געווען אַ מעשה.
ס׳איז געווען אַ בריחה אין אַ מדינה.
זענען זיך אַלע צעלאָפן.
דורכגייענדיק אַ וואַלד, האָבן זיי צוויי קינדער פאַרלוירן.
איינער האָט פאַרלויר; אַ זכר און איינער — אַ נקבה.
זיי זענען נאָך גאָר קליינע קינדער געווען.
און נישט געהאַט וואָס צו עסן.
האָבן זיי געוויינט און געשריגן.
איז צו זיי אָנגעקומען אַ בעטלער.
ער איז געגאַנגען מיט זיינע טאָרבעס.
האָבן די קינדער זיך אָנגעהויבן טוליען צו אים.
האָט ער זיי ברויט בעגעבן.
און ער האָט אָנגעהויבן אויעקצוגיין פון זיי.

האָבן זיי אים געבעטן, ער זאָל זיי נעמען מיט זיך.
האָט ער נישט געוואָלט.
דערווייל האָבן זיי אַ קוק געטון — איז דער בעטלער בלינד.
האָבן זיי זיך געחידושט: אַז ער איז בלינד, ווי אַזוי ווייסט ער וואו צו גיין?
און דערדאָזיקער בעטלער האָט זיי געבענטשט, אַז זיי זאָלן זיין אַזוי אַלט אַזוי ווי ער.
אויפן אַנדערן טאָג האָבן זיי ווייטער נישט געהאַט וואָס צו עסן.
האָבן זיי געשריגן און געוויינט.
איז ווידער אָנגעקומען אַ בעטלער, וואָס איז געווען אַ טויבער.
האָבן זיי אָנגעהויבן צו אים צו רעדן.
ווייזט ער מיט די הענט און זאָגט: — „איך הער גאָרנישט".
און דער בעטלער האָט זיי אויך געגעבן ברויט און אָנגעהויבן אַוועקצוגיין.
האָבן זיי אים אויך געבעטן, אַז ער זאָל זיי נעמען מיט זיך.
האָט ער נישט געוואָלט און זיי געבענטשט, אַז זיי זאָלן זיין אַזוי ווי ער.
דערנאָך איז ביי זיי דאָס ברויט אויך אויסגעגאַנגען.
האָבן זיי ווידער געשריגן און געוויינט.
איז ווידער צו זיי געקומען אַ בעטלער, וואָס האָט זיך פאַרהיקעט.
האָבן זיי נישט געוואוסט וואָס ער רעדט.
דערנאָך — אַ בעטלער מיט אַ קרומען האַלז.
דערנאָך — אַ בעטלער מיט אַ האָרב.
דערנאָך — אַ בעטלער אָן הענט.
דערנאָך — אַ בעטלער אָן פיס.
און איטלעכער פון זיי האָט זיי געגעבן ברויט און געבענטשט, אַז זיי זאָלן זיין אַזוי ווי ער.
דערנאָך איז ביי זיי ווידער אַמאָל אויסגעגאַנגען דאָס ברויט.
האָבן זיי זיך דערשלאָגן צו אַ ישוב און אַריינגעגאַנגען אין אַ שטוב.
האָט מען זיי ברויט געגעבן.
פלעגן זיי שוין אַרומגיין איבער די הייזער.

זיי זענען אויך געגאַנגען אויף די ירידים און פלעגן זיצן צווישן די בעטלער.

און אַלע בעטלערס האָבן געוואוסט, אַז דאָס זענען די קינדער־לעך, וואָס זענען פאַרפאַלן געוואָרן אין וואַלד.

איז געקומען די בעטלערס אויף דער דעה, אַז זיי זאָלן משדך זייןביידע קינדער.

האָט מען זיי משדך געווען.

האָבן די בעטלערס אויסגעגראָבן אַ גרוב, אים צוגעדעקט מיט ערד

און אַלע זענען אין אים אַריינגעגאַנגען.

און זיי האָבן דאָרטן געשטעלט אַ חופה פאַר די קינדער.

און זיך שטאַרק משמח געווען.

פאַרטיפונג

און איצט הערט, וואָס ס'איז ווייטער געשען.

פאַרוואַנדלונג. אַ גרוב אויפן פעלד. פון גרוב קומט אַרויף אַ געזאַנג און אַ שפּיל אויף פייפלעך. אַ חופה ווערט אַרויפגע־רוקט איבער דעם אויבנאויף. ס'הערן זיך אויסרופן: „מזל טוב!" די בעטלערס מיט די חתן־כלה קומען אַרויף פון גרוב

בעטלערס רינגלען אַרום חתן־כלה און זינגען

ששון ושמחה,
חתן וכלה.
גילה, רינה,
דיצה וחדוה,
אהבה ואחוה,
ושלום ורעות.
חתן־כלה, מזל־טוב!
מזל־טוב!

זיי זעצן זיך אַלע אויס אויף דער ערד

חתן

שטעלט זיך אויף

איך דאַנק דיר, גאָט, פאַר דיינע חסדים,

וואָס דו האָסט צו אונז געטון,
ווען מיר זענען געווען קינדער קליינע
און פאַרפאַלן אין דעם וואַלד.

צו דער כּלה

בעדענקסטו, כּלה מיין, ווען מיר זענען אין וואַלד געווען און געוויינט, ווייל מיר האָבן נישט געהאַט וואָס צו עסן? זענען צו אונז גוטע בעטלערס געקומען און אונז געגעבן ברויט פון זייערע טאָרבעס.

כ ל ה

ווי קאָן מען דען אַזעלכע חסדים פאַרגעסן?

מיט אַ בענקענדיקער שטים

וואו נעמט מען דאָ דעם בלינדן בעטלער
מיט דעם האַרץ דעם גילדענעם
און מיט די טאָרבעס פולע,
וואָס האָט אונז אין וואַלד אַריין
געבראַכט ברויט צו עסן?

ס'קומט אַן דער בלינדער בעטלער מיט זיינע טאָרבעס

ב ל י נ ד ע ר ב ע ט ל ע ר

איך בין דאָ.
געקומען בין איך איצט צו אייך,
קינדער ליבע,
קינדער שיינע,
אויף אייער חתונה זיך פרייען.

חתן־כּלה קושן אים, טאַנצן אַרום אים און זינגען

בלינדער בעטלער, גוטער מענטש,
האָסט געגעבן אונז דיין ברויט.
בלינדער בעטלער, גוטער מענטש,
האָסט אונז געראַטעוועט פון טויט.

ב ע ט ל ע ר

און איך שענק אייך איצט מיין דרשה־געשאַנק.
טרעפט וואָס?

חתן

א טאָרבע פאַר מיר איבער די הייזער צו גיין.

בעטלער

ניין, ניין.

כלה

ציך פאַרן קינדעלע, א קליידעלע צו נייען.

חתן

צו דער כלה

אזוי גיך?

כלה פארשעמט זיך און גייט אוועק אָן א זייט

בעטלער

רופט נאָך צו איר

שעם זיך נישט, כלה,
אזוי זענען מיר אַלע.

כלה קומט צוריק

בעטלער

איך שענק אייך דרשה-געשאַנק אצינד,
איר זאָלט זיין אזוי ווי איך...

חתן

אַלט, יאָ.

כלה

אָבער נישט בלינד.

בעטלער

און איר מיינט דאָך קינדער,
אַז איך בין א בלינדער?

חתן

מיר מיינען נאָר דאָס, וואָס מיר זעען.

בעטלער

ניין.
איך בין גאָרנישט בלינד.

כלה

נאָר וואָס דען?

בעטלער

די גאַנצע צייט פון דער וועלט,
באַטרעפט ביי מיר אפילו נישט
קיין אויגנבליק נישט...
איך האָב א פנים פון א בלינדן,
וואָרים ביי מיר איז דאָך נישטאָ
קיין קוקן אויף דער וועלט...
פון דער וועלט דער דויער
און דער גאַנצער אומגעהויער
באַטרעפט ביי מיר אפילו נישט
קיין אויגנבליק נישט...

בעטלער זעצט זיך צווישן חתן־כלה און נעמט זיי ביידע ארום.

און אַלט בין איך, זייער אַלט,
און לגמרי יונג...
כ׳האָב נאָך נישט אָנגעהויבן לעבן,
כאָטש כ׳האָב אָפּגעלעבט אזוי פיל יאָרן...
און נישט איך אליין זאָג דאָס.
אויף דעם האָב איך די הסכמה
פון דעם גרויסן אָדלער.
און א מעשה וועל איך אייך דערציילן,
און אין יענער מעשה,
בין איך געווען דאָס קינד...

פארוואנדלונג. א טורעם אויף אן אינזל. ס'הערט זיך דאָס וואָיען פון א שטורעם-ווינט. פינסטער. ס'קומען אן מענטשן

מ ע נ ט ש

מאַכט ליכטיק פאַר אונז!

אַ ק ו ל פ ו ן ד ע ם ט ו ר ע ם

ווער זענט איר?

מ ע נ ט ש

דער שטורעם-ווינט האָט צעבראָכן אונזערע שיפן אויפן ים, אָבער מיר זענען אַלע ניצול געוואָרן!...

ס'ווערט ליכטיק אין טורעם. דינער טראָגן צרויס אויף דער וועראנדע אַלערליי מאכלים, משקאות און מלבושים. די מענטשן טוען זיך איבער, עסן, טרינקען, פרייען זיך און זינגען

ס'גייט אַ שיף אין מיטן ים,
אין מיטן ים,
וויגט זיך הין און וויגט זיך הער,
האַלט זיך קוים.

ס'בלאָזט אין ים אַ שטורעם-ווינט,
אַ שטורעם-ווינט,
און די שיף, זי ווערט צעבראָכן,
גייט צום גרונט.

און די כוואַליעס טראָגן מענטשן,
טראָגן מענטשן.
און זיי ברענגען צו אַ ברעג זיי,
וואו זיי בענטשן:

ברוך הוא וברוך שמו,
ברוך שמו,
פאַר דיינע חסדים, גאָטעניו,
דאַנקען מיר אַזוי...

מ ע נ ט ש

איצט, ווען מיר זענען פון דעם טויט
געוואָרן ניצול
און אָפּגעגעבן אַ שבח צום בורא,
זאָלן מיר זיך מעשהלעך דערציילן!
דערציילן זאָל יעדער איינער
אַ מעשהלע, וואָס ער געדענקט,
זינט ס'האָט זיך אָנגעהויבן
ביי אים דער זכרון...

צום עלטסטן זקן צווישן עולם

מיר זענען מכבד דעם עלטסטן זקן,
צוערשט זיין מעשהלע דערציילן.
יעמוד, עלטסטער זקן!

ע ל ט ס ט ע ר ז ק ן

וואָס פאַר אַ מעשהלע זאָל איך דערציילן?
איך געדענק נאָך, אַז מ'האָט
אָפּגעשניטן דאָס עפּעלע פון צווייג...

מ ע נ ט ש

נישט פאַרשטאַנען האָבן מיר
אייער מעשהלע דאָס קליינע,
זקן גרויסער.

צום עולם

חכמים, וואָס זאָגט איר?

א י י נ ע ר

אַ גאַנץ אַלטע מעשה...

מ ע נ ט ש

מכבד זענען מיר אצינד
דעם צווייטן זקן,
וואָס איז ייִנגער פֿון דעם עלטסטן.
יעמוד, צווייטער זקן !...

צ ו ו י י ט ע ר ז ק ן

איך געדענק אפֿילו נאָך,
אַז די פּרי
האָט ערשט אָנגעהויבן ווערן
פּרי...

א י י נ ע ר

נאָך אַן עלטערע מעשה...

מ ע נ ט ש

יעמוד, זקן דריטער,
וואָס איז ייִנגער פֿון דעם צווייטן !

ד ר י ט ע ר ז ק ן

איך געדענק אפֿילו נאָך,
ווען מען האָט דאָס קערנדל
געפֿירט צו פֿאַרפֿלאַנצן
יענע פּרי...

מ ע נ ט ש

יעמוד, זקן פֿערטער,
וואָס איז ייִנגער פֿון דעם דריטן !...

ז ק ן

איך געדענק אפֿילו נאָך
דעם טעם פֿון דער פּרי,
איידער ער איז נאָך אַריין
אין דער פּרי...

מ ע נ ט ש

יעמוד, זקן פינפטער,
וואָס איז יינגער פון דעם פערטן!

ז ק ן

איך געדענק אפילו נאָך
דעם ריח פון דער פרי,
איידער ער איז נאָך אריין אין דער פרי...

מ ע נ ט ש

יעמוד, לעצטער זקן,
וואָס איז נאָך גאָר א קינד!

ק י נ ד

איך געדענק די אַלע מעשיות,
וואָס מ'האָט אָט דאָ דערציילט...
און געדענק אויך די לעצטע מעשה,
וואָס איז גאָרנישט...

אַ ל ע

מיט באוואונדערונג

אַ הידוש! אַ חידוש!

מ ע נ ט ש

דאָס קינד געדענקט מער ווי אַלע
און זיין מעשה איז די עלטסטע...

אַ ל ע

אַ הידוש! אַ חידוש!

ס'קומט צו שוועבן א גרויסער אָדלער

מ ע נ ט ש ן

ס'קומט, ס'קומט דער גרויסער אָדלער!
דער גרויסער אָדלער!
דער גרויסער שר, וואָס איז ממונה

צו מאַכן לעבעדיק
די טויטע...

מ ע נ ט ש

צום אָדלער

שר דו גרויסער
פון דעם לעבן,
מאַך אונז לעבעדיק דעם טויט.

אָ ד ל ע ר

נישט געשטאָרבן איז דאָס לעבן,
ס'איז פאַרקניפּט דער ערשטער אדם
מיטן סוף פון כל הדורות...

מ ע נ ט ש

ס'איז צעבראָכן אונזער גוף...

אָ ד ל ע ר

און ווערט געבויט פון זיינע חורבות...

מ ע נ ט ש

לאָז אונז בלייבן אין דעם טורעם.

אָ ד ל ע ר

פאַר די נשמות פון צדיקים
איז נישטאָ קיין אָרט...

מ ע נ ט ש

וואוהין וועסטו אונז פירן, גרויסער אָדלער?

אָ ד ל ע ר

צום גן-עדן העליון,
וואו ס'קערט זיך די נשמה
צו איר מקור צוריק...
דער אויסגעשטראַלטער שטראַל

אריינגעצויגן ווערט
אין דעם אור־הגנוז
און מיט נייעם חיות
שטראַלט ער אויס צו דער וועלט צוריק...

מ ע נ ט ש

אין וואָס פאַר אַ סדר זאָלן מיר גיין ?

אַ ד ל ע ר

נאָך אייער עלטער נאָך...
דער, וואָס איז עלטער,
זאָל גיין פריער...

ס'גייט ארונטער דאָס קינד

מ ע נ ט ש ן

מיט באַוואונדערונג

דאָס קינד ?...

מ ע נ ט ש

ס'איז דאָך דאָס ייִנגסטע...

אַ ד ל ע ר

און צו דעם אמת
איז עס עלטער
פון אייך אַלע...
זיין זכרון איז דער העכסטער
אָן אַן ערך און אָן אַ שיעור.
עס געדענקט אפילו דאָס,
וואָס פאַר דעם נפש,
פאַר דעם רוח, פאַר דער נשמה,
וואָס איז אין דער בחינה
פון דעם גאַרנישט...

אַ ד ל ע ר

יעמוד זעקסטער זקן !

עס גייט ארונטער דער זעקסטער זקן

אָ ד ל ע ר

און די מראה — איז די נשמה...

עס גייט ארונטער דער פינפטער זקן

אָ ד ל ע ר

און דער ריח — איז דער רוח...

עס גייט ארונטער דער פערטער זקן

אָ ד ל ע ר

און דער טעם — איז דער נפש...

עס גייט ארונטער דער דריטער זקן

אָ ד ל ע ר

ער שפירט נאָך די טפה פון דעם זיווג...

עס גייט ארונטער דער צווייטער זקן

אָ ד ל ע ר

ער געדענקט נאָך ווי זיין גוף
האָט אָנגעהויבן ווערן...

עס גייט ארונטער דער ערשטער זקן

אָ ד ל ע ר

ער געדענקט וואָס מיט אים האָט זיך געטון
תיכף נאָך זיין לידה...

מ ע נ ט ש ן ז י נ ג ע ן

ברוך הוא וברוך שמו.
ברוך שמו,
פאַר דיינע חסדים, גאָטעניו,
דאַנקען מיר אַזוי...

פארוואנדלונג. דער רבי זיצט ביים טיש, דער זעלבער סדר
ווי פריער

ר ב י   נ ח מ ן

און צום סוף פון זיין מעשה האָט דער בלינדער בעטלער צו דער חתן-כלה אַזוי געזאָגט:
און צו מיר — היינו, צום בלינדן בעטלער, וואָס איז געמאָלט געווען אַ קינד, האָט דער גרויסער אָדלער געזאָגט: — דו קום מיט מיר... וואָרום דו ביסט אַזוי ווי איך... וואָרים דו ביסט זייער אַלט... און נאָך גאָר יונג... דו האָסט נאָך גאָרנישט אָנגעהויבן צו לעבן און דו ביסט שוין פאָרט זייער אַלט... נמצא, האָב איך אַ הסכמה פון דעם גרויסן אָדלער. אַז איך בין זייער אַלט און נאָך גאָר יונג... און איצט שענק איך אייך מיין לאַנג לעבן דרשה-געשאַנק...
איז דאָרט געוואָרן אַ גרויסע שמחה...

רבי נחמ הייבט זיך ראַשיק אויף פון זיין פּלאַץ

ח ס י ד

פאַרגאַפט

הפלא ופלא!

צ ו ו י י ט ע ר   ח ס י ד

פאַרבאָרגענע סודות!...

ד ר י ט ע ר   ח ס י ד

וואויל צו אונזערע אויערן!...

ח ס י ד י ם

וואָס איז דער רמז פון דער מעשה, רבינו?

ר ב י   נ ח מ ן

דער עיקר ביי מיר איז דאָך די מעשה...

אָ ד ע ל

טאַטעניו! דאָס קינד וויל שלאָפן.

ר ב י

צום קינד, מורמלענדיק

גאָט זאָל דיך באַשירמען, קינדעלע, און דיך אויסהיטן פון אַל־דאָס בייז.

רבי נחמן און אַדעל אָפּ אין צווייטן חדר

ח ס י ד

צו ר' נפתלין

איר, ר' נפתלי, וועט אונז דאָס מאָל זאָגן דעם פירוש אויף דער מעשה.

ר' נ פ ת ל י

שטעלט זיך אויף

וואָס בין איך דען קעגן מיין חבר ר' נתן, וועלכער קאָן זיך פאַרטיפן אין די תורות און מעשיות פון אונזער רבין און אַרויס־ברענגען פון זיי די טיפסטע כוונות ?...

ח ס י ד

ובקום שאין איש, השתדל להיות איש. אז ר' נתן איז נישטאָ אין שטאָט, זענט איר זיין ממלא מקום.

ר' נ פ ת ל י

ווי שווער ס'איז זיך צו דערגרונטעווען אין די מעשיות פון אונזער רבין, וואָס זענען אַזוי טיף אַזוי ווי דער ים... אָבער זאָל יעדער איינער זיין רמז געפינען אין זיי, זיין אייגענעם אמת... מיר זענען דאָך אין אַזעלכע עניבים נישט מער ווי אַ בלינדער און האָבן אין דעם כלל וכלל קיין השגה נישט... ווייל ווער קאָן וויסן דעם סוד פון דער בריאה ?

ע ר ש ט ע ר ח ס י ד

וואָס פאַר אַ מעשה נורא !

שטעל זיך אויף און רופט אויס מיט מוראדיקער התלהבות

מה גדלו מעשיך ה' !...

ס'דערהערן זיך ווילדע קולות פון דרויסן, מ'קלאַפּט אין די פענסטער

ק ו ל

כּופר בעיקר! עוכר ישראל! אפּיקורס! גיי פונדאַנען! מיר ווילן דיך נישט האָבן אין בראַסלאַוו! דו ליגסט אין חרם, נחמן!

נ אָ ך אַ ק ו ל

דער שפּאָלער אַליין האָט דיך אין חרם געלייגט! און אויך דער סאַווראַניער! און אַלע אַנדערע צדיקים און רבנים!

נ אָ ך אַ ק ו ל

דער שטן איז אין דיר פאַרשטעלט, נחמן! מיר ווייסן! יאָ, מיר ווייסן! קינדער שטאַרבן אין שטאָט! זינט דו ביסט קיין בראַסלאַוו געקומען! דו האָסט געבראַכט די קליפּה צו אונז קיין בראַסלאַוו!

ק ו ל ו ת

אַוועק פון בראַסלאַוו! אַוועק פון בראַסלאַוו!

ס'ברעכט אויס אַ פענסטער. אַ ווילדער עולם רייסט זיך אַריין אין הויז. כאַפּן זיך צום שלאָגן רבי נחמנס חסידים. אין דעם געפילדער לויפט אַריין רבי נחמן און נאָך אַ מ אַדעל. זיי בלייבן שטיין אין דער מיט צווישן עולם. רבי נח ן שטייט רויק און קוקט אויף זיי מיט מילדע, בעטנדיקע בליקן. דאָס געפילדער הייבט אָן צוביסלעך איינגעשטילט ווערן

ר ב י נ ח מ ן

פונאַנדערשפּרייטנדיק די הענט

זעצט אייך, יידן!...

ר' נ פ ת ל י

צום אויפגעקאָכטן עולם

אַן אייניקל פון דעם בעל־שם־טוב הקדוש רעדט צו אייך, יידן!...

דער עולם ווערט באַרויקט און קוקן זיך איבער מיט וואונדער־דיקע בליקן

ר ב י נ ח מ ן

צוקומענדיק צום טיש

זעצט אייך, יידן!...

ר׳ נפתלי

און איר וועט הערן דעם רבינס מעשהלעך!...

אָדעל

מיט א בעטנדיקער שטימע צום עולם

מיר האָבן נישט וואוהין צו גיין, יידן, די צדיקים האָבן ביי מיין טאַטן אויפגעגעסן דאָס הארץ... ער איז קראַנק, ער שפייט מיט בלוט. מיר ווילן דאָ ביי אייך אין בראַסלאַוו פאַרבלייבן.

עטלעכע פון דעם אריינגעקומענעם עולם זעצן זיך

רבי נחמן פארטיקט זיך אויף א ווײלע, זיצט מיטן קאָפּ אריינגעשפארט אין זיינע הענט. דאן הייבט ער אויף דעם קאָפּ אין דער הייך און הייבט אָן זינגען זמירות

רבי נחמן

כל מקדש שביעי כראוי לו. כל שומר שבת כדת מחללו. שכרו הרבה מאוד על פי פעלו. איש על מחנהו ואיש על דגלו.

רבי נחמנס חסידים

פייערלעך

כל מקדש שביעי כראוי לו. כל שומר שבת — — — —

פאָרהאנג

דאָס דריטע חלק

דער טויבער בעטלער

אָן אָוונט אין מיטן דער וואָך ביי רבי נחמנען אין הויז. די חסידים זענען צעוואָרפן איבער דעם גרויסן זאַל. אייניקע דערציילן זיך מעשיות. אַנדערע טרינקען „לחיים". צווישן זיי געפינט זיך אויך ר' נתן נעמיראָווער. עלטערער חסיד קומט צו מיט אַ קעלישעקל בראָנפן צו ר' נתנען

ערשטער חסיד

לחיים, ר' נתן! זאָל אייך דער אייבערשטער געבן אַן עלית-נשמה און די ספורי-מעשיות פון אונזער הייליקן רבין, וואָס איר זענט מסדר צום דרוק, זאָלן באַקאַנט ווערן בכל תפוצות ישראל.

אַלע חסידים פאַרזאַמלען זיך אַרום ר' נתנען

ר' נתן

און ווייך זאָלן ווערן די הערצער פון די צדיקים, וועלכע רודפן אונזער הייליקן רבין און אויך אונז עד-חרמה, פאַר דעם איינציקן חטא, וואָס מיר באַהעפטן זיך מיטן בורא יתברך נישט דורך דינים, וואָס געוועלטיקן אויף אונז מיט אכזריות... נאָר מיט אהבה און כלות-הנפש, מיט רוח און נשמה...

מיט התלהבות

אונזערע נשמות ווערן שטאַרק,
קלאָר און לויטער,
ווען זיי טובלען זיך אין די מעשיות
און כוונות פון אונזער רבין...
ס'שאַפן אָפּ זיך פאַר אונז,
אַלע היתרס, אַלע איסורס
און מיר גייען פראַנק און פריי
אין די מאַרקן, אין די גאַסן
אָן אַ מורא
פאַרן יצר-הרע,
וואָס איז דאָרטן שכיח...
און פון דער טומאה ציען מיר
די „נצצות קדושין",
וואָס בליאַסקען ווי די שטערן
אין פינסטערניש פון נאַכט...

צווייטער חסיד

צו ר׳ נתן

אָבער אַ דאַנק דעם אייבערשטן, וואָס דער צאָרן האָט זיך שוין אַ ביסל איינגעשטילט קעגן אונז כאָטש דאָ אין בראַסלאַוו. ס'ציען זיך שוין צו דעם רבין אפילו די, וואָס זענען פריער זיינע שונאים געווען און אים געוואָלט חס-ושלום אומברענגען.

ערשטער חסיד

איר וואָלט געווען באַדאַרפט הערן, ר׳ נתן, די ערשטע מעשה פון דער „מעשה מיט די זיבן בעטלערס", וואָס דער רבי, זאָל לעבן, האָט דערציילט פרייטיק צו נאַכטס. יעדעס וואָרט איז געווען אַ רמז, אַ טיפער סוד... ווי שנירלעך פערל האָבן זיך די געדאַנקען געצויגן... און זיינע רייד האָבן פאַרן אויג געבליאַסקעט, ממש ווי אבנים טובות, ווי דימענטן און בריליאַנטן... וואויל איז צו די אויערן, וואָס האָבן די מעשה געהערט!...

ר׳ נתן

אונזער פריינט נפתלי האָט מיר די מעשה דערציילט, וואָרט פאַר

וואָרט, ווי ער האָט זי געהערט פון זיין הייליק מויל, און איך האָב זי אויפגעשריבן אויף אונזער יידיש לשון און אויך אויף לשון־קודש. ווען נפתלי האָט מיר דערציילט את כל הענין הגדול והנורא הזה, בין איך געבליבן אַ פאַרציטערטער, אַ פאַרגאַפטער. וואָרים כאָטש איך האָב שוין זוכה געווען צו הערן פון זיין הייליק מויל אַזוינע זאַכן, וואָס קיין שום אויער האָט זיי נאָך נישט געהערט, תורות און מעשיות פירכטלעכע, אָבער אַזאַ וואונדערלעכע מעשה האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געהערט. דידאָזיקע מעשה האָט ער ממשיך געווען פון דעם עולם־האצילות און זי דורכגעלייטערט אין זיין הייליקער נשמה...

ס'קומט אריין אַדעל מיטן קינד. ביי דער טיר באַגעגנט זי זיך מיט ר' נפתלין. זייער בענקענדיקע בליקן רעדן איינער צום צווייטן... אַדעל זעצט זיך אויף אַ שטול און שפּילט זיך מיט קינד. ר' נפתלי קומט צו מיט אַ ספר אין האַנט צו ר' נתנען

ר' נ פ ת ל י

צו ר' נתנען

און זייסטו, נתן, ווי אַזוי דער רבי איז אַרויפגעקומען אויף דער „מעשה מיט די זיבן בעטלערס" ? ער האָט זיך דערמאַנט אָן דיין ברי"ה, וואָס דו האָסט מיר געשריבן, אַז איך זאָל זיך אַרויסשלאָגן די מרה־שחורה און לעבן אין שמחה.

ר' נ ת ן

אָט דאָס איז דאָך דער דרך פון אונזער רבין. ער בינדט צונויף די פשוטע זאַכן פון דעם לעבן מיט די גאָר הויכע השגות און טיפע כוונות...

רעדט אין דער שטיל מיט ר' נפתלין און שפּאַצירט אַרום מיט אים געפּאַרעמט איבערן חדר

ר' נ ת ן

וואָס פאַר אַ ספר האָלטסטו אין דער האַנט, נפתלי ?

ר׳ נפתלי

דאָס ספר „יצירה״.

ר׳ נתן

נו, ווייסטו דאָך, נפתלי, וואָס אין דעם ספר „יצירה״ ווערט געזאָגט איבער די ווערטער „ענג״ און „נגע״. די אותיות אין זיי זענען די זעלבע, אָבער ווען זיי בייטן זיך אום, בייט זיך אויך זייער מיין...

„ענג״ — „עין, נון, גימל...״
„נגע״ — „נון, גימל, עין...״
די גלגלים — זיי גייען פאָרויס...
די גלגלים — זיי גייען צוריק...
און ס׳בייט זיך דער מיין
פון לעבן אליין...

זיי בלייבן אויף א ווײַלע שטיין. דאַן שפּאַצירן זיי ווייטער ארום

אַדעל

לאָזט ארונטער דאָס קינד אויף דער ערד און לערנט עס גיין

נו.
שטעל זיך, קינדעניו.
שטיי, שטיי אויף די פיסעלעך.
אָט אזוי, אָט אזוי, שטייט אַ קינדעלע.
אליין. אליין. אליין.

אַדעל

זינגט צום קינד

אויפן הויכן באַרג,
אויפן גרינעם גראָז,
שטייען אַ פּאָר דייטשן,
מיט די לאַנגע בייטשן.

הויכע מענער זענען זיי,
קורצע קליידער טראָגן זיי.
אבינו-מלך,
דאָס הארץ איז אונז פריילעך.
פריילעך וועלן מיר זיין,
טרינקען וועלן מיר וויין.
וויין וועלן מיר טרינקען.
קרעפּלעך וועלן מיר עסן.
און אונזער ליבן גאָט
וועלן מיר קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

דאָס קינד פּאַלט

אַ ד ע ל

רופט פּריידיק אויס

האָפּאַ!

ר׳ נתן און ר׳ נפתלי קומען צו צו אַדלען

ר׳ נ ת ן

צו אַדלען

נפתלי וועט דיר העלפן שטעלן דאָס קינד אויף די פּיסעלעך אַדעלע.

גייט אָפּ פון דאָרטן און מישט זיך אויס צווישן עולם

ר׳ נ פ ת ל י

רופט נאָך

נתן!

ר׳ נפתלי שטעלט דאָס קינד אויף און אַ זיפץ רייסט זיך ביי אים ארויס

אַ ד ע ל

דו זיפצסט, נפתלי. וואָס זאָל עס באַטייטן?...

ר׳ נפתלי

מיין מרה־שחורה...

אָדעל

מיט פארבענקטע בליקן

נפתלי...

ר׳ נפתלי

אָדעלע...

זיי שטייען א ווײַלע שטיל מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ

אָדעל

אָבער וואָס איז דאָס קינד שולדיק?...

ס׳הייבן זיך ביי איר אָן רייסן טרערן פון די אויגן. זי נעמט דאָס קינד, טוליעט עס שטארק צו זיך און מיט א שווערן זיפץ גייט זי אָפּ אָן א זייט. ר׳ נתן באַמערקט דאָס און קומט צו צו ר׳ נפתלין, וועלכער שטייט א פארטייעטער. ער גיט אים גוט־ברודעריש א קלאַפּ אויף דער פּלייצע

ר׳ נתן

ווייסט דאָך, נפתלי, אַז דער רבי האָט נישט ליב קיין עצבות...

ער נעמט אים אונטערן אָרעם און ציט אים צו דער זייט פון דעם עולם

ר׳ נתן

צום עולם

דער רבי האָט געהייסן פריילעך זיין!...

פריילעך זיין...

צו אַן עלטערן חסיד

א נו, ר׳ יוסף, איר זענט עפּעס א בעל־תפילה. הייבט עפּעס אָן א שטיקעלע, וואָס זאָל א נעם טון ביי דער נשמה!...

ר׳ י ו ס ף

הייבט אָן צו זינגען

אנא בכח. גדלת ימינך. תתיר צרורה. קבל רנת עמך שגבנו. טהרנו נורא.

עולם זינגט מיט. אַלע לאָזן זיך אַוועק אין אַ קאַראַהאָד. אינמיטן דעם טאַנצן קומט אַריין רבי נחמן. ער שטייט אַ ווײַלע לעבן אָדלען. גלעט איר שטערן און שפּילט זיך מיטן קינד. נעמט פון איר דאָס קינד און טאַנצט דערמיט אַריין צווישן עולם

ר ב י נ ח מ ן

שטאַרקער, יידן !... שטאַרקער !...
גבורה, יידן !... גבורה !...
אָט אַזוי, אָט אַזוי,
טאַנצן יידן אוי, אוי, אוי...
מיט אַלע גלידער טאַנצן מיר
און לויבן גאָט מיט אונזער גוף...
אָט אַזוי, אָט אַזוי,
טאַנצן יידן אוי, אוי, אוי...
יהודים...
איינער, איינער, איינער,
באַזונדער איז דאָך איינער...
צרופין...
אַלע אינאיינעם, אַלע אינאיינעם...
איינער אין אינאיינעם...
ושמח נפשנו... וטהר לבנו...
אבא עלאה...
אמא עלאה...
קדישא עלאה...
אָט אַזוי, אָט אַזוי,
טאַנצן יידן אוי, אוי, אוי...

אבא קדישא...
אמא קדישא...
העכער !...
העכער, יידן, העכער !...

אָ ד ע ל

פלי סקעט און רופט אויס אויפן קול

עלית-נשמה !... — — — — — — — — — — —

ס׳ענדיקט זיך דער טאנץ. אלע זעצן זיך ביי דעם טיש. דער רבי זיצט אויבנאָן און האלט דאס קינד אויף דער שויס

ר ב י נ ח מ ן

צו רבי נתנען

נו, וואָס הערט זיך עפּעס אין בערדיטשעוו, נתן-סערדצע ? פון אזא גרויסן יידישן כרך איז דאָך מן הסתם דאָ געגוג צו דער-ציילן.

ר׳ נ ת ן

איך האָב דאָרטן גרויסע נגידים געזען.

ר ב י נ ח מ ן

מיט א טאָן פון חוזק

אַזוי, אַזוי, גרויסע נגידים !... פססס...
גרויסע נגידים !... פס...

ר׳ נ ת ן

יאָ, מרבה נכסים, מרבה דאגה... זיי זענען פול מיט דאגות, אָט די נגידים, און דעריבער איז אַזוי אומעטיק ביי זיי... און דעריבער זענען זיי אַזוי אכזריותדיק... איינער דעם צווייטן וואָלט אַ לעבע-דיקן איינגעשלונגען... רק ס׳איז זיי ווינציק. זיי האָבן אַזוי פיל און האָבן גאָרנישט... דאָרט איז דאָ אַ נגיד, וועמען מען רופט אליי ביק. ער איז אַ גרויסער וואלד-סוחר און האנדלט מיט די גרעסטע שררות. ביי אים האָט מען איינגעלייגט אלפי-אלפים רענד-

לעך, געלט פון אלמנות און יתומים. אין איין פרימאָרגן האָט ער זיך מיישב געווען און אלעמען אָנגעזעצט. זענען די אלמנות און יתומים געקומען צו לויפן צו אים און גע־אָמערט: סטייטש, ר׳ אלי׳, מיר האָבן דאָך אייך פאַרטרויט אַלצדינג, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט, אַפילו אָן א וועקסל. מיר זענען דאָך געבליבן ווי אויפן וואַסער — — — —

רבי נחמן

טוט זיך א כאַפּ

אָט דאָס איז דאָך די מעשה אונזערע...

פאַרטיפט זיך אויף א ווײַלע און וואַכט באַלד אויף

וואו האַלטן מיר אין דער מעשה?...

ר׳ נתן

פאַרציטערט

ביי דער מעשה פון דעם צווייטן טאָג.

רבי נחמן

יאָ, אין דעם צווייטן טאָג פון די שבעת ימי־המשתה, האָבן זיך די חתן־כלה דערמאָנט אין דעם אַנדערן בעטלער, דעם טויבן, וואָס האָט זיי מחיה געווען מיט ברויט.

לאָזט אַרונטער דעם קאָפּ און טוליעט צו זיין פּנים צו דעם פּנים פון דעם קינד

פאַרוואַנדלונג. דער גרוב. די בעטלער. חתן־כלה. איין בעטלער שפּילט אויף א פייפל און די אַנדערע מאַכן זיך לוסטיק און טאַנצן

א בעטלער

צו דער כלה

וואָס־זשע ביסטו ברוגז,

צו דעם חתן

אַראָפּגעלאָזט די נאָז?

אַלע בעטלער

צו חתן־כּלה

לאָמיר זיך אַלע פֿרייען
און אַ טענצל גייען.

כּלה

ווי אַזוי קאָנען מיר זיין פֿריילעך, ווען ס'פֿעלט אויף אונזער שׂמחה אַזאַ טייערער גאַסט.

בעטלער

ווער איז ער?

כּלה

דער טויבער בעטלער, וואָס האָט אונז געגעבן ברויט אין וואַלד און אונז מחיה געווען.

ס'קומט אַן דער טויבער בעטלער מיט זיינע טאָרבעס

טויבער בעטלער

איך בין דאָ.

פֿאַלט אויף זיי אַרויף און קושט זיי

חתן־כּלה

רינגלען אים אַרום און זינגען

טויבער בעטלער, גוטער מענטש,
האָסט געגעבן אונז דיין ברויט.
טויבער בעטלער, גוטער מענטש,
האָסט אונז געראַטעוועט פֿון טויט.

טויבער בעטלער

איך האָב אייך, קינדער, אַ מתּנה געבראַכט.
אַנו, טרעפֿט, וואָס איז דאָס אַזוינס?

חתן

רעדט אים צריין אין אויער

אַ שטעקן, אַ שטאַרקן, די הינט צו פֿאַרטרייבן.

ב ע ט ל ע ר

האָ ?...

כ ל ה

טוקעט אים אַריין אין אויער

טאַ־טאַ.

אַ וויגל, דאָס עופּהלע צו פּאַרוויגן.

ב ע ט ל ע ר

האָ ?...

כ ל ה

טאַ־טאַ.

ח ת ן

טאָ וואָס ?

כ ל ה

איז דאָס ?

ב ע ט ל ע ר

איר זאָלט זיין אַזוי ווי איך.

ח ת ן

ווי דו ?

צעלאַכט זיך

כאַ ! כאַ !

כ ל ה

לאָז אונז צורו

ב ע ט ל ע ר

האָ ?...

איך עס נאָר ברויט,
טרינק נאָר וואַסער.

— — אזא גוט-לעבן
ווינטש איך אייך...

חתן-כלה

מוחל, מוחל
אזא גוט-לעבן.

בעטלער

הא?...

חתן-כלה

טאַ-טאַ...

בעטלער

האַ?...

טאָן-ענדערונג

מיינט איר דאָך,
איך בין טויב?

חתן-כלה

האַ?

בעטלער

בין גאָרנישט טויב.
הער גוט וואָס איר רעדט...

חתן-כלה

פארוואונדערט

נאָר וואָס דען?

בעטלער

נאָר די גאַנצע וועלט ביי מיר
האָט קיין באַטרעף,
די חסרונות אירע, איך זאָל הערן...
אַלע קולות פון דער וועלט,

פון הסרונות קומען נאָר...
יעדער שרייט אויף זיין חסרון,
וואָס ס'גייט אים אָפּ...
און אויך די שמחות פון דער וועלט,
פון חסרונות קומען...
מ'פרייט זיך, ווען פאַרפילט ס'ווערט
דער חסרון...
אין איך לעב אַזאַ גוט-לעבן,
וואָס האָט גאָרנישט קיין חסרון... — — — —

— — — — — — — —

און די הסכמה האָב איך אויף דערויף
פון דער מדינה פון עשירות.
און אַ מעשה וועל איך אייך דערציילן.

ער זעצט זיך אין דער מיט צווישן זיי און בייגט צו זייערע
ביידע קעפּ אויף זיין שויס

ב ע ט ל ע ר

מעשה:
ס'איז פאַראַן אַ מדינה פון גרויס עשירות. זענען זיך אַמאָל צו-נויפגעקומען די עשירים און איטלעכער האָט דערציילט דעם סדר פון זיין גוט-לעבן. האָב איך מיך אָנגערופן און געזאָגט צו זיי: איך לעב אַ בעסער לעבן פון אייערס. און אויב איר לעבט אַ בעסער לעבן, טאָ לאָמיר זען, אויב איר וועט קאָנען העלפן יענער מדינה. וואָרים ס'איז פאַראַן אַ מדינה, וואו די מענטשן זענען גליקלעך געווען. דאָרט איז געווען אַ גאָרטן. אין דעם גאָרטן זענען געוואַקסן פירות, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַלערליי טעמים און ריחות פון דער וועלט. דער גאָרטן האָט געהאַט איבער זיך אַ גערטנער. און דער גערטנער איז פאַרפאַלן געוואָרן. איז געקומען אַ מלך-אכזר אויף דערדאָזיקער מדינה און קאַליע געמאַכט איר גוט-לעבן, וואָס זיי האָבן געמאַכט פון דעם גאָרטן... ער האָט אויך

איבערגעלאָזט אין דער מדינה דריי כּתות קנעכט און זיי האָבן קאַליע געמאַכט דעם טעם, דעם ריח און די מראה...
האָב איך געזאָגט צו די עשירים, אַז אויב מ'וועט נישט העלפן יענע לייט פון דער מדינה, וואו ס'איז ביי זיי קאַליע געוואָרן דער גאָרטן, וועלן די קלקולים פון דער מדינה זיי אויך קאָנען ברענגען שאָדן...
האָבן זיך אויפגעהויבן די עשירים און געגאַנגען צו דער מדינה. און איך בין אויך מיט זיי געגאַנגען, און גייענדיק אין וועג האָט איטלעכער פון זיי געלעבט זיין גוט-לעבן. אָבער ווי זיי זענען צוגעקומען צו דער מדינה, האָט אָנגעהויבן אויך ביי זיי קאַליע ווערן דער טעם, דער ריח און די מראה...

לענגערע פויזע

און איצט, קינדערלעך. הערט ווייטער די מעשה.

פאַרוואַנדלונג. דער גאָרטן. מענטשן. קנעכט מיט העק און שפּיזן. אַ מיש-מאַש. פרויען און מענער ברעכן די צווייגן. מענער כאַפּן פרויען און פרויען כאַפּן מענער. קנעכט ווילדעווען און וואַרפן זיך שלאָגן אויף די מענטשן. ס'קומט אַריין דער טויבער בעטלער און די צוויי עשירים

טויבער בעטלער

צו די עשירים

אַמאָל זענען די מענטשן גליקלעך געווען. זייער גאָרטן איז געווען אַ גן-עדן... די פּירות האָבן אַ טעם געהאַט און געזעטיקט...
גוטע ריחות האָבן געשמעקט און געקוויקט...
קלאָר — דער הימל,
גרין — די ערד,
לויטער — די נשמות...
געטאַנצט האָבן מענטשן
אין יום-טוב פון לעבן,
אויפן שטח
פון אָנקום
ביז אומקום...

איצט אָבער איז אַלצדינג
חרוב ונחרב.
אַן עיפּוש...
אַ טרויער...
באַדויער...
מ'רייסט זיך,
מ'בייסט זיך...
ס'זעטיקט זיך איינער
אין בלוט פון דעם צווייטן...
אהבה — איז תאווה...
יחוד — איז ניאוף...
און ס'ווערט פאַרשטעלט די מראה
און פאַרפינסטערט די נשמה,
וואָס זינקט אַראָנטער
צו איר תהום... — — — — — —

— — — — — — — —

און אויך ביי אייך, שלוחים פון דער מדינה פון עשירות, איז קאַליע געוואָרן די מראה, דער טעם און דער ריח — און איר קאָנט זיי מיט אייער גוט-לעבן נישט העלפן...

ע ר ש ט ע ר ע ו ש ר

איך פאַרשטיי דיך נישט.

צ ו ו י י ט ע ר ע ו ש ר

דו רעדסט פון וועג.

ט ו י ב ע ר ב ע ט ל ע ר

ווענדט זיך צו די מענטשן, וואָס ברעכן די צווייגן

ברעכט נישט די צווייגן!... זעט ווי אייער גאָרטן הייבט אָן צו נישט ווערן...

ס'קומט אָן האַסטיק דער גערטנער

ג ע ר ט נ ע ר

געקומען בין איך אין מיין גאָרטן צוריק...
ווייז וויי!
וואָס איך זע!

צוקומענדיק צו א געזעמל

זאָגט מיר, מענטשן, וואו איז מיין ווייב?
פאַרוואָס איז זי אוועק פון מיר?
ווער האָט פאַרנומען מיין געצעלט?

אַ מ אַ ן

צום גערטנער

מיר קענען דיך נישט!
דו ביסט אַן אנדערער!
אַ ליגנער!...

טרייבט אים

גיי פון דאַנען!

ג ע ר ט נ ע ר

איך בין דער גערטנער!
איך בין דער גערטנער!
איך בין אין מיין גאָרטן געקומען,
די ביימער צו היטן,
אַכטונג צו געבן
אויף די בלומען און פירות.
וויי, וויי,
וואָס איך זע...

מ אַ ן

רייסט אָפּ אַ פּרי און פאַרקנייטשט מיט דער נאָז

ס'איז אַן עיפּוש, איך קאָן די פּרי צום מויל נישט נעמען...

פ ר ו י

מיינע קינדער שטאַרבן פון הונגער!

ב ע ט ל ע ר

דעם מלכס קנעכט האָבן מיט אַן עיפּוש באַגאַסן אייערע פּירות און קאַליע געמאַכט זייער טעם...

צ ו ו י י ט ע ר מ אַ ן

ס'איז מיר טונקל אין די אויגן. איז היינט נאָך די זון נישט אַרויס־געגאַנגען ?...

ט ו י ב ע ר ב ע ט ל ע ר

זינט דער מלך אכזר איז מיט זיינע קנעכט געקומען אין אייער מדינה, איז אייך געוואָרן טונקל אין די אויגן... ווי ס'וואָלטן רק וואָלקנס פאַר אייך געווען. ווייל זיי האָבן אייך קאַליע געמאַכט די מראה...

קנעכט יאָגן נאָך די פרויען און כאַפּן זיי

ע ר ש ט ע ר ק נ ע כ ט

צו א פרוי

קום, זינדיק מיט מיר, און איך וועל דיר געבן צו עסן פון אונזערע עסנס, וואָס זענען נישט מיט עיפּוש באַגאָסן.

פ ר ו י

איך וויל עסן, אָבער נישט זינדיקן...

ק נ ע כ ט

שליידערט זי צו דער ערד

טאָ גיי פון הונגער אויס! דיין ריינקייט קאָן מיך נישט זעטיקן.

זי בלייבט ליגן אויף דער ערד און יאָמערט

פ ר ו י

איך קאָן נישט! איך קאָן נישט זינדיקן!

צ ו ו י י ט ע פ ר ו י

לויפט צום קנעכט

איך קאָן שוין מער דעם הונגער נישט פאַרטראָגן.

ק נ ע כ ט

טאָ קום און זינדיק מיט מיר!

פ ר ו י

נעם מיך!

קנעכט נעמט אוועק די פרוי, קושנדיק זי און פארשווינדט

פ ר ו י

קומט צו לויפן אויפגעעגט

איך האָב געזינדיקט און געגעסן, אָבער דאָס עסן פון דעם מלכס
קנעכט עיפושט נאָך מער...

ווילדע כצענעס פון די קנעכט מיט די פרויען

ט ו י ב ע ר ב ע ט ל ע ר

שטעלט זיך אוועק אויף א שטאם פון א בוים

מענטשן! מענטשן זינדיקט נישט!
אייערע נשמות, פאראומרייניקט נישט!...
זיי זענען פון דעם אוצר-הנשמות גענומען
פון דער נשמה-הגדולה פון גאָט!...

ו י ל ד ע ג ע ל ע כ ט ע ר ס

ההחחחחחה!!!

מ י ש - מ אַ ש פ ו ן ק ו ל ו ת

קוש מיך!
דריק מיך!
מיינע בריסטן!
דיינע אויגן!
לייב צו לייב!
מאַן און ווייב!

ו י ל ד ע ג ע ל ע כ ט ע ר ס

חחחחחחח!!!

איין עושר לאָזט זיך לויפן צו די פרויען

בעטלער

רופט צו אים

וואוהין לויפסטו?

עושר ענטפערט נישט. ער קלינגט מיט זיין בייטל געלד און כאפט א פרוי

פרוי

וואס ווילסטו, פרעמדער, פון מיר? נישט גענוג, וואס ס'זענען אנגעפאלן אויף אונז דעם מלכס קנעכט און שענדן אונזערע לייבער? און גיבן אונז איבער אלע זייערע קרענק און שלעק?...

עושר

איך האב מער געלט פון דעם מלכס קנעכט... זיי בוקן זיך צו מיר אזוי ווי צו דעם מלך... איך ווארף זיי א פאר פרוטות צו און זיי טוען מיין באפעל...

פרוי

טא וואס ווילסטו פון מיר?

עושר

נאדיר געלט און זינדיק מיט מיר!
נאדיר א בייטש קרעלן!

גיט איר א בייטש קרעלן

דיין ווייסן האלז צו באצירן,
אויפצורייצן אין מיר די תאווה...
נא דיר א דימענטשטיין!

גיט איר א דימענטשטיין

ער בליאסקעט אין דער נאכט
ווי א שטערן אין דעם הימל!
און ער וועט פאר מיר
שטיקער לייב פון דיר
באלייכטן אין דער פינסטערניש.

ווען איך וועל זיך מיט תאווה גראָבן
צווישן דיינע בריסטן !...
און איינגעשלונגען ווערן אין דיין לייב !...
ווייב !...
ווייב !...

פרוי לאָזט זיך פון אים ארומנעמען

צווייטער עושר

פארביילויפנדיק דעם בעטלער

איך קאָן דאָ גרויס עשירות מאַכן !
וועל דאָ מענטשן דינגען !
פאַר מיינע קנעכט זיי מאַכן !...
וועל זיי שיקן ארבעטן
אויף מיינע פעלדער,
אין מיינע וועלדער...
וועלן אין אָרימקייט זיך ראַיען,
פאַלאַצן פאַר מיר בויען !...
וועל זיי די שיריים וואַרפן
און כפל־כפליים
וועט מיין עשירות וואַקסן !...

ער לויפט צו צו א געזעמל מענטשן און טרייסלט מיט זיין
באָלד־זעקל

צווייטער עושר

צו די מענטשן

ווילט איר ווערן מיינע קנעכט ?

מענטשן

מיר ווילן עסן !...
מיר זענען הונגעריק !...

צווייטער עושר

זייט מיינע קנעכט !...

און איך וועל אײַך געבן צו עסן,
איר זאָלט נישט שטאַרבן !...

ב ע ט ל ע ר

רופנדיק פון שטאַם פון בוים

מענטשן ! מענטשן !
הערט מיך אויס !
פון דער זינד,
איר טוט זיך אויס !
ס׳קומט דער טאָג ! ס׳קומט דער טאָג !
ווען דאָס שלעכטס פון דער וועלט
וועט געשטעלט
צו דעם משפט ווערן !...
קאָנט איר הערן ?...
קאָנט איר הערן ?...
דאָס שאַלן פון דעם האָרן ?...
און דעם אַנזאָג,
אַז ס׳קומט אָן
אַ טאָג פון צאָרן !...

א ײ ן מ ע נ ט ש

צום צווייטן, טייטלענדיק אויפן בעטלער

אַ משוגענער נעבעך. ער איז משוגע געוואָרן פון הונגער !
הערסט אַ לשון ?... דאָס רעדן די ליידיקע טאַרבעס !...

ס׳בלאָזט אַ האָרן

א ײ נ ע ר פ ו ן ד ע ם מ ל כ ס ק נ ע כ ט

רופט אויס

שטיל זאָל זײַן !
ער קומט ! ער קומט !
דער שופט־צדק פון דעם מלך־חסד קומט !

ס׳קומט אָן מיט אַ פּראָצעסיע דער שופט, וועלכער ווערט פון די קנעכט ארויפגעזעצט אויף אַ הויכער שטול

הויפּט-קנעכט

צייגט אויף דעם מלכס פּאָן, מיט וועלכער ער פאָכעט איבער די קעפּ פון דעם עולם

אויף די קניען כּורעים פאַלט!
צו אונזער מלך זינגט אַ שבח!
צו דעם גרויסן, גוטן, שטאַרקן
מלך פון מלכים!

עולם, אַ חוץ דעם בעטלער, פאַלט אויף די קניען

עולם

זינגט

גרויס איז אונזער מלך!
אוי-וואַ!
פּראַכטיק איז אונזער מלך!
אוי-וואַ! אוי-וואַ!
שטאַרק איז אונזער מלך!
אוי-וואַ! אוי-וואַ! אוי-וואַ!
נאָר צו אים דינען מיר!
נאָר פאַר אים שטאַרבן מיר!
און מיר טוען זיין באַפעל!
אוי-וואַ! אוי-וואַ! אוי-וואַ!

בעטלער

רופט אויס

דער מלך-אביון איז פלייש און בלוט,
דער מלך אביון האָט געדערים.
קומט זיין צייט, מוז ער שטאַרבן
און ווערט געפרעסן פון די ווערים.

הויפּט-קנעכט

צום בעטלער

וואָס זענען דאָס פאַר אַ ווערטער, דו פרעמדער הונט?

ב ע ט ל ע ר

דער שיר צום מלך,
וואָס ווערט געזונגען
ביי מיר אין לאַנד...

ה ו י פ ט - ק נ ע כ ט

צו זיין משרת

האַלט אַן אויג אויפן פרעמדן הונט!

ער ווייזט אַן אויפן בעטלער. דער משרת שטעלט זיך צוועק ביי דער זייט פון דעם בעטלער און לאָזט אים נישט אָפּ פון אויג

אַ גערויש צווישן עולם. ס'קומען צו פאַרן שופטס שטול צוויי מענטשן, וועלכע קריגן זיך

א יי ן מ ע נ ט ש

צום צווייטן

דו ביסט אַן אכזר!

דו ביסט אַ רוצח! דו וועסט דאַרפן אָפּגעבן צום מלכס בית-דין דין-וחשבון.

צ ו יי ט ע ר

צום ערשטן, מיט חוזק

איך בין דער שטאַרקער און דו ביסט דער שוואַכער. איך בין דער עושר און דו ביסט דער אביון. און אויף וועמענס צד איז דער בית-דין אין אונזער מדינה?...

ש ו פ ט

צו די צוויי

וואָס זענען אייערע טענות?

זיי הייבן ביידע מיטאַמאָל אָן צו רעדן

ש ו פ ט

זאָל דער בעל-טוען רעדן צום ערשטן.

ע ר ש ט ע ר

ער האָט אָפּגעקויפט דעם מלכס קנעכט. זענען זיי מיין פעלד באַפאַלן און דאָס אָוועקגעגעבן צו אים. ער האָט אויך מיין פרוי אַוועקגערויבט און האַלט זי אין געפאַנגענשאַפט. ער האָט מיינע זין מיט בייטשן געשמיסן און זיי געצוואונגען צו זיין זיינע משרתים. ער האָט מיינע טעכטער פאַר זיינע קעפּס-ווייבער גע-מאַכט. ער האָט מיך מכּת-רצח געשלאָגן און געסטראַשעט מיך צו טויטן.

צ ו ו ײ ט ע ר מ אַ ן

לייגט אַוועק אַ בייטל מיט געלד לעבן דעם שופט

עס איז נישט אמת. די גאַנצע מדינה קען דאָך מיין נאָמען.

ש ו פ ט

צום צווייטן

איז עס אמת וואָס עס זאָגט אויף דיר אָט דער מאַן ?

צ ו ו ײ ט ע ר מ אַ ן

עס איז נישט אמת. די גאַנצע מדינה קען דאָך מיין נאָמען.

ש ו פ ט

צום צווייטן

דיין נאָמען איז באַקאַנט אין דער גאַנצער מדינה.
מיר האָבן געהערט פון דיינע גרויסע מעשים, אַז דו האָסט געבויט הייזער פאַר אלמנות און יתומים, בתי-חולים פאַר קראַנקע און בתי-תפילה פאַר פרומע.

צ ו ו ײ ט ע ר מ אַ ן

אָט דאָס בין איך...

ש ו פ ט

איך געפין נישט קיין שולד אין אָט דעם מאַן. דער בעל-טוען זאָל באַקומען שמיץ פאַר מאַכן אַ בלבול אויף אַזאַ פיינעם און גוטן

מאן, וועלכער איז אַ פּאַטער פון די יתומים און אַ ברודער פון די אלמנות.

קנעכט כאַפּן דעם בעל־טוען און גיבן אים שמיץ

איין מענטש

אַ מצווה אויף אים. זאָל ער זיך נישט לאָדן מיט קיין עושר פאַרן בית־דין.

צווייטער מענטש

און וואָס איז אַזוינס, אַז אַן אַנדערער שלאָפט מיט זיין ווייב און מיט זיינע טעכטער?

דריטער מענטש

איך זינדיק מיט אַלע ווייבער.

פערטער מענטש

מיט אַ זיפץ

און מיין ווייב זינדיקט מיט אַלע מענער.

אין דער זעלבער צייט קומען פאַר אַנדערע משפטים פאַר דעם שופט. די מענטשן טענהן זיך אויס און דער שופט טרינקט וויין, איין בעכער נאָכן צווייטן

ס׳קומען אַן זוגות און מישן זיך צונויף מיטן עולם. זיי ווינקען צו די מענטשן און רופן זיי

גערטנער

לויפט אַרום צווישן עולם און שרייט

איך בין אייער גערטנער, אייער גערטנער!
פאַרוואָס האָט איר קאַליע געמאַכט דעם גאָרטן?
פאַרוואָס האָט איר די צווייגן צעבראָכן?
פאַרוואָס האָט איר אַן עיפּוש געמאַכט?
וויי, וויי!
וואָס איך זע!...

מ ע נ ט ש

דער מאַן איז אַ משוגענער!
טרייבט אים אַוועק!
קנעכט פאַרטרייבן אים

ע ר ש ט ע ז ו נ ה

צו אַ מאַן

צווישן די בושעס דאָרנדאָרן-דאָרט
האָב איך אויסגעבעט אַן אָרט...
ביידע גייען אָפּ

צ ו ו י י ט ע ז ו נ ה

צו אַ צווייטן מאַן, מיט חוזק

דיין ליבע?... צוואָס?
איך זינדיק נישט פאַר ליבע...
נאָר פאַר געלט...

צ ו ו י י ט ע ר מ אַ ן

צו דער צווייטער זונה

מיין נשמה איז מיט ליבע פול...

צ ו ו י י ט ע ז ו נ ה

צום צווייטן מאַן

דיינע קעשענעס זענען ליידיק...
שטויסט אים אָפּ און נעמט אַרום אַן אַנדערן

צ ו ו י י ט ע ז ו נ ה

צו אַ דריטן מאַן

איך זע, דו האָסט אַ ביטל מיט גאָלד.
און איך בין שיין.
איך האָב דיך ליב.
דו ביסט קלוג.
יאָ, איך ווייס,

נאָך איידער איך האָב געהערט א וואָרט פון דיר.
קום און ליג מיט מיר!...

דריטע זונה

צו דער צווייטער

און אַפּגעבליאַקעוועטע מכשפה ביסטו.
דיין קאָפּ איז אויסגעקראָכן
און די בריסטן הענגען דיר אַראָפּ
ווי ביי א יאַלאָווער קו...

כאַפּט אַרום דעם מאַן

מיט מיר קום! מיט מיר!
מיינע בריסטן זענען רונד!
טאַפּ זיי אָן!
מיט רויטע ניפּלס זענען זיי,
ווי עפּל פּאַרטיקע
פון בוים.
מיין לייב איז קלאָר!
ווילסט עס זעען!
א רענדל קלינג
און איך צי אַראָפּ מיין העמד.

פּאַטשט מיט די האָר

ווי אינדן זענען מיינע האָר!
און מיינע גלידער בייגן זיך!

מאַכט פאַרשייטע באַוועגונגען

שפּרינגען,
זינגען.
החחחחחח!...
און א נאַקעטע וועל איך
אויסטאַנצן א טאַנץ פאַר דיר,
דעם טאַנץ פון בויך!...

מאַן גיט איר א מטבע און זי טאַנצט פאַר אים דעם בויך-טאַנץ

צ וו יי ט ע ז ו ג ה

צו דער דריטער

א מרשעת ביסטו!
האָסט דיין מאַן, דעם געדטבער פאַרלאָזט!
ביסט אַ ווייב פון זנות געווען!
און איצט ביסטו אַ פאָדלע!
טפו אויף דיר!
אַ פּלאָג אויף דיר!
פון דעם ערשטן מאַן זאָלסטו ווערן קרעציק!
פון די פראַנצן זאָלסטו שטאַרבן!

רייסן זיך ביי די האָר און שרייען אויף די קולות

ב ע ל - ט ו ע ן

צוואָס זאָל איך רעדן און טענהן, אַז דער שופט שלאָפט?!...

מ ע נ ט ש ן

מ'דאַרף דעם שופט אויפוועקן.

ה ו י פ ט - ק נ ע כ ט

מ'טאָר קיין שופט נישט וועקן...

מ ע נ ט ש

איך וועל דעם שופט אַ קיצל טון אונטער דער פּאַכווע. אַ שופט האָט ליב, אַז מ'קיצלט אים...

גיט אים אַ קיצל. דער שופט כאַפּט זיך אויף

מ ע נ ט ש ן

מיר ווילן הערן דיין משפט, גנעדיקער שופט!

ש ו פ ט

רייבט זיך די אויגן און גענעצט

זיי זענען ביידע שולדיק. צען שמיץ פאַר איינעם און צען שמיץ פאַר דעם צווייטן.

קנעכט שמייסן זיי

ש ו פ ט

צום הויפט-קנעכט

ברענג מיר די שיינע זונה, וואָס האָט די רונדע בריסטן ווי די שיינע, רייפע עפּל און טאַנצט דעם בויך-טאַנץ אויס הוי־לערהייט.

ה ו י פ ט - ק נ ע כ ט

צו דיין באַפעל, גנעדיקער שופט!

ער טוט אַ וואונק צו דער דריטער זונה, וועלכע לויפט צום שופט און שטעלט זיך אַוועק פאַר אים אין אַ פאַרשייטן שטעל. דער שופט נעמט זי אויפן שויס און בייסט זיך תאוההדיק אין איר אויסגעהוילט לייב

ב ע ט ל ע ר

רופט אויס

מענטשן, אוי מענטשן, הערט אויס!
געהאַט האָט איר
אַ גן-עדן פון גאָט,
אָן עבירות געלעבט...
פון פריד
דאָס ליד
האָט געקלונגען ביי אייך:
נישט רייך, נישט אָרים,
נישט גרויס, נישט קליין,
נישט שיין, נישט מיאוס;
— בציבור געגעסן די פּירות...
איצט זענען זיי סם,
פאַרדאָרבענער טעם
פאַרשפּרייט פון דעם קנעכט פון דעם מלך
פון איינעם צום צווייטן...
פון שוחד די אויגן זיי בלענדן...
אָפּגעטון האָט זיך די מראה...

טמא געוואָרן די טהרה...
אייערע טעכטער פאַרקויפן
זייערע לייבער צו זנות...
אייערע הענט
אין בלוט זענען באַשמירט,
די הענט,
וואָס האַלטן אַ קינד ;
און איר זינגט אַ לויב
צו רויב
און צו מאָרד...

ווענדט זיך באַפעלעריש צום עולם

פאַרטרייב די קנעכט פון דעם מלך ! זייט מתקן די מדינה !
רוימט אויס דאָס שלעכטס !
טוט חסד איינער מיטן צווייטן !
האָט ליב אייער חבר !
מאַכט שטאַרק דעם שוואַכן !
פון דער פינצטערניש גייט אַרויס !
באַגריסט די זון,
וואָס פאַרטיילט אירע שטראַלן
צו אַלע ברואים גלייך !
ברוך-הבא, נייע וועלט !...
דו ביסט געבוירן אין דעם חידוש
פון דער בריאה...
ברוך-הבא !...

ער נעמט אַרויס פון זיין טאָרבע ברעקלעך ברויט און צע-
וואַרפט זיי. נעמט אַרויס אַ קריגל וואַסער און גיט עס צו די
מענטשן

עסט מיין ברויט,
טרינקט מיין וואַסער
און ווערט געזונט !...

די מענטשן עסן די ברעקלעך און טרינקען דאָס וואַסער

און ס'וועט זיך אומקערן צוריק צו אייך

דער טעם!
דער ריח!...
און די מראה!...

מ ע נ ט ש ן

אַ נס! אַ נס!...

ע ר ש ט ע ר מ אַ ן

איך האָב ווידער באַקומען מיין מראה!...

מ אַ ן

וואָס האָט געזויבט די פרוי, קומט צו צום מאַן פון דער פרוי.

ער פירט צו די פרוי צו אים

זיי מיר מוחל, ברודער! איך בין אַ פאַרפירטער מענטש געווען! איך האָב נישט געוואוסט וואָס איז גוטס און וואָס איז שלעכטס. נאַדיר אָפּ צוריק דיין פרוי, זי איז אַן אומשולדיקע, זי האָט זיך פון מיר נישט געלאָזט באַרירן. נעם צוריק אָפּ דיין פעלד און נאַדיר מיין בייטל גאָלד און ווער באַלוינט פאַר די צרות, וואָס איך האָב דיר אָנגעטון!

ד ר י ט ע ז ו נ ה

קומט צו צום גערטנער

נעם מיך צוריק צו זיך, מיין מאַן! איך האָב געזינדיקט, ווייל איך בין פאַרנאַרט געווען. דער גלאַנץ פון גאָלד האָט מיך פאַרפירט! איך וועל זיך מער נישט פאַרקויפן צו זנות! איך וועל צוריק זיין דיין חברטע און אַרבעטן מיט דיר צוזאַמען אין דעם גאָרטן. נעם מיך צוריק, מיין מאַן! איך וויל אַ מוטער ווערן!... איך וויל פון דיר קינדער געבוירן!

גערטנער נעמט זי אַרום. זי דריקט זיך צו צו אים

מ אַ ן

מיר מוזן אויסרייניקן די מדינה!..

א ל ע

מיר מוזן אויסרייניקן די מדינה!...

ב ע ט ל ע ר

פארטרייבט די קנעכט פון דעם מלך־אכזר!

מענטשן רינגל'ען ארום די קנעכט און נעמען ביי זיי צו די כלי־זין

ש ו פ ט

שטויכט פון זיך אוועק די זונה און כאפט זיך אויף

אַ מרידה אין דער מדינה!

ק נ ע כ ט

אַ מרידה!

ש ו פ ט

וואו איז דער מלך?

מענטשן לויפן ארום מיט אַ געט מל, אָן אַ סדר

ש ו פ ט

צו די קנעכט

וואָס שטייט איר ווי געליימט, איר קרעציקע הינט? פאַרוואָס האַקט איר נישט קיין קעפ?

ס'קומען צו לויפן מענטשן

מ ע נ ט ש ן

צום טויבן בעטלער

מיר האָבן מנצח געווען!

מ ע נ ט ש

מיר האָבן דעם מלך מיט אַלע זיינע יועצים געפאנגען! מיר וועלן זיי די קעפ אָפהאַקן!

כאפן אויף דעם שופט

מ ע נ ט ש

אויך דו, רשע, וועסט דאַרפן אָפּגעבן דין וחשבון!

ע ו ל ם

צום שופט

רשע! רשע!

מ ע נ ט ש

מידה כנגד מידה!
זייערע קעפּ וועלן מיר אָפּהאַקן!
זייער בלוט וועלן מיר טרינקען!
נקמה! נקמה!...

ע ו ל ם

נקמה! נקמה!... אהאַ... אהאַ...

ב ע ט ל ע ר

צום עולם

נישט קיין מידה כנגד מידה...
נישט קיין נקמה...
נישט קיין הריגה...
נישט קיין גרויל...
אונזער מלחמה איז מיטן מויל...
מיט אונזערע מחשבות און מעשים...
טויט!...
נאָר זייער אכזריות זאָל טויט זיין...
זייער אַלטע נשמה פאַרברענט...
גיט זיי אַ נייע אריין...
און אינאיינעם מיט אַלע
נשמות פון מענטשן
זאָלן אויפשטיין זיי אַלע
צו תחית־המתים...
ווען דער שופר וועט שאַלן

און אָנזאָגן די בשורה;
פאַרלענדט איז די רשעה!
די וועלט איז דערלייזט!
און פריי איז דער מענטש!...

ס׳בלאָזט דער שופר

ב ע ט ל ע ר

זאָל דער גערטנער געבראַכט ווערן און געזעצט ווערן אויף דער שטול!...

מ׳ברענגט דעם גערטנער און מ׳זעצט אים אויף דער שטול

ב ע ט ל ע ר

קרוינט דעם גערטנער פאַר אייער פרוכט-קעניג!...

ברענגען קערבלעך פרוכט און שטעלן זיי אַוועק לעבן אים

מ ע נ ט ש

מיר ווילן אויך אַ פרוכט-קעניגין!...

ט ו י ב ע ר ב ע ט ל ע ר

קרוינט זי!...

מ ע נ ט ש ן

ווער איז זי?...

ב ע ט ל ע ר

די, וואָס איז געווען די ערגסטע פרוי!...

ברענגען די דריטע זונה. באַפּוצן איר קאָפּ מיט קרענץ בלומען.
זעצן זי אַוועק לעבן דעם גערטנער

ב ע ט ל ע ר

צום גערטנער און זיין פרוי

און ביידע זאָלט איר ווידעראַמאָל דעם גאָרטן היטן!...

מענטשן רינגלען אַרום דעם גערטנער און זיין פרוי און זינגען

אויף דאָס ניי, אויף דאָס ניי,

אונזער גאָרטן וועט זיין פריי...
אויף דאָס ניי פילן מיר;
אויף דאָס ניי זעען מיר;
אויף דאָס ניי שמעקן מיר;
אויף דאָס ניי, אויף דאָס ניי,
אונזער גאָרטן וועט זיין פריי...

פארוואנדלונג. פריערדיקער סדר. נתן איז פארטיפט אין זיין שרייבן

רבי נחמן

און ווען דער טויבער בעטלער האָט פאַרענדיקט צו דערציילן זיין מעשה צו די חתן-כלה, האָט ער צו זיי אזוי געזאָגט: נמצא, אז דורך מיר איז אויפגעריכט געוואָרן די מדינה. קומט דאָך אויס, אַז איך האָב אַ הסכמה פון דער מדינה פון עשירות, אַז איך לעב אַ גוט-לעבן, וואָרים איך האָב דאָך מתקן געווען די מדינה...

און בכן שענק איך אייך במתנה גמורה מיין גוט-לעבן פאַר דרשה-געשאַנק...

איז דאָרט געוואָרן אַ זייער גרויסע שמחה.

רבי פארווייכערט די ליולקע. חסידים זיצן פארגאפט. ר׳ נתן האלט נאך אין שרייבן. רבי נחמן קוקט אריין אין דעם געשריפטס

רבי נחמן

האָסט אַ פיינעם כתב-יד, נתן.

ר׳ נתן

כאפט זיך אויף מיט אימה

רבינו!

חסידים

כאַפן זיך אויף מיט אימה

רבינו!

ר ב י   נ ח מ ן

הייבט זיך אויף פון טיש און זאָגט צו ר' יוספן

גיט אַ שמעק-טאַבאַק, ר' יוסף

ר' יוסף עפנט דאָס טאַבאַק-פּושקעלע

ר ב י   נ ח מ ן

צו אָדלען

דער בחורעק האָט גאָרנישט געהערט זיין זיידנס מעשה? האָסט אים אין דער מיט אָוועקגענומען פון מיר.

אָ ד ע ל

ער עסט וועטשערע, טאַטעניו.

ר ב י

וואָס האָסטו אים געמאַכט פאַר וועטשערע, אָדעלע?

אָ ד ע ל

אַ קאַשקעלע, טאַטעניו.

ר ב י

פון גרייפּעלעך?

אָ ד ע ל

יאָ, פון גרייפּעלעך, טאַטעניו.

גייען ביידע אָפּ אין צווייט הדר

ח ס י ד

עפּעס אַזוי ווי פון אַן אַנדערער וועלט וואָלט איך איצט געקומען...

צ ו ו י י ט ע ר   ח ס י ד

וואו זענען מיר געווען?

ר' נ ת ן

אין די עולמות, וואו אונזער רבי איז שולט...

ח ס י ד

מיט דערשטוינונג

אין די עולמות פון הסרונות?

ר׳ נ ת ן

אין די עולמות, וואו ער איז ממלא די חסרונות...
איז מתקן
די קלקולים און פגימות
מיט זיינע סודות...
און תורות...
און קערט אום צו זיי
דעם טעם...
ריח...
און מראה...

אין מיט פון נתנס רעדן קומט אריין רבי נחמן מיטן קינד אויף די הענט. ער זעצט עס ארויף אויף די אקסל׳ען און שפילט זיך דערמיט. ווען ר׳ נתן ענדיקט, קומט ער צו צום טיש

ח ס י ד י ם

מיט א ציטער

רביניו!

ס׳קומט צו אדל צום טיש

ר ב י נ ח מ ן

גיט א לייכטן פאטש אויף דער פלייצע

יפה דרשת, נתן.

צו ר׳ נפתלין

און וואס זאגסטו עפעס, נפתלעלע, אויף מיין אדעלס קינדעניו?

קושט און האלובעט דאס קינד

ס האט דאך אלערליי טעמים, אלערליי ריחות און אלערליי מראות
אין דער וועלט...

רריקט עס צום הארץ

קינדעניו! קינדעניו!

רבי נחמן, נפתלי און אָדעל בלייבן שטיין אַפּגעזונדערט פון דעם עולם

ר ב י נ ח מ ן

צו ר׳ נפתלין

און וועסטו אויך קאָנען דאָס קינד ליב האָבן, נפתלעלע?... זאָג דאָס אין צייט...

ר׳ נ פ ת ל י

איך ווייס נישט...

לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ

ר ב י נ ח מ ן

מיט א דערשלאָגן געמיט

יאָ, דו זאָגסט דעם אמת, נפתלי... דו ווייסט נישט...

צו אָדלען

און וואָס זאָגסטו, אָדעלע?...

אָ ד ע ל

מיט פעסטקייט

איך און מיין קינד וועגען איינס...

נעמט דאָס קינד אין טוליעט עס צו זיך

קינד מיינס!... קינד מיינס!...

ר ב י נ ח מ ן

הערסט, נפתלי, ס׳איז אָדעלס קינד. זי און דאָס קינד וועגען איינס...

רעדנדיק צו זיך, אוועקגייענדיק פון זיי

אַך, גאָטעניו! גאָטעניו!
איך וויל זיין מיט דיר אליין,
גאָטעניו! גאָטעניו!...

ר׳ נ ת ן

צום עולם

דער רבי וויל זיין אליין!

אַליין!

אַליין!

חסידים

אַליין!...

אַלע, אַ חוּץ רבי נחמן, גייען אָפּ

רבי נחמן

גייט אַרום איבער דעם חדר, אַ דערשלאָגענער. עפּנט אויף ספרים און פאַרמאַכט זיי. דאַן זעצט ער זיך אַוועק אַ צוזאַמענגעבראָכענער ביי דעם טיש

אוי, גאָטעניו, פאָטער, דו, וועלכער האָסט אַריינגעגעבן די אהבה אין אַלע דיינע ברואים, כדי די וועלט זאָל אויך אַ קיום האָבן, גיב אויך אַריין אהבה אין הארץ פון נפתלין צו אָדעלעס קינד!... אהבה, גאָטעניו!... אהבה רבה!... ליבשאַפט! ליבשאַפט, אוי ליבשאַפט, גאָטעניו!...

פאָרהאַנג

ד אָ ס פ ע ר ט ע ח ל ק

דער זאַהיקע=בעטלער

פרייטיק-צו=נאַכטס נאָכן עסן. רבי נחמן, ר׳ נתן און די אנדע־ע
חסידים זיצן ביים טיש. די שטימונג איז א געדריקטע

ר ב י נ ח מ ן

צום משמש

גיי, גיב א קוק, וואָס דאָס קינד מאַכט.

זיפצט

אוי, גאָטעניו, גאָטעניו, באַרמהאַרציקער טאַטעניו !...

ס׳לויפט אריין אָדעל און פאַלט צו צום רבין

ר ב י נ ח מ ן

מיט שרעק

וואָס איז, אָדעלע ?...

נעמט זי ארום

אָ ד ע ל

טאַטעניו, טאַטעניו ! דאָס קינד איז פאַרביי !
ס׳האַלט די אייגעלעך צו! ס׳האָט היץ, טאַטעניו! איך האָב מורא!...

וויינט

בעט גאָט, טאַטעניו, ער זאָל מיר כאָטש שענקען אָט דאָס קינד.

ניט אויף גיך אַפּ אין אַנדערן חדר

ר ב י נ ח מ ן

בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ און אַ טיפער קרעכץ רייסט זיך אַרויס פון זיין האַרץ

גאָטעניו ! גאָטעניו !

ס'קומט אַריין ר' נפתלי פון אַנדערן חדר

ר ב י נ ח מ ן

הייבט אויף דעם קאָפּ, צו נפתלין

ביסט געווען אין חדר ביים קינד, נפתלי ?...

ר' נ פ ת ל י

זעצט זיך ביים טיש מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און שווער געמט

אוי, רביניו !... רביניו !...

ר ב י נ ח מ ן

נפתלעלע !... נפתלעלע !...

ר' נ פ ת ל י

מיין האַרץ, מיין האַרץ, רביניו...

ר ב י נ ח מ ן

צו ר' נתנען

אוי, די יסורים, די יסורים.
ווען נישט דער שבת-קודש,
וואָלט איך איצט מיט די ציין
אַ שייט האָלץ איבערגעבראָכן...
איך וואָלט וועלטן איינגעלייגט
און דין-וחשבון פאַרלאַנגט

פון דעם „בעל-הרחמים“,
וואָס זיצט אויף דער שטול פון דין...
און משפט מיך מיט מיין טאָכטער...

טאָן-ענדערונג

און שרייען, שרייט יעדער מענטש
צו גאָט.
פון דער טיפעניש רופט די נשמה,
ווען זי ווערט צום תהום געשלעפט...
ס'קאָכט און צאָרנט אַ ווילדער ים,
אינד ארויף, אינד אראָפּ,
און אַ מענטשעלע אויף זיי...
ס'שיינט די זון, ס'פארגייט די זון
און דער ים — ער בלייבט נישט שטיל...
ס'רייסט דער תהום זיך צו דעם הימל
און ווערט פארשלונגען צוריק אין זיך...

נאָכדענקענדיק

און אין גרויס סכנה איז דער מענטש, ווי איטלעכער ווייסט פין זיך אליין...

הייבט זיך האַסטיק אויף פון דעם פלאַץ, גייט ארום גיך איבערן חדר הין און הער. שטעלט זיך אָפּ און הייבט אויף די אויגן ארויף

אוי, גאָטעניו! אוי, גאָטעניו! האָב רחמנות אויף מיין טאָכטער'ס קינדעניו! ס'איז דאָך פאר איר נישט געבליבן אין דער וועלט קיין זאַך, אַ הויז דאָס קינד!... אוי, טאַטעניו פאָטער! רחמים, גאָטעניו, רחמים!... עפנט זיך אויף אלע טויערן פון רחמים!...

ח ס י ד י ם

ציען זיך צו אים

רבּיניו!... אוי, רבּיניו!...

ר ב י נ ח מ ן

קו:ט אויף גיך צו צום טיש און זעצט זיך אוועק

טאָן-ענדערונג

וואו האַלטן מיר אין דער מעשה?...

ר׳ נ ת ן

מיט אימה

ביי דער מעשה פון דעם דריטן טאָג.

ר ב י נ ח מ ן

אויף דעם דריטן טאָג האָבן זיך חתן-כלה ווידער דערמאָנט און געוויינט און געבענקט: וואו נעמט מען דעם דריטן בעטלער, וואָס איז געווען אַ כבד-פה?...

לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ אין די הענט

פאַרוואַנדלונג. גרוב. בעטלער. חתן-כלה. זיי שפּילן אויף פּייפלעך און טאַנצן

כ ל ה

וואו נעמט מען דאָ דעם זאַהיקעוואַטע בעטלער, וואָס האָט אונז געבראַכט ברויט אין וואַלד?

ח ת ן

ווען ניט דער זאַהיקעוואַטע בעטלער וואָלטן מיר דאָך געווען פון הונגער אויסגעגאַנגען אויפן דריטן טאָג...

ס׳קומט אַן דער דריטער בעטלער מיט זיינע טאָרבעס

ז א ה י ק ע - ב ע ט ל ע ר

אי--ך בי--ן דאָ, קינד--ער--לעך.

האַלזט זיי און קושט זיי

ח ת ן - כ ל ה

טאַנצן אַרום אים און זינגען

זאַהיקע-בעטלער, גוטער מענטש,

האָסט געגעבן אונז דיין ברויט,
זאַהיקע־בעטלער, גוטער מענטש,
האָסט אונז געראַטעוועט פון טויט.

ז אַ ה י ק ע ־ ב ע ט ל ע ר

ספּרריעער האָאָב אי—יך איך געעבבענטששט, אזוז איר זזאָללט זזיין אַא—זזוי ‏'זי איך. אָבבעערר הייגט גיב—בב איך אייך דאָאָס פּאַ—רר דר—ששש־ה געע־שאַאַנ—קק...

כ ל ה

מוחל, פעטער...

ז אַ ה י ק ע ־ ב ע ט ל ע ר

אי—רר מיי—נגטט דאָאַ—ך, אַ־ זזז איך בין אַ זאַ—היקקעע־וואַטטע.

ח ת ן

גאָר וואָס דען?

ז אַ ה י ק ע ־ ב ע ט ל ע ר

גאָאַ—רר וואָאָ—סס דד—עען? נגאָאַ—רר די דבבו—רים פון דדערר וועל—טט, וואָאָס זעעגגע—ן ני—שטט קקיי—ן שבב—חח צום רבו—ונו שש—לל עו—ולל—ם, האָאַ־בבן קיין ששללימו—ת ני—שט...

פּיצצ—ללעען און ברעעעק—לעך זעענעע—ן זיי
פון דעע—ם דדדבבו—ר דדעע—ם אממ—תתן...
און האָאַ—בבן קיי—ן אא—חדדות ניש—ט...
און דדעעררי—בבער האָאַ—ב איך אַ פּני—ם פון אַ כּכבבדד־פה... וואַאָ—ס קקאַאָן ני—שט ררעדדן...

הייבט אָן צו רעדן ריכטיק

אין אמתן אָבער בין איך גאָרנישט קיין כּבדי־פּה...
אדרבה, איך בין גאָר אַ מליץ און אַ רעדער זייער אַ וואוילער...
ווען איך רעד מיינע שירים און חידות,
גאָרט אַ גאַנצע וועלט זיי הערן...

ס׳ציטערט מיין קול אָפּ
אין דער נשמה,
ווי דער קלונג פון א גלעקל
אין לויטערן אויר...
און אין אַלע שירים, אַלע חידות,
וואָס איך ווייס,
קלינגען אָפּ
כל החכמות פון דער וועלט...

און איך האָב אַ הסכמה אויף דערויף פון דעם אמתן איש-חסד. . .

וואָרים איינמאָל זענען געזעסן די אַלע חכמים און יעדער האָט זיך באַרימט מיט זיין חכמה. איינער האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט אַרויסגעבראַכט אייזן אויף דער וועלט. אַן אַנדערער האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט אַרויסגעבראַכט גאָלד. האָט זיך דאָרט איינער אָנגערופן און געזאָגט: איך בין קליגער פון אייך, וואָרים איך בין קלוג ווי דער טאָג... האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט.

נאָר ס׳איז פאַראַן אויף דערויף אַ גאַנצע מעשה. וואָרים דערדאָזיקער איש-חסד איז זייער אַ גרויסער מאַן. און איך — הײַנו, דערדאָזיקער „כבדי-פה”, וואָס דערציייל דאָס אַלץ, גיי אַרום און נעם צונויף די אַלע חסדים פון דעם אמת... און ברענג צום דאָזיקן איש-חסד...

מיט דביקות

און ס׳איז פאַראַנען אַ באַרג.
און אויפן באַרג שטייט אַ שטיין.
און פונעם שטיין גייט אַרויס אַ קוואַל...
און איטלעכע זאַך האָט אַ האַרץ...
און די וועלט אינגאַנצן האָט אויך אַ האַרץ...
און דאָס האַרץ פון דער וועלט האָט אַ פּנים פון אַ מענטש...
און דער קוואַל שטייט אין איין עק-וועלט...
און דאָס האַרץ — אין דעם אַנדערן עק-וועלט...

און דאָס הארץ שטייט אַנטקעגן קוואַל...
און גלוסט און בענקט תמיד...
ס'זאָל צוקומען צו אים...

ברומט אונטער אַן אומעטיק ניגונדל

פאַרוואַנדלונג. אַ קוואַל אויף אַ באַרג אין געשטאַלט פון אַ פרוי. אַנטקעגן אויף דער אַנדערער זייט שטייט אַ געשטאַלט פון אַ מאַן, צווישן די צווייגן פון אַ בוים. ס'איז בין־השמשות. צוויטשעריי פון פייגעלעך

ה אַ ר ץ

רופט

קוואַל! קוואַל!

ק וו אַ ל

ענטפערט

הארץ!... הארץ!...

ה אַ ר ץ

מיין הארץ גייט אויס נאָך דיר!...

ק וו אַ ל

אויך מיין הארץ גאָך דיר!...

ה אַ ר ץ

די זון גליט מיך און איך גלוסט צו דיר!...

ק וו אַ ל

הארץ!... הארץ!...

ה אַ ר ץ

העכער

באַגוואַלט! כ'וויל צום קוואַל!...

ק ו א ל

העכער

נאַגוואַלט ! כ׳וויל צום האַרץ !...

ה אַ ר ץ

איך גיי אויס !...

ק ו אַ ל

אַז דאָס האַרץ זאָל אויסגיין, וואָלט די גאַנצע וועלט חרוב געוואָרן...

ה אַ ר ץ

נאַגוואַלט !... נאַגוואַלט !...

ק ו אַ ל

שטאַרק זיך, האַרץ !...

ה אַ ר ץ

ווי אַזוי ?

ק ו אַ ל

דו האָסט דאָך אין זיך דאָס חיות פון איטלעכער זאַך...

ה אַ ר ץ

און מער כלות־הנפש פון איטלעכער זאַך...

ק ו אַ ל

און ווי קאָן די וועלט אַ קיום האָבן אָן דעם האַרץ ?...

ה אַ ר ץ

רייסט זיך און שטייט אויף איין אָרט

צום קוואַל !... צום קוואַל !...

ק ו אַ ל

ווי אַזוי קאָנסטו צוקומען צו מיר ?... כ׳לעב דאָך נישט אין קיין צייט... כ׳בין דאָך אויסער דער צייט פון דער וועלט...

ה א ר ץ

וואָס זאָל איך טון, אַז דו זאָלסט זיין אין חלל פון דער צייט?...

ק וו א ל

שענק מיר אַ טאָג!...

ס'ווערט טונקעלער

ה א ר ץ

דער טאָג איז פאַרביי.

ביידע זינגען

טאָג! טאָג! טאָג!
פרייד, צער און פּלאָג.
דאָס גאַנצע לעבן
איז איין טאָג!...
ס'שוועבן זיך וועבן
אונזער לעבן
אין די תחומען
פונם טאָג...

ה א ר ץ

ס'זינקט דער לעצטער שטראַל...

ק וו א ל

יאָג אים נאָך... פאַנג אים פאַר מיר...

ה א ר ץ

ער איז שוין מער נישטאָ...

ק וו א ל

טאָ גיב מיר דעם מאָרגן...

ה א ר ץ

ווי אַזוי?...

ק ו א ל

טייל אים אָפּ פון זיך...

ה א ר ץ

איך האָב אויף אים קיין שליטה נישט...

ק ו א ל

ווער דען ?...

ה א ר ץ

דער איש-חסד...

ק ו א ל

טאָ רוף צו אים!...

ה א ר ץ

רופט

איש-חסד !... גנאָד פון דער וועלט !...

ס'קומט אָן דער איש-חסד אין געשטאַלט פון א גרייז-גרויען מאַן

א י ש - ח ס ד

בין איך דאָ, הארץ.

ה א ר ץ

איש-חסד ! גנאָד פון דער וועלט ! דו האָסט דאָך השגחה אויף דער צייט...

א י ש - ח ס ד

און דו ביסט דאָך א קינד פון דער צייט...

ה א ר ץ

שענק מיר דעם מאָרגן...

א י ש - ח ס ד

ווייזט אים אויפן ראַנד פון דעם הימל

אָט האָסטו דעם מאָרגן !... ער הייבט זיך אָן מיטן סוף פון דעם היינט...

ה א ר ץ

צום קוואַל

אָט האָסטו דעם טאָג...

ק ו א ל

מיט פ ייד

און אָט באַוועג איך זיך שוין אין דעם חלל פון דער צייט...

ה א ר ץ

צוזאַמען מיט אַלע גלגלים...

ק ו א ל

אין דעם גלגל פון דעם טאָג..

ס'הערן זיך געזאַנגען

ק ו א ל

קום צו מיר, הארץ ! איך בין שוין גלייך צו דיר !...

ה א ר ץ

פון צווייטן ברעג לעבן טראָג איך זיך צו דיר...

ק ו א ל

וועסט פון מיינע וואַסערן טרינקען...

ה א ר ץ

לאָזט זיך גיין צום קוואַל און בלייבט שטיין

גיין, איך קאָן נאָר בענקען און גלוסטן צו דיר...

ק ו א ל

און דיין דורשט ?..

ה א ר ץ

קאָן איך קיינמאָל נישט שטילן...

ק ו א ל

פאַרוואָס?

ה א ר ץ

ווייל איך וויל אייביק בענקען...

ק ו א ל

רופט

איש-חסד! איש-חסד!

ס'קומט ווידער אָן דער איש-חסד

א י ש - ח ס ד

האָסט מיך גערופן, קוואַל?

ק ו א ל

האָסט געגעבן דעם מאָרגן צו דעם הארץ — — און דאָס הארץ האָט געגעבן דעם מאָרגן צו מיר...

א י ש - ח ס ד

און וואָס איז ווייטער דיין באַגער?

ק ו א ל

גיב מיר אויך דאָס הארץ...

א י ש - ח ס ד

צום הארץ

גיי, הארץ, צו דיין קוואַל...

הארץ גייט צו צום קוואַל

ק ו א ל

בייג זיך איבער מיר, הארץ, און טרינק פון מיר...

ה א ר ץ

איך וויל נאָר בענקען און גלוסטן...

ק וו א ל

מיט באפעל

בייג זיך איבער מיר!...

הארץ בייגט זיך נישט

א י ש - ח ס ד

צום הארץ

וועסט דיין בענקעניש און גלוסטעניש סיי-ווי קיינמאָל נישט שטילן. . .

ק וו א ל

בייג זיך איבער מיר!...

א י ש - ח ס ד

צום הארץ

בייג זיך איבער דעם קוואל!... די וועלט מוז א קיום האָבן!...

הארץ בייגט זיך איבער דעם קוואל. בעמיש פון געזאנגען

ק וו א ל א ו ן ה א ר ץ

ס'טוט זיך וועבן
אונזער לעבן
אין די תחומען פון דעם טאָג!...

פארוואנדלונג. דער רבי זיצט ביים טיש. דער פריערדיקער סדר

ר ב י נ ח מ ן

און ווען דער דריטער בעטלער, דער כבד-פה, האָט זיין מעשה דערציילט פאר די חתן-כלה, האָט ער צו זיי געזאָגט, אז ער איז קליגער אפילו פון דעם חכם, וואָס האָט זיך באַרימט, אז ער איז „קלוג ווי דער טאָג". וואָרים נאָר די צייט מיט די טעג ווערן דאָך

נאָר דורך אים — היינו, דורך דעם כבד־פּה, וועלכער נעמט צונויף
די אמתע חסדים, וואָס פון זיי ווערט די צייט...
וואָרים,
ס׳גלוסט דאָס הארץ פון דער וועלט צו זיין מקור צוקומען...
וויל זיך צו זיין סאַמע מקור דערגרונטעווען...
מיט כלות־הנפש
גלוסט איינער צום צווייטן...
און
ער אין איר
און
זי אין אים
זוכן דעם אָנהייב פון דעם זיין...
יעדער טאָג
מיט זיין שירה קומט,
זינגט זיין שיר־היחוד אויס...
צעפּאַלט אין ליכט זיך און אין שאָטן...
צו באַלייכטן די כוונה...
און פאַרשלייערן דעם סוד...
ס׳פאַרנעמט דער הימל.
ס׳הערט די ערד.
ס׳קיועלט דער קוואַל.
ס׳לאַכט דער טייך.
ס׳רוישט דער בוים.
ס׳זינגט דאָס פעלד.
און דער איש־חסד גיט אַ טאָג צום הארץ...
און ס׳גיט דאָס האַרץ צו דעם קוואַל דעם טאָג,
ס׳זאָל די וועלט אַ קיום האָבן...
צעציטערט
ווערט דער ניגון פון דער וועלט
אין
רגעס,
שעהן,

טעג,
וואָכן,
חדשים,
יאָרן,
תקופות...
און צו זיין שורש קערט זיך אום
פון דער וועלט דאָס הארץ...
נמצא, האָט ער געזאָגט, האָב איך א הסכמה פון דעם אמתן איש-חסד, אַז איך קאָן זאָגן חידות און שירים, וואָס אין זיי זענען דאָ אַלע חכמות — און אַצינד שענק איך אייך אָט דאָס, במתּנה גמורה, דרשה-געשאַנק, אַז איר זאָלט זיין אַזוי ווי איך... איז דאָרטן געוואָרן א גרויסע שמחה און זיי האָבן א הוליע געטון...

רבי נחמן כאַפּט זיך אויף מיט האַסט פון פּלאַץ. ער גייט אַפּ פון טיש און א טיפער קרעכץ רייסט זיך ארויס פון זיין הארץ. אַן אימהדיקע שטימונג. חסידים באַוועגן זיך פאַמעלעך און ציען זיך צו אים מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס

ר ב י נ ח מ ן

אַך, גאָטעניו! גאָטעניו! באַרמהאַרציקער פאָטער! פאַרנעם דעם צער פון מיין טאָכטער אַדעל און שיק א רפואה צו איר קינד! די טויערן פון רחמים עפן, גאָטעניו! די טויערן פון רחמים!...

גייט אריין אויף גיך אין צווייטן חדר. אַלע קוקן אויף אים מיט צער, ווען ער גייט אַפּ

ר׳ נפתלי לאָזט זיך גיין צו דער טיר פון דעם חדר, עס קומט צו אים צו ר׳ נתן

ר׳ נ ת ן

דו גייסט זען וואָס ס׳מאַכט דאָס קינד, נפתלי?...

ר׳ נ פ ת ל י

יאָ, נתן... ס׳גייט אויס מיין הארץ פון צער צו אַדלען...

אַפּ אין צווייטן חדר

ר׳ נתן

צוקומענדיק צום עולם

יאָ, ס׳גלוסט דאָס הארץ צוצוקומען צו זיין מקור. דער עיקר חיות און קיום פון דער וועלט קומט נאָר פון דער אייביקער בענקשאַפט...

רבי נחמן קומט אויף ביך ארײַן, זעצט זיך בײַם טיש און וואַשט זיך מים-אחרונים

רבי נחמן

רבותי, מיר ווען בענטשן.

עולם

יהי שם ה׳ מבורך מעתה ועד עולם.

רבי נחמן

ברשות מרנן ורבנן — — — — — — —

פאָרהאַנג

ד אָ ס פֿ י נ פֿ ט ע ח ל ק

דער בעטלער מיטן קרומען האַלז

דער זעלבער סדר, ווי צום סוף פון פערטן חלק. דער עולם פאַר־
ענדיקט דאָס בענטשן

ר ב י נ ח מ ן

הרחמן הוא יזכנו וירחמנו ויקרבנו לימות המשיח — —

מורמלט אין דער שטיל און פאַרענדיקט אין דער הייך

נער הייתי גם זקנתי ולא ראיתי צדיק נעזב וזרעו מבקש לחם. ה׳ יברך את עמו בשלום.

ר בּ י נ ח מ ן

נאָך אַ לענגערער פּאַרטיפונג

אַז חתן־כּלה האָבן גומר געווען די שמחה פון דעם דריטן טאָג און דאָרטן איבערגעזעצטיקט, האָבן זיי אינדערפרי זיך ווידער דערמאָנט און געבענקט נאָך דעם בעטלער, וואָס האָט געהאַט אַ קרומען האַלז.

פאַרוואַנדלונג. גרוב. בעטלער. חתן־כּלה. געזאַנג און שפּיל אויף פייפעלעך

כ ל ה

וואו נעמט מען צו אונזער שמחה דעם בעטלער מיטן קרומען האלז?

ח ת ן

ער האָט דאָך אונז מחיה געווען מיט זיין ברויט אויפן פערטן טאָג אין וואַלד.

כ ל ה

גוטער בעטלער מיטן קרומען האלז!

ח ת ן

גוטער בעטלער מיטן קרומען האלז!

ב יי ד ע

קום צו אונז אויף אונזער שמחה!

ס'קומט אָן דער בעטלער מיטן קרומען האַלז, מיט זיינע טאַר־עס

ב ע ט ל ע ר

אָט בין איך דאָ, קינדער...

ח ת ן ־ כ ל ה

רינגלען אים ארום, קושן אים, טאַנצן און זינגען

קרומער בעטלער, גוטער מענטש,
געגעבן האָסטו אונז דיין ברויט.
קרומער בעטלער, גוטער מענטש,
האָסט אונז געראַטעוועט פון טויט.

ב ע ט ל ע ר

פריער האָב איך אייך געבענטשט, איר זאָלט זיין אַזוי ווי איך. היינט שענק איך אייך דאָס פּאָר דרשה־געשאַנק...

חתן־כלה קוקן זיך איבער מיט אַ שמייכל

כ ל ה

צום חתן

ווי וואָלסטו אויסגעקוקט ביי מיר מיט אַ קרומען האַלדז?

ח ת ן

צו דער כּלה

ווי דו ביי מיר.

כ ל ה

און ס'וואָלט געווען נישט גוט
זיך צו קושן...

ב ד ח ן

צום בעטלער

מוחל, מוחל דיין מתּנה,
גוטער מענטש.

ב ע ט ל ע ר

און איר מיינט דאָך, אַז איך האָב אַ קרומען האַלדז?

ח ת ן - כ ל ה

מיר זעען דאָך.

ב ע ט ל ע ר

מיין האַלדז איז גאָרנישט קרום...

קרומט אויס דעם האַלדז נאָך ערגער

אדרבה, אַ האַלדז האָב איך גאָר אַ שיינעם און אַ גלייכן...

כ ל ה

מיט חווק

ווי אַ שיינער קוימען.

ח ת ן

ווי דעם פּריצס טורעם.

ב ע ט ל ע ר

נאָר וואָס דען...

ח ת ן - כ ל ה

מיט שפּאַס

נאָר וואָס דען?

ב ע ט ל ע ר

די נאַרישקייטן פון דער וועלט
זענען זייער פיל:
קרום איך אויס מיין האַלז
צו זיי...
צום אמת אָבער
האָב איך נאָר
אַ האַלז אַ וואוילן און אַ שיינעם.

גלייכט אויס דעם האַלז

און אַ קול, אַ זייער ריינעם,
וואָס נאָכמאַכן קאָן איטלעך קול,
— אַ קול אָן אַ דבור...
און די הסכּמה דערויף האָב איך פון יענער מדינה פון מוזיקאַ.
וואָרים ס'איז פאַראַן אַ מדינה, וואו אַלע זענען עוסק אין דער חכמה
פון מוזיקאַ:
אַלע שפּילן,
אַלע זינגען,
און אפילו קינדער אין די וויגן.
איינמאָל זענען געזעסן די חכמים פון יענער מדינה און איטלעכער
האָט זיך באַרימט מיט זיין חכמה אין מוזיקאַ:
איינער, מיט צימבלען דעם צימבל,
איינער, מיט בלאָזן די פלייט,
איינער, מיט שפּילן די פידל
און איינער — מיט קאָנטראַ-באַס.

אַן אַנדערער האָט זיך באַרימט, אַז ער קאָן מאַכן מיט זיין קול
פּונקט ווי אַ פּויק:

בום — בום — בום — בום.

און נאָך איינער האָט זיך באַרימט, אַז ער קאָן מאַכן זיין קול ווי
מ׳שיסט פון האַרמאַטן:

פּו — פּו — פּו פּו.

האָב איך מיך אָנגערופן און געזאָגט צו זיי:
מיין קול איז בעסער פון אייערע קולות.
והא־ראיה:
אויב איר זענט יאָ
אַזוינע חכמים, גרויסע, אין חכמת־המוזיקא,
העלפט־זשע יענע צוויי מדינות.
וואָרים צוויי מדינות זענען פאַראַן
ווייט אויף טויזנט מייל
פון איינער צו דער צווייטער.
און ווען ס׳קומט דאָרט אָן די נאַכט,
ברעכט אַ קול־יללה אויס...
מאַנען שרייען,
ווייבער קלאָגן,
קינדער וויינען.
בכן, אויב איר זענט יאָ אַזוינע גרויסע חכמים אין מוזיקא, לאָמיר
זען, אויב איר קאָנט העלפן יענע צוויי מדינות...
האָבן זיי געזאָגט צו מיר:
קאָנסט אונז אַהין פירן?
האָב איך געזאָגט:
יאָ...

איך פיר אייך אַהין...
זענען מיר געגאַנגען און געגאַנגען.
און ווען מיר זענען אָנגעקומען אין איינער פון יענע צוויי מדינות,
איז צוגעפאַלן די נאַכט.

פאַרוואַנדלונג: נאַכט. אין דער מדינה פון יללה. אַ געשריי, אַ

קלאָג און אַ געוויין. ס'קומען אָן די חכמים פון מוזיקאַ מיט דעם
בעטלער. זיי טראָגן זייערע כלי־שיר.

מאַן

שרייט

וואו איז מיין ווייב? וואו איז מיין ווייב?
ווער האָט אַוועקגערויבט מיין ווייב
פון מיין בעט?

פרוי

קלאָגט

ווי איז מיר! ווי איז מיר!
מיין מאַן איז מער נישט טריי צו מיר.
מיין חברטע האָט אים פאַרכישופט,
איז מיט איר אַנטלאָפן
פון דער מדינה.

מוטער

יאָמערט

מיין איינציק קינד! מיין איינציק קינד!
גאָט! גאָט!
זע מיין טרער
און שיק נישט מער
קיין פורעניות אָן אויף מיר...

משוגענער

מרוקעט

אוה—אוה—או—או.
די שטיינער וויינען
אוי, אוי, אוי,
טרערן גיסן פון די שטיינער...
ס'זעט נישט קיינער,
נאָר איך אליין...
כאַפּט אַ שטיין

דו וויינסט, שטיין...
איך זיין אויך.
אוה—אוה—או—או,
בו—בו—בו.

ב ע ט ל ע ר

צו די שפּילער

אָט דאָ זענען מיר אין דער מדינה פון יללה...

ע ר ש ט ע ר ש פּ י ל ע ר

מיין געמיט איז דערשלאָגן...

צ ו ו י י ט ע ר ש פּ י ל ע ר

ס׳קלעמט מיין האַרץ...

ד ר י ט ע ר ש פּ י ל ע ר

ס׳רייסן טרערן זיך ביי מיר...

ע ר ש ט ע ר ש פּ י ל ע ר

אויף מיין טרומייט, איכל שפּילן
טרו—טו, טרו—טו,
ס׳וועלן קאָכן די געבלוטן.
א וויכער־ווינט וועט די נשמה
דרייען, וואַרפן
הין און הער,
אַראָפּ, אַרויף
פון סוף ביז סוף...
טרו—טו, טרו—טו,

ער דרייבט אַן בראָזן, אָבער ס׳קומען אַרויס צעבראָכענע קולות

ע ר ש ט ע ר ש פּ י ל ע ר

ווי, ווי, מיין טרומייט שאַלט נישט מער...

צ ווי י ט ע ר   ש פ י ל ע ר

אויף מיין הייפל איך׳ל שפילן
הי—הי—הא—הא.
ס׳וועט די גליוסטעניש זיך וועקן
בענקשאפט וועט אין דער נשמה
גיסן,
פליסן
און די הארטקייט וועט צעגיין...
הי—הי—הא—הא.

ע׳ בלאזט אין דעם פייפל, אבער די קולות קומען ארויס צעבראכן

צ ווי י ט ע ר   ש פ י ל ע ר

ווי, ווי, מיין פייפל איז קאליע געווארן...

ד ר י ט ע ר   ש פ י ל ע ר

אויף מיין פידל איך׳ל שפילן
ווי—ווי—וואַ—וואַ.
ס׳וועט די ליבשאפט קוועלן...
מתיקות וועט אין דער נשמה
די ביטערקייט
פארזיסן,
און פארצוקערן דאס לעבן...
ווי—ווי—וואַ—וואַ.

ער הייבט אן שפילן און ס׳פּלאצט א סטרונע

ד ר י ט ע ר   ש פ י ל ע ר

ווי, ווי, א סטרונע האט אין מיין פידל געפּלאצט...

מ ו ט ע ר

היסטעריש

ווי, ווי, מיין קינד גייט אויס!...

מ ש ו ג ע נ ע ר

אוה—אוה—או—אוי.
ס'ווייגט א שטיין...
איך אליין
הער זיין געוויין...

ס'הערט שטיל און מרה־שחורהדיק. ס'הערט זיך א טרויעריק פישטשען פון א פויגל

ב ע ט ל ע ר

צו די שפילער

איר זעט, אז איר קאנט זיי גישט העלפן. זאגט מיר על כל פנים, פונואנען קומט דאס קול יללה, וואס מען הערט דא?

ע ר ש ט ע ר ש פ י ל ע ר

דו ווייסט?

ב ע ט ל ע ר

אוודאי.

ווייזט אן אויף א נעסט פון א פויגל, פונוואנען ס'הערט זיך דאס טרויעריקע פישטשען

פון אט דער נעסט קומט די יללה און פארשפרייט זיך איבער דער מדינה... ווארים ס'זענען צוויי פייגל פאראן,
אן „ער" און א „זי",
איין פאר נאר אויף דער וועלט...
פארפאלן איז די „זי" געווארן,
פליט דער „ער" ארום
און זוכט זי...
און די „זי"
זוכט אויך דעם „ער"...
געזוכט, געזוכט
האבן זיי זיך
ביז געווארן זענען זיי

פארבלאָנדזשעט.
געקלאָגט, געוויינט האָבן זיי
און מיט הערצלעך פארקלעמטע
געבליבן שטיין זענען זיי,
נעסטעלעך פאר זיך געמאַכט...
אין איין מדינה,
אַ נעסט — דער „ער".
אין איין מדינה,
אַ נעסט — די „זי"...
און ווען די זון פארגייט
און די נאַכט פאַלט אָן,
קלאָגט דאָס פאָרל
מיט אַ קלאָג
אין איין מדינה
און אין דער צווייטער...
ס'קלאָגט דער זיווג אויפן שטח,
וואָס שיידט אָפּ איינעם פון דעם צווייטן
און קאָנען זיך נישט זיין מזווג...
און דער צער פון דעם „ער"
און די יסורים פון דער „זי"
פארשפרייטן זיך אויף דעם שטח
פון איינעם צו דעם צווייטן...
און ס'קלאָגט דער גאַנצער שטח
אויף דעם צעשיידטן זיווג...

ע ר ש ט ע ר   ש פּ י ל ע ר

קאָנסטו דאָס פארריכטן ?

ב ע ט ל ע ר

יאָ...
אַלע קולות מאַך איך נאָך...
מיין קול איז כולל

אַלע קולות...
איך קאָן קולות ווארפן
פון איין עק פון דער וועלט
ביז דעם צווייטן...
איך קאָן פארנעמען קולות
פון דער גאָרער ווייט...
יעדעס קול איז מיר מודיע
זיין טיפן צער...
בין איך פול מיטן צער
פון אַלע ברואים פון דער וועלט...
איך קאָן ווארפן
פון דער „זי" דאָס קול
צו דעם „ער"
און פון דעם „ער"
צו דער „זי"...
און מזווג זיין דעם זיווג...

ש פּ י ל ע ר

טו דאָס און פאַרריכט די מדינה.

ב ע ט ל ע ר

(פּישטשעט ווי א פויגל פאַ א ל־ענגערער צייט אין א געווי־
סער זייט)

דאָס האָב איך פון דער „זי"
דאָס קול געוואָרפן צו דעם „ער",
געלאָזט אים וויסן
פון איר צער...

ש פּ י ל ע ר

ווער וועט ווארפן דאָס קול פון דעם „ער" צו דער „זי"?

ב ע ט ל ע ר

איך...

ש פ י ל ע ר

ס'איז דאָך אַזוי ווייט פון איין מדינה צו דער צווייטער?

ב ע ט ל ע ר

דער שטח פון דער וועלט
האָט קיין באַטרעף ביי מיר.
דאָרטן, וואו איך שטיי,
איז דער מיט פון מיין וועלט...

בעטלער פאַרשווינדט אויף א ווײַלע. ער פישטשעט ווי א פויגל צו דער זייט פון די שפּילער. ער באַווייזט זיך באַלד צוריק

ב ע ט ל ע ר

געפונען האָט זיך דער זיווג...
ס'פליט שוין איינער צום צווייטן...
באַגעגענען וועט זיך
גאַרונג מיט גאַרונג...
מצומצם וועט ווערן דער שטח...
עפענען וועט זיך דער מקור...
און געניסן וועט תענוג פון תענוג...

ס'הייבט אָן צו שאַרייען אויף טאָג. פייגל פליען איינער צום צווייטן. מענטשן כאַפּן זיך אויף מיט געזאַנג און מיט פרייד. ס'מעקען בהמות. א פאַסטוך שפּילט אויף זיין פייפל. א האָרן בלאָזט

מ א ן

לויפט אריין מיט פרייד און כאַפּט זיך ארום מיט דער פרוי, וואָס קומט אָן

זי האָט מיר א כישוף אָפּגעטון,
די אויגן פאַרבלענדט.
האָט דאָס האַרץ געקלעמט.
שיער נישט אויסגעגאַנגען פון פאַרדראָס
און פון מרה־שחורה...

האָב איך פון כישוף זיך באַפרייט,
בין צוריק אוועק צו דיר.
זיי מיר מוחל, ליב ווייב,
און לאָמיר פריילעך זיין צוריק...

פ ר ו י

כ׳בין דיר מוחל, ליבער מאַן.

קושן זיך

ס׳קומט צו לויפן א פרוי און כאַפט זיך ארום מיט א מאַן, וואָס קומט איר אַנטקעגן

פ ר ו י

צום מאַן

איך שווער דיר, ליבער מאַן:
איך בין ריין פון זינד!
ס׳האָט זיך מיר געדאַכט,
גליקלעך בין איך נישט...
ס׳האָט גערופן מיך די זינד,
האָט געצויגן און געריסן,
מיין הארץ אָבער האָט געקלעמט...
איך האָב געוויינט.
איך האָב געשריגן.
האָב זיך געראַטעוועט פון זינד.
איצט בין איך דאָ, צוריק ביי דיר.
איך וויל גליקלעך זיין...
איך וויל פריילעך זיין...

מ אַ ן

כ׳בין דיר מוחל, ליב ווייב.

קושן זיך

מ ו ט ע ר

כ׳דאַנק דיר, גאָטעניו, אַצינד!

האָסט געשענקט דאָס לעבן פון מיין קינד.
אַ רפואה אים האָסטו געשיקט,
געמאַכט גליקלעך אַ געפּלאָגטע מאַמע...

מ ש ו ג ע נ ע ר

כ'ווייס נישט וואָס ס'איז געווען מיט מיר.
כ'בין צוריק ביים פאַרשטאַנד,
ווי אַלע מענטשן גאָר...
איך וויל לאַכן, איך וויל טאַנצן,
קושן זיך פאַר פרייד...

ב ע ט ל ע ר

צו די שפּילער

שפּילט אויס אַ ניגון, אַ פריילעכן,
לכבוד דער שמחה פון דער וועלט!...

ש פּ י ל ע ר

אונזערע כּלים זענען קאַליע...

ב ע ט ל ע ר

זיי זענען שוין פאַרריכט...

שפּילער שפּילן אויס אַ פריילעכן ניגון און דער בעטלער מאַכט נאָך מיטן מויל פאַרשידענע קולות פון פייגל, חיות, בהמות און מענטשן

ב ע ט ל ע ר

פּי, פּי, פּי,
דאָס פייגעלע האָט אַ שטיבעלע,
אַ נעסטעלע פאַר זיך
און ליובעט זיך מיטן פייגעלע,
פּי, פּי, פּי.

פאַרוואַנדלונג. דער רבי זיצט ביים טיש. דער פריערדי־קער סדר

ר ב י נ ח מ ן

און ווען דער בעטלער מיטן קרומען האלז האט זיין מעשה פאר־ענדיקט, האט ער צו די חתן־כלה אזוי געזאגט:
במצא, אז איך האב א הסכמה פון יענער מדינה פון מוזיקא, אז איך האב זייער א וואויל קול און קאן נאכמאכן אלע קולות פון דער וועלט... בכן, שענק איך אייך דאס במתנה־גמורה דרשה־געשאנק...
איז דארט א גרויסע שמחה געווארן...

חסידים זיצן פארגאפט

ר ב י נ ח מ ן

אויפהייבנדיק דעם קאפ און ווענדנדיק זיך צום משמש

וואס מאכט דאס קינד?...

משמש גייט אפ אין צווייטן חדר. באלד לויפט אריין אדעל מיט פרייד. נאך איר קומט אריין ר׳ נפתלי מיט א שטראלנדיק פנים

א ד ע ל

צוטוליענדיק זיך צום רבין

טאטעניו, טאטעניו! ס׳האט שוין די אייגעלעך געעפנט.
ס׳האט שוין א לאך געטון.
ס׳וועט שוין שוין אם־ירצה־השם געזונט ווערן.

ארונטערלאזנדיק צניעותדיק די אויגן

און נפתלי, טאטעניו...

ר ב י נ ח מ ן

אויפשטראלנדיק

וואס, טעכטערל?...

א ד ע ל

צובייגנדיק זיך צו זיין אויער און זאגנדיק אין דער שטיל

נפתלי האט דעם קינד א קוש געטון...

ר׳ נפתלי

צום רבין

יאָ, רביניו, איך האָב דאָס קינד געקושט...
איך האָב עס ליב באַקומען...

רבי נחמן

הייבט זיך אויף ראַש־ק פון פּלאַץ. ער קומט צו אין דער מיט
פון דעם חדר און הייבט אויף די הענט אין דער הייך

איך דאַנק דיר, גאָטעניו!
האָסט אויסגעהיטן מיין טאָכטער און מיך פון צער,
געשענקט איר דאָס לעבן פון קינד.
איך דאַנק דיר, גאָטעניו, פאַר דער ליבשאַפט, וואָס דו האָסט
אריינגעגעבן אין נפתּלי׳ס האַרץ צו מיין אָדעלעס קינד!...

אויסזינגענדיק

אהבה רבה, אהבתני, ה׳,
אהבה רבה!...
אהבה רבה!...

צום עולם

אם ירצה השם, עולם, וועט ביי מיר שבת־צו־נאַכטס אַ גרויסע שמחה
זיין! . . .

צופירנדיק ר׳ נפתלין צו אָדלען

דער זיווג, וואָס האָט געבענקט איינער נאָכן אַנדערן
און פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן,
האָט זיך אויסגעפונען!...

ר׳ נתן

צום עולם

לאָמיר זיך פרייען מיט דער שמחה פון אונזער רבין!...

רבי נחמן

פריילעך זאָלן מיר זיין!

הייבט אָן זינגען

יא רבון עלם ועלמיא.

קאראהאָד

ר ב י א ו ן ע ו ל ם

אנת הוא מלכא מלך מלכיא.
עובד גבורתך ותמהיא.
שפר קדמך להחויא. — — — — — —

פ אָ ר ה אַ נ ג

דאָס זעקסטע חלק

דער האָרבאַטער בעטלער

שבת־צו־נאַכטס. אין גרויסן חדר. רבי נחמן שטייט ביים טיש מיטן קינד אויף די הענט. לעבן אים שטייט אָדעל, ר׳ נפתלי און ר׳ נתן. אַ סך חסידים זענען פאַרזאַמלט. סופר פאַרענדיקט לייענען די תנאים

ס ו פ ר

והכל שריר וקיים.

צוויי עדות חתמענען זיך אויף די תנאים

ר׳ נ ת ן

צעבראכט אַ טעלער

מזל־טוב!

ח ס י ד י ם

מזל־טוב, חתן! מזל־טוב, כלה! מזל־טוב, רבי! מזל־טוב!

ר ב י

צום קינד

מזל־טוב דיר, קינדעלע!...

היינט איז דאָך אויך דיין שמחה...
פון דיין נפש די שמחה...
די כוונה פון דיין מוטער...

ער גיט איבער דאָס קינד צו אָדלען

ר ב י נ ח מ ן

צו אָדלען

נעם עס, אָדעלע, און גיב עס איבער צו נפתלין...

אָדעל גיט איבער דאָס קינד צו נפתלין

ר׳ נ פ ת ל י

קושט דאָס קינד

און תורה וועל איך דיך לערנען, קינדעלע,
די תורה פון דיין זיידן...

זיי זעצן זיך אַלע ביים טיש

ר ב י נ ח מ ן

צום עולם

ברידער מיינע, הערט אויס!
מיינע מעשיות און מיינע תורות
זענען נישט געגעבן פאַר אונז אַליין,
נאָר אויך פאַר די דורות אַלע,
וואָס וועלן קומען שפּעט נאָך אונז...

מ ט א מו׳ אדיקער התלהבות

והודעתם לבניך
ולבני בניך!...

ר׳ נ ת ן

פייערדיק

והודעתם לבניך
ולבני בניך!...

ע ו ל ם

מיט אַ ברען, אויפהייבנדיק זיך פון די פלעצער

והודעתם
ולבני בניך!...

ר ב י נ ח מ ן

יאָ, אין דעם פינפטן טאָג האָבן זיך חתן־כלה אויך משמח געווען.

הסידים זעצן זיך אויס מיט אימה. דער רבי פארטיפט זיך. אַ שטימונג פון קדושה

ר ב י נ ח מ ן

צום משמש

ברענג מיר מיין ליולקע־ציביק.

פארוואנדלונג. גרוב. חתן־כלה. בעטלער. אַ געזאנג און אַ שפילן

כ ל ה

וואו נעמט מען אַהער דעם האָרבאַטע בעטלער?

ח ת ן

ווען נישט ער, וואָלטן מיר דאָך אויפן פינפטן טאָג געווען געשטאָרבן אין וואַלד.

ב יי ד ע

רופן

האָרבאַטער בעטלער! האָרבאַטער בעטלער!

ס׳קומט אָן דער האָרבאַטער בעטלער מיט זיינע טאָרבעס

ב ע ט ל ע ר

איך בין דאָ.
געקומען בין איך צו אייך, קינדער,
אויף אייער חתונה זיך פרייען.

ער האלזט זיי און קושט זיי

ח ת ן - כ ל ה

טאנצן ארום אים און זינגען

האָרבאַטער בעטלער, גוטער מענטש,
האָסט געגעבן אונז דיין ברויט.
האָרבאַטער בעטלער, גוטער מענטש,
האָסט אונז געראַטעוועט פון טויט.

ב ע ט ל ע ר

פריער האָב איך אייך געבענטשט איר זאָלט זיין אזוי ווי איך.
היינט שענק איך אייך דאָס דרשה-געשאַנק...

כ ל ה

מיט פארוואונדערונג

אַ האָרב?

צום חתן

ווי אזוי וואָלטן מיר אויסגעזעען מיט האָרבעס?

ב ע ט ל ע ר

אזוי ווי איך...

כ ל ה

מיט שפּאַס

אזוי ווי דו?

מאַכט זיך ווי אַ האָרבאַטע. טאַנצט ארום און צעלאַכט זיך

כאַ! כאַ! כאַ!

ב ע ט ל ע ר

איך בין גאָרנישט קיין האָרבאַטער. אדרבה, איך האָב אַזוינע פּלייצעס, וואָס זענען אַ „מעוט המחזיק את המרובה“, כלומר.
אַ קליינע זאַך,
וואָס האַלט אַ סך...
מיינע פּלייצעס, דאַכט זיך,

זענען אזוי קליין,
דאָך קאָן איך
אויף זיי האַלטן
וועלטן גאַנצע....
און איך האָב אַ הסכמה אויף דערויף.
ווארים איינמאָל איז געווען אַ שמועס צווישן מענטשן, וואָס האָבן
זיך באַרימט מיט דער בחינה פון „מעוט המחזיק את המרובה".
און איך בין אויך געווען בתוכם.
האָב מיר זיך מעשיות דערציילט.

ער זעצט זיך צוזאַמען זיי. נעמט זיי ארום און גלעט זייערע קעפּ
פּאַרוואַנדלונג. אַ געזעמל מענטשן אויף אַ לײדיקן פּלאַץ.
צווישן זיי אויך דער האַרבאַסטער בעטלער. זיי זענען אויס עזעצט
אויף דער ערד

ע ר ש ט ע ר   מ ע נ ט ש

מיין מוח איז אַ „מועט המחזיק את המרובה".
אין מיין מוח טראָג איך
די הצטרכות און הנהגות,
די העוויות און די תנועות
פון מיליאָנען מענטשן...

מ ע נ ט ש ן

החחחחחח !!!...
דו ביסט נישט
און דיינע מענטשן זענען נישט...

צ ו ו י י ט ע ר   מ ע נ ט ש

איך בין אַ בעל-סוד, אַ סעקרעטאַר ביים מלך.
מיט בקשות קומען צום מלך
מענטשן כמה וכמה.
קאָן דאָך דער מלך אוודאי
זיי נישט אויסהערן אַלע.

בעם איך צונויף זייערע רייד
אין דערמער עמלעכע
און זאָג זיי איבער פאַר דעם מלך.
נמצא, אַז מיין דבור איז אין דער בחינה פון „מעוט המחזיק את המרובה".

ד ר י ט ע ר מ ע נ ט ש

איך האָב מקטרגים אויף זיך,
בעלי לשון הרע.
פאַרשווייג איך זיי,
רעד קיין שלעכטס אויף זיי...
נמצא, אַז מיין שווייגן איז אין דער בחינה פון „מעוט המחזיק את המרובה"...

ב ע ט ל ע ר

דער אמת איז, אַז איר האָט אַלע די בחינה פון „מעוט המחזיק את המרובה"...
אָבער איך בין גאָר למעלה ומעלה פון אייך אַלע...
והא ראיה:
וואָרים אַמאָל איז געווען אַ כיתה, וואָס האָט געקלערט:
באשר, איטלעכע חיה האָט איר שאָטן, וואָס נאָר אין אים דווקא וויל זי רוען...
און אַזוי אויך איטלעך עוף האָט זיך זיין צווייג, וואָס אויף אים דווקא וויל עס רוען...
איבער דעם האָט די כיתה געקלערט, אויב מ׳קאָן געפינען אַזאַ בוים, וואָס אַלע חיות זאָלן וועלן רוען אין זיין שאָטן און אויף די צווייגן פון דעם בוים זאָלן וועלן רוען אַלע עופות...

א מ ע נ ט ש

קאָן מען דען אַזאַ בוים געפינען?

ב ע ט ל ע ר

ווייזט אַן איגדערהייך

אָט דאָרט, אָט דאָרט איז יענער בוים,

וואו אָרום אים
איז דער תּענוג גאָר אָן אַ שיעור...
אַלע ברואים פון דער וועלט
זענען דאָרטן אויסגעשטעלט.
זיי שפּילן אַלע זיך באַנאַנד
און קיינער איז נישט
מזיק קיינעם...
יעדער איינער זינגט זיך דאָרט
זיין פּרק-שירה, וואָס ער ווייסט..
די בריאה קערט זיך
צו איר מקור אום
און די ברואים זענען טועם
פון דעם עץ-החיים...
וועלכער שטייט אין דער מיט
פון גן-עדן העליון...
ס'באַקומט די טבע דאָרט איר תּיקון...
פון זייער מציאות זענען זיך
די ברואים דאָרט מבטל...
ווי אין דער השתּלשלות פון וועלטן,
וואָס דער בורא האָט געבויט
און צעוואָרפן.
פאַר דעם בראשית פון עולם-הזה...

מ ע נ ט ש ן

מיר זעען נישט אָט דעם בוים.

ב ע ט ל ע ר

קלערט פון אים, וועט איר אים זען...

ס'דערשיינט אינדערהייך דער בוים. ס'הערט זיך פון דאָרט דער געברום פון אַלערליי חיות, דאָס מרוקען פון אַלערליי בהמות און דאָס פּישטשען פון אַלערליי פייגל

קול פון בוים

וואַי, וואַי, וואַי,
אַ וואָלף בין איך
און פאַרציקן טו איך נישט...

נאָך אַ קול פון בוים

מע, מע, מע.
אַ לעמעלע...

ערשטער מענטש

אַ קול פון מזרח!...

קול פון בוים

דלאַ, דלאַ, דלאַ.
אַ אָדלער בין איך,
אָבער רויבן רויב איך נישט...

נאָך אַ קול פון בוים

טס, טס, טס.
אַ טייבעלע...

צווייטער מענטש

אַ קול פון מערב!...

קול פון בוים

מיאַו, מיאַו, מיאַו.
אַ קאַץ בין איך,
אָבער לויערן לויער איך נישט...

נאָך אַ קול פון בוים

הי, הי, הי.
אַ מייזעלע...

דריטער מענטש

אַ קול פון צפון!...

ק ו ל פ ו ן ב ו י ם

וו, וו, וו.
אַ שפּין בין איך
און איך שפּין קיין טויט-געוועב...

נ אָ ך אַ ק ו ל פ ו ן ב ו י ם

זשום, זשום, זשום.
אַ זשוקעלע...

פ ע ר ט ע ר מ ע נ ט ש

אַ קול פון דרום !...

אַ ל ע ק ו ל ו ת

כל הנשמה תהלל יה הללויה !...

ע ר ש ט ע ר מ ע נ ט ש

צום מזרח !...

צ ו ו י י ט ע ר מ ע נ ט ש

צום מערב !...

ד ר י ט ע ר מ ע נ ט ש

צום צפון !...

פ ע ר ט ע ר מ ע נ ט ש

צום דרום !...

ווי שטעלן זיך אויס אין אַלע פיר זייטן. דער בוים פאַרשווינדט:

ע ר ש ט ע ר מ ע נ ט ש

ס'גייט אין מזרח אויף די זון,
באַגיסט מיט ליכט די וועלט...
ס'הייבט מיט ליכט זיך אָן דאָס לעבן...
דער רעיון צינדט זיך אָן...

צ וו ײ ט ע ר מ ע נ ט ש

שאַרף איז דאָס ליכט אין דעם מזרח,
ס'שרפעט · און בלענדט...
די כוחות זײ עפּנען זיך אויף
אין דער שקיעה פֿון דעם מערב...

ד ר י ט ע ר מ ע נ ט ש

צו דעם קאַלטן צפֿון ציט מיך,
צו דעם האַרץ פֿון דער ערד...
וואָס וואַרעמט זיך אין טיפֿע תּהומען
און איז באַדעקט מיט אײז פֿון אויבן...

פֿ ע ר ט ע ר מ ע נ ט ש

אין דרום שײַנט די זון בײַטאָג.
מיר וועלן נישט פֿאַרבלענדט
פֿון אויפֿגאַנג
און אויך נישט פֿאַרלענדט
פֿון שקיעה...

זײ קריכן זיך און לאָזן זיך גײן אין אַלע פֿיר זײַטן

ע ר ש ט ע ר מ ע נ ט ש

מיט מיר!

צ וו ײ ט ע ר מ ע נ ט ש

מיט מיר!

ד ר י ט ע ר מ ע נ ט ש

מיט מיר!

פֿ ע ר ט ע ר מ ע נ ט ש

מיט מיר!

ב ע ט ל ע ר

שטעלט זיך אָפּ אויף אײער אָרט
און צעשײדט זיך נישט פֿון דאָרט.

דער עולם ומלואה
האָט קיין גבול...
נישטאָ מזרח.
נישטאָ מערב.
נישטאָ צפון.
נישטאָ דרום.
אומעטום אין דעם רוים
איז דאָ דער בוים...
און ס׳איז דער תּכלית דאָרט,
וואו ס׳איז נישטאָ קיין אָרט...

די מענטשן קומען זיך צוזאמען און בלייבן שטיין

בעטלער

צו דעמדאָזיקן בוים קאָן קיין מענטש נישט צוקומען, סיידן ער האָט די מידות פון דעם בוים...

ערשטער מענטש

וואָס פאַר אַ מידות?

בעטלער

דאָס ערשטע איז אמונה...

ערשטער מענטש

די אמונה איז שוואַך ביי מיר.
איך ווער אין ספקות געוואָרפן...
מיין שכל האָט
אַ גבול,
אַן אָנהייב
און אַ סוף; — —
קאָן איך צו דעם אין־סוף
נישט קומען
און בלייב ביים סוף...

בעטלער

ווי אַזוי קאָנסטו גיין אויף אַ דרך,
ווען די ביסט אין ספק,
אויב דאָס איז דער דרך...
האָסטו נישט קיין אמונה אין זיך אַליין...
און גוטס גידערט
אין תהום פון שלעכטס...
ביסט ווי אַ שכור אין דיינע מעשים: —
שאָקלסט זיך אַהין
און שאָקלסט זיך אַהער...
אין דיין געיעג
צום סוף
מאַכסטו זיך און אַנדערע חרוב...
דו רויבסט,
דו מאָרדסט,
דו זעטיקסט זיך מיט בלוט
און אין בלוט
קומסטו אום...
אַ פגירה פון אַ גוף
און נישט מער...
דער אין־סוף אָבער
ווינקט צו אונז...
די שפע פון גאָט
פליסט צו אונז...
פון אונזער „אַין"
ווערט אַ „יש"...
די חשכות פון האַרץ
ווערט מיט אַ שיין פאַרפלייצט...
אין אונזער נשמה
גייט אויף אַ זון...
אַ שמחה ביי דער בריאה...

שירה זינגט דאָס לעבן...
און מיר זינגען מיט...
און מיר טאַנצן מיט...
און זינגענדיק
טאַנצן מיר
אין דעם אין־סוף אַריין...
ווי פון דער זון די שפע,
וואָס טאַנצט אין אירע שטראַלן
אין דעם חלל פון דעם אויר...

צווייטער מענטש

וואָס נאָך פאַר אַ מידה?

בעטלער

יראה...

צווייטער מענטש

איך האָב פאַר קיין זאַך קיין מורא נישט,
אָבער מיין מורא וואַרף איך
אויף אַנדערע...
די ברואים ציטערן פאַר מיר...
זיי אַנטלויפן
אין די נאָרעס זייערע,
ווען זיי דערזעען
מיין שפרינגענדיקן שאָטן...

בעטלער

אָן מורא
גייט דאָס לעבן אונטער...
מורא
איז דער שומר פון דעם לעבן...
ווען אויף אַנדערע
דו וואַרפסט דיין מורא,

היטסטו אַנדערע
און נישט זיך...
און דיין נפש ווערט פאַרביי...
מיט דער מורא
פאַר זיך אַליין
ביסטו זיך מדבק מיט אהבה
און מיט תענוגים אַלערליי
אין דעם רצון פון דער בריאה...
ווי ס'איז באַהעפט
דער פלאַם אין ליכט...
ס'ווערט בטל דיין נשמה
אין דער מחשבה פון דעם בורא...
אַזוי ווי די שטראַלן
אין דעם גוף פון דער זון...

ד ר י ט ע ר מ ע נ ט ש

און וואָס נאָך פאַר אַ מידה?

ב ע ט ל ע ר

עניוות...

מ ע נ ט ש

איך בין גאוההדיק,
דומם,
צומח,
חי,
זענען געשאַפן
נאָר מיך צו באַדינען...
איך בין די השלמה
פון דער בריאה...

ב ע ט ל ע ר

ווי קענסטו זיין גאוההדיק,
ווען דו באַטרעפסט

אפילו נישט דעם מינדסטן חלק
פון דער קלענסטער רגע
אין דער בריאה?
ביסט קליין און נישטיק
קעגן דעם גאַנצן מין
פון מדבר...
קליין איז דער מדבר
קעגן דעם גלגל פון דער ערד;
נישטיק איז די ערד
קעגן דעם גלגל-העליון;
ווינציקער פון גאָרנישט
איז דאָס אַלץ
קעגן דער כוונה פון דער וועלט...
דער נפש אָבער דערהויבן ווערט
נאָר דורך שפלות...
ס'ווערט דער מענטש
אַ קנעכט אין דער בריאה
מיט אַלע ברואים אינאיינעם...
זיינע מעשים און מחשבות
זענען זיך מיחד...
און ס'ווערט דער נגלה
דער אַנטפּלעקטער רצון
פון דעם נסתר...

מ ע נ ט ש ן

וואָס זאָלן מיר טון?

ב ע ט ל ע ר

דערגרייכט דידאָזיקע דריי מידות
וועט איר ראוי זיין
צו קומען צום בוים...

מ ע נ ט ש ן

מסכים...

ב ע ט ל ע ר

דען האָט איך זיי שוין דערגרייכט...
לאָמיר גיין.

זיי גייען

ע ר ש ט ע ר מ ע נ ט ש

אָט איז דער בוים...

צ ו ו י י ט ע ר מ ע נ ט ש

דער בוים שטייט גאָר אויף קיין אָרט נישט...

ד ר י ט ע ר מ ע נ ט ש

ווען מיר קומען צום אָרט,
איז דער בוים ווייטער פון אונז...

ב ע ט ל ע ר

איך בין דער,
וואָס קאָן אייך ברענגען צום בוים,
ווייל דער בוים איז העכער פון אָרט...
איך בין דער סוף פון אָרט...
וואָס העכער פון דאָרט,
איז נישטאָ קיין אָרט...
מיין בחינה פון „מעוט המחזיק את המרובה“, איז די העכסטע...
דאָרט.
אָט דאָרט,
וואָס איז העכער
פון אָרט,
פלייצט אַ ים פון ליכט
און ס'בלענדט נישט דאָס אויג...
ס'ווערן די חושים געלייטערט...

פֿײַן — די נשמה...
קלאָר — דער שכל...
ליכטיק — די השגה...
ס׳עפֿנט זיך דאָרט
פֿון אהבה — דאָס טויער...
פֿון מחשבה — דער אָנהייב...
פֿון אין־סוף — דער מקור...
וואָס פֿלייצט
צום סוף פֿון מעשה...
און פֿון סוף צום אין־סוף צוריק...

בעטלער נעמט זיי צונויף און שטעלט זיך פֿאָרויס

ב ע ט ל ע ר

איך בין דער אָנהייב,
העכער פֿון אָרט...

ערשטער מענטש מאַכט דעם ערשטן טריט צום בוים

ב ע ט ל ע ר

אמונה.

צווייטער מענטש מאַכט דעם צווייטן טריט צום בוים

ב ע ט ל ע ר

יראה.

דריטער מענטש מאַכט דעם דריטן טריט צום בוים

ב ע ט ל ע ר

עניוות.

זיי גייען אַלע צוזאַמען אונטער דער הנהגה פֿון דעם בעטלער

אַ ל ע

זינגען

צו דעם בוים!
צו דעם בוים!

העכער איבער רוים...
צו יענער זייט
פון דעם סוף...
גייען מיר ארויף!...
ארויף! ארויף! ארויף!
ארויף!...

ב ע ט ל ע ר

און דער גוף פון דעם בוים איז
אמת.

א ל ע

אמת!...
אמת!...
אמת!..

פארוואנדלונג. דער רבי קלאפט אויס די ליולקע. ר׳ נתן איז פארטיפט אין דעם שרייבן. דער זעלבער סדר ווי פריער.

ר ב י נ ח מ ן

און דער הארבאטער בעטלער האט געזאגט צו חתן-כלה: נמצא,
אז איך האב אן הסכמה, אז איך האב
די העכסטע בחינה פון „מועט המחזיק את המרובה".
און איצט גיב איך אייך אוועק דאסדאזיקע במתנה, דרשה-
געשאנק...
איז דארט געווארן א גרויסע חדוה.

ר ב י נ ח מ ן

קוקט אריין אין כתב-יד פון ר׳ נתן, וועלכער פארענדיקט שרייבן

חדוה איז דאס לעצטע ווארט פון מיין שרייבן, נתן.

נ ת ן

כאפט זיך אויף מיט אימה

רביניו!

ח ס י ד י ם

ציען זיך צו אים

רביניו !

ר ב י   נ ח מ ן

הייבט זיך אויף פון ערד

חדוה, נתן,
איז אַ העכערע מדרגה פון צער,
חדוה מתוך מרה־שחורה...
חדוה !...
חדוה !...

קומט צו צו ר׳ נפתלין און אַדלען און קושט דאָס קינד

ר ב י   נ ח מ ן

חדוה מתוך אמונה !...

קושט אַדלען און זאָגט

חדוה מתוך עניוות !...

ר׳ נ ת ן

אַנטווייזנדיק צו די חסידים אויף רבי נחמנען

א מ ת !...

רבי נחמן נעמט דאָס קינד אויף די הענט

ר ב י   נ ח מ ן

צום עולם

און נאָך היינט אויף דער נאַכט וועלן מיר די חופה שטעלן און מיר וועלן הערן די מעשה פון דעם זעקסטן טאָג. אָבער צוערשט וועלן חתן־כלה גיין זייער מצווה־טאַנץ... זינגט עולם : „לכה דודי לקראת כלה“...

ע ו ל ם

זינגט

„לכה דודי לקראת כלה“...

ס׳טאַנצט ארויס אין דער מיט ר׳ נפתלי, דער רבי גיט אים דעם עק פון זיין פאַטשיילע

ר ב י נ ח מ ן

זינגט

בואי כלה...

בואי כלה...

ס'טאנצט ארויס אין דער מיט אַדעל. דער רבי גיט איר דעם צווייטן עק פון דער פאטשיילע. זיי טאנצן ביידע

ר ב י נ ח מ ן

„סוף מעשה במחשבה תחלה"...

ע ו ל ם

בואי כלה...

בואי כלה...

פ אָ ר ה א נ ג

ד אָ ס ז י ב ע ט ע ח ל ק

דער בעטלער אָן הענט

אין זעלבן אָוונט ווי אין לעצטן חלק. אין גרויסן חדר. פיר יונגע חסידים האַלטן אַ חופּה. אַדעל און ר׳ נפתלי שטייען אין דער מיט. רבי נחמן און ר׳ נתן שטייען צו דעם מזרח אונטער דער חופּה. ר׳ נתן פאַרענדיקט די חופּה־ברכות

ר׳ נ ת ן

קול ששון וקול שמחה. קול חתן וקול כלה. ק״ל מצהלות התנים מחפּתם ונערים ממשתה נגינתם. ברוך אתה ה׳ משמח החתן עם הכלה.

ר ב י נ ח מ ן

און אָט אַזוי איז די מעשה פון דעם זעקסטן טאָג.

פאַרוואַנדלונג. גרוב. חתן־כלה. בעטלער. שפּיל און געזאַנג

כ ל ה

וואו נעמט מען דאָ דעם בעטלער, וואָס איז אָן הענט?

ח ת ן

זען נישט ער, וואָלטן מיר דאָך אויפן זעקסטן טאָג געווען אומגעקו-מען אין וואַלד.

ב ײ ד ע

רופן

בעטלער אָן הענט, קום צו אונז!
פריי זיך אויף אונזער שמחה!

ס׳קומט אָן דער בעטלער אָן הענט מיט זײַנע טאָרבעס

ב ע ט ל ע ר

איך בין דאָ.
געקומען בין איך צו אײַך
אויף אײַער חתונה זיך פרייען.

ער האַלדזט זיי און קושט זיי

ח ת ן - כ ל ה

טאַנצן אַרום אים און זינגען

בעטלער אָן הענט, גוטער מענטש,
האָסט געגעבן אונז דײַן ברויט.
בעטלער אָן הענט, גוטער מענטש,
האָסט אונז געראַטעוועט פון טויט.

ב ע ט ל ע ר

פריער האָב איך אײַך געבענטשט איר זאָלט זײַן אַזוי ווי איך.
הײַנט שענק איך אײַך דאָס דרשה-געשאַנק...

כ ל ה

מיט שפּאַס

טאַקע?

ב ע ט ל ע ר

יאָ, יאָ.

כ ל ה

ווי אַזוי וועל איך צוואָגן מיין קינדעלע?

ח ת ן

ווי אַזוי וועל איך גלעטן מיין כלהלע?

ב יי ד ע

צום בעטלער

מוחל, מוחל די מתנה, גוטער מענטש.
מיר ווילן כוח אין די הענט.

ב ע ט ל ע ר

איר מיינט דאָך, איך בין אַ קאַליקע אויף די הענט.

פּאַטשט מיט זיינע ליידיקע ארבל

איך האָב יאָ כוח אין די הענט.

ציט ארויס זיינע הענט

נאָר איך באַנוץ מיך נישט מיטן כוח פון מיינע הענט אין דער וועלט.
די כוחות אין מיר הייבן זיך נישט אָן מיטן פאַררייס פון די הענט
און ענדיקן זיך נישט מיט זייער אראָפּלאָז...
און איך האָב אַ הסכמה דערויף פון דעם וואַסערדיקן שלאָס.

זעצט זיך צווישן זיי און טוליעט זיי צו זיך

וואָרים אַמאָל זענען מיר געזעסן אינאיינעם עטלעכע מענטשן,
האָט זיך איטלעכער באַרימט מיטן כוח, וואָס ער האָט אין זיינע הענט,
איינער האָט זיך באַרימט, אַז ווען ער שיסט אויס אַ פייל, קאָן ער זי צוריקציען.
האָב איך אים געפרעגט:
וואָס פאַר אַ פייל קאָנסטו צוריקציען?
ס'זענען דאָך פאַראַן צענערליי מינים פיילן און צענערליי מינים סמען.

באַשמירט מען די פּייל מיט דעם סם, איז זי אַזוי מזיק.
באַשמירט מען זי מיט אַן אַנדער סם, איז זי מער מזיק.
האָט יענער געענטפערט:
„די און די פייל".
האָב איך געזאָגט:
וויבאַלד דו קאָנסט נישט צוריקציען נאָר איין פייל, קאָנסטו נישט היילן די בת-מלכּה.
אַ צווייטער האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט כּוח אין די הענט אויפצוּעפענען די ריגלען פון די תּפיסות מיט אַ ריר פון זיינע פינגער.
האָב איך אים געפרעגט:
וואָסערע תּפיסות?
וואָרים ס'זענען פאַראַן תּפיסות און ריגלען פון צען מינים.
האָט ער געזאָגט:
„יענעם און יענעם מין".
האָב איך געזאָגט:
אויב אַזוי, קאָנסטו נישט היילן די בת-מלכּה.
וואָרים דו קאָנסט נישט דורכגיין די צען מויערן, וואָס רינגלען אַרום איר וואָסערדיקן שלאָס.
אַ דריטער האָט זיך באַרימט:
„איך קאָן אַריינגעבן חכמה אין יעדן מענטש, אויף וועמען איך לעג אָן מיינע הענט".
האָב איך אים געפרעגט:
וואָס פאַר אַ חכמה?
האָט ער געענטפערט:
„די און די חכמה".
האָב איך אים געזאָגט:
אויב אַזוי, קאָנסטו נישט היילן די בת-מלכּה.
וואָרים דו קאָנסט נאָר איר דופק נישט וויסן.
דו קאָנסט נאָר איין דופק וויסן, אָבער ס'זענען פאַראַן צען דופקען.
אַ פערטער האָט זיך באַרימט:

„איך האָב אַזאַ כּוח אין מיינע הענט, אַז איך קאָן מיט זיי פאַר־האַלטן אַ שטורעמווינט״.
האָב איך אים געפרעגט:
וואָס פאַר אַ ווינט?
ס׳זענען דאָך פאַראַן צענערליי ווינטן,
און יעדער ווינט אויף זיין שטייגער שפּילט,
האָט ער געענטפערט:
„דעם און דעם ווינט״.
האָב איך געזאָגט:
אויב אַזוי, קאָנסטו נישט היילן די בת־מלכּה,
וואָרים דו קאָנסט שפּילן פאַר איר נאָר איין ניגון פון די צענערליי־ניגונים, וואָס נעמען דורך די צענערליי ווינטן.
האָבן זיי זיך אָנגערופן:
„וואָס קאָנסטו״?
האָב איך געענטפערט:
וואָס איר קאָנט נישט.
היינו,
די ניין חלקים פון אַלץ...
און פון דערדאָזיקער בת־מלכּה וועל איך אייך אַ מעשה דערציילן.

פאַרוואַנדלונג. א וואַסערדיקער שלאָס. אין אים זענען פאַראַן צען טויערן, איינס אין דעם אַנדערן. די אַלע טויערן זענען פון וואַסער. די ערד אין דעם שלאָס איז אויך פון וואַסער. ס׳זענען דאָרט פאַראַן ביימער און פּירות פון וואַסער. אַרום דעם שלאָס גייט אַרום אַן איבערגעשראָקענע די בת־מלכּה. זי איז אָנגעטון אין אַ דינעם דורכזיכטיקן וואַסער־קאָליר־וואוּאַל. ס׳באַווייזט זיך דער בעטלער, וואָס אָן הענט

ב ע ט ל ע ר

רופט

בת־מלכּה! בת־מלכּה!

בת־מלכה

ווער רופט מיך ?

בעטלער

דער בעטלער, וואָס אָן הענט.

מיט אַ וואַרנונג

זע.
איך האָב פאַר דיר געגעבן
דאָס לעבן און דעם טויט !...

בת־מלכה

וואָס איז לעבן און וואָס איז טויט ?...

בעטלער

דער טויט פון צדיקים און דאָס לעבן פון רשעים...

בת־מלכה

מיין אהבה צום מלך איז קאַליע געוואָרן.
ער איז מיך חושד, אַז איך וויל אים הרגענען.
ס׳האָט זיך אים אַזאַ חלום געחלומט.
בין איך אַנטלאָפן פון אים.
און ער יאָגט מיך נאָך.

בעטלער

דער מלך איז אַ רשע.
מיין שונא איז זיין פותר־חלום געוואָרן...
ער באַרויבט מדינות און זעטיקט זיך מיטן בלוט פון מענטשן.
ער איז אַ קנעכט פון תאווה...
ער וויל אין דיר זיין תאווה שטילן
און דעם גבול פון צדקות גריזשען...
ער וויל זיך מטהר זיין אין דיר...
און דיך מטמא זיין אין זיך...
ער וויל דיך זעצן אויף אַ שטול,
געמאַכט פון ביינער פון די קדושים...

ער וויל דיך הילן אין אַ מאַנטיע,
געפאַרבט אין בלוט
פון דער לעצטער גסיסה
פון אַ זקן...
ער וויל אַ קרוין אויף דיר זעצן,
וואָס פאַרגליווערט איז אין איר
דער לעצטער קוק
פון אַ געשאָכטן קינד...

בת־מלכה שוידערט

ב ע ט ל ע ר

דו שוידערסט.

ב ת ־ מ ל כ ה

פון די פורעניותן אין תענוגים...

ב ע ט ל ע ר

דעם שוידער האָב איך
אין דיר אריינגעגעבן...

ב ת ־ מ ל כ ה

וואָס זאָל איך טון ?

ב ע ט ל ע ר

קאָנסטו פאַרטראָגן מיתה־ווייטיק ?...

ב ת ־ מ ל כ ה

וויי, וויי.
איך בין דאָך דערצויגן
אויף תענוגים אַלערליי...

ב ע ט ל ע ר

וועל איך צומישן
דיין ווייטיק מיט אַ תענוג...

ס׳דערהערט זיך א גערויש פון חיילות און דאָס בלאָזן פון
האָרנס. שפּיקעס לויפן ביי די זייטן און זעען אויס דעם פּלאַץ.
ס׳קומט אָן דער מלך מיט זיין פותר־חלום. א שפּיק קומט
צו לויפן און שטעלט זיך אויף די קניען פאר דעם מלך

ש פּ י ק

אדוני מלך!
אָט דאָרט איז די בת־מלכּה.

ווייזט אָן אויף דער זייט, וואו די בת־מלכּה גייט ארום

ב ע ט ל ע ר

צו דער בת־מלכּה

גרייט זיך צו די ווייטיקן...

ב ת ־ מ ל כּ ה

איך בין גרייט...

בעטלער הייבט אָן אוועקצוגיין

ב ת ־ מ ל כּ ה

צום בעטלער

פאַרלאָז מיך נישט...

ב ע ט ל ע ר

פונדערווייטנס

איך בין אין דיר...

פּ ו ת ר ־ ח ל ו ם:

צום מלך

דיין חלום וועט ווערן מקויים...
זי וועט דיך נאָר פּלאָגן
און דיין תאווה נישט שטילן...
אין דיין האַרץ וועט זי טרויער גיסן
און אָפּשלאָפן
וועט זי דיין גבורה...
די קליפּה, וואָס האָט

דיינע פיילן געטראָגן,
מיט סם זיי באַשמירט,
וועט זיך אָפּטון פון דיר...
זי וועט אַרויסרייסן פון דיר
דעם כּוח פון מעשה...
און נישט אַרייַנגעבן אין דיר
דעם כּוח פון מחשבה...
זי וועט אויפשטיין אויף דיר
און הרגענען דיך...
זי וועט אָנקומען צו אַן אַנדערן,
צו וועמען איר נשמה גייט אויס...
די מדינות וואָס דו האָסט גערויבט,
וועט זי אָפּגעבן, צו דיינע שונאים צוריק...
דיינע קנעכט וועט זי לאָזן פריי...
אהבא און רחמים וועט זי פאַרשפּרייטן
אין דער גאַרער וועלט
און דעם כּוח פון נצחון
וועט זי טויטן...

מ ל ך

טאָ וואָס זאָל איך טון?

פּ ו ת ר - ח ל ו ם

הרגע זי.

נעמט אַרויס צען פיילן פון אַ שייד

אָט דאָ האָסטו, אדוני מלך

קוקט פאַר אים מיט אַ גרימאַסע פון חוזק

די צען פיילן.
איטלעכע פון זיי איז מיט אַן אַנדערן סם באַשמירט,
איינער פון פריערדיקן ערגער,
צו קאָנען מערער מזיק זיין...

מלך וויל נעמען די פיילן. ס'דערשיינט דער בעטלער, וואָס אַן
הענט. דער מלך הייבט אָן צו ציטערן

ב ע ט ל ע ר

צום מלך

דו ציטערסט...

מ ל ך

ווער ביסטו ?

ב ע ט ל ע ר

אַ בעטלער אָן הענט, וואָס וויל ווערן דער שר פון דיינע חיילות...

פ ו ת ר - ח ל ו ם

חחחחחח!!!... ער איז אַ משוגענער... אָדער גאָר אַ מורד-במלכות...

ב ע ט ל ע ר

מיין מאַכט איז נישט מיט די הענט...

מ ל ך

איך וויל די בת-מלכה צוריק.

רופט צו איר

קום צו מיר, בת-מלכה!
ס'ווערט מיין האַרץ פאַרברענט!

ב ת - מ ל כ ה

דו ברענסט מיט תאווה.

ב ע ט ל ע ר

צום מלך

זי וויל אהבה...

פ ו ת ר - ח ל ו ם

זי איז פאַרקאַכעט אין אַן אַנדערן.

מ ל ך

צו דער בת-מלכה

אַ פּערלנעם שלאָס

װעל איך דיר בויען
א־יף א באַרג
א גילדענעם.

ב ת ־ מ ל כ ה

װעל איך זיין אין אים
געפאַנגען...

מ ל ך

איך װעל פאַר דיר
באַזיגן פעלקער.

ב ת ־ מ ל כ ה

װעל איך יאָמערן און װיינען...

מ ל ך

מיינע שונאים װעל איך טויטן
פאַר דעם יום־טוב. װאָס איך װעל
פאַר דיר גרייטן.

ב ת ־ מ ל כ ה

װעל איך שטורעמען דעם הימל.
זיך װאַרפן אין די תהומען...

מ ל ך

װעל איך טויטן זיך אליין.

ב ע ט ל ע ר

צום מלך

אויב נישט קאַליע איז דיין אהבה,
טו דאָס !...

פ ו ת ר ־ ח ל ו ם:

טו דאָס נישט !
דו ביסט שטאַרק און מעכטיק,

דו ביסט גרויס און פּאַרכטיק.
יפת־תוארס וועלן צו דיר קומען,
זיין פלגשים דיינע...
צעבלאָזן וועלן זיי די פונקען
פון דיין תאווה...
וועסט זיך גראָבן אין זייערע לייבער,
זיך גרונטעוועז
צום הנאה־קוואַל...

ב ע ט ל ע ר

ליב באַקומען
וועט זי דיך ערשט,
ווען דו וועסט
אליין זיך טויטן...

מ ל ך

איך בין שוואַך ווי אַ קנעכט,
קאָן אליין זיך נישט טויטן...

פ ו ת ר ־ ח ל ו ם

צום בעטלער

דער נצחון איז מיט מיר...

בעטלער פארשווינדט

מ ל ך

צום פּותר־חלום

אהער די פיילן!

פּותר־חלום גיט אים די פיילן. ער צילט אויף דער בת־מלכה און שיסט אויס אין איר. זי רופט אויס: גאָט, גאָט, האַר פון די וועלטן! זי לויפט צריין אין שלאָס. אין יעדן טויער, וואָס זי לויפט דורך, ווערט זי געטראָפן פון אן אנדערער פייל. ווען זי לויפט צריין אין דעם צענטן טויער, פאלט זי אין חלשות. דער מלך מיט די חיילות לויפן איר נאָך און ווערן דערטרונקען. ס׳בלייבן פנים־אל־פנים דער בעטלער און דער פּותר־חלום

פותר-חלום

צום בעטלער

דער נצחון איז מיט דיר...

בעטלער

דער נצחון איז נישט מיר,
כל-זמן דו ביסט דאָ אין דער וועלט...

פותר-חלום

אייביק וועל איך בלייבן...
דעם מענטש וועל איך טרייבן
צו מאַכט איבער דעם מענטשן,
כאָטש ער איז גאָר נישטיק,
ווי יעדע ברואה אין דער בריאה

בעטלער

אייביק וועל איך זיך שטעלן קעגן,
ווען דו וועסט זיך גאָר דערוועגן
מיט דיינע פיילן צו פאַרסמען
אַ ריין נפש...

בעטלער לאָזט זיך גיין

פותר-חלום

וואוהין?

בעטלער

די בת-מלכה צו היילן...

פותר-חלום

טויט
איז אַ פאַרסמט נפש...

בעטלער

דעם סם-מוות קער איך אום

אין סס-חיים...
אויף, ס'שטייט, צו תחית-המתים
דאָס פאַרסמטע נפש...

בעטלער מאַכט א טריט ווייטער צום שלאָס

פ ו ת ר - ח ל ו ם

גיי נישט...

ב ע ט ל ע ר

איך גיי...

פותר-חלום וויל אים פארהאַלטן. ס'ווערט צוויש; זיי א געראַנגל

פ ו ת ר - ח ל ו ם

רופט:

צו הילף, צו מיר,
איר אַלע מושלים און אכזרים,
אַלע שדים, אַלע רוחות,
אַלע לצים און נישט-גוטע,
אַלע חונפים, אַלע מוסרים,
אַלע קטרגים און שקרנים,
אַלע צבועים און גנבים,
אַלע בייניקער און רוצחים;
די גאַנצע זרע-טמא
פון דער סטרא-אחרא;
קומט אַרויס!
קומט אַרויס!
פון די אַלע ניין און פערציק טויערן
פון טומאה!...

ס'קומען אָן מיט א געפילדער מחנות שדים אין די געשטאַלטן פון די פאַרשיידענע אכזרים, מלכים און מושלים מיט זייערע קנעכט. זיי זענען אָנגעטון אין פאַנצערס און טראָגן פיקעס. די קנעכט בוקן זיך פאַר זיי, מאַכן מיאוסע בײמאַסן און שלאָגן זיך ארום איינער מיטן אַנדערן.

פותר־חלום

הגותן תשועה למלכים וממשלה לנסיכים! — — — — — !

בעטלער

רופט

צו הילף, צו מיר,
מלאכים פון רחמים,
מלאכים פון שלום,
מלאכים פון קדושה;
איר אלע, בני־עליון,
אביונים און קבצנים,
געיאָגטע און געפּלאָגטע,
גענאַרטע און גערויבטע;
איר אלע, הרוגי־מלכות,
פון די פיר מיתות בית־דין:
סקילה,
שרפה,
הרג,
חנק.
מיט גופים פאַרברענטע,
מיט צונגער אויסגעריסענע,
מיט אויגן אויסגעשטאָכענע,
מיט הענט אָפּגעהאַקטע;
— — — איר אלע בעלי־מומים,
צדיקים און תמימים — — — —
קומט אלע פון די צען קדושות אַרויס!...

ס'קומט אָן אַ גרויסע עדה מיט קאַליקעס, צעקיילטע און צעבײלטע, אײנגעדאַרטע און אײנגעקנאַרטע, מיט אויסגעשטאָכענע אויגן און אָפּגעהאַקטע הענט

בעטלער

אל מלא רחמים, שוכן במרומים! — —

פ ו ת ר - ח ל ו ם

מיר האָבן זיי דאָך דערהרגעט...

ב ע ט ל ע ר

זיי ווערן דערהרגעט אין יעדער דור
און שטייען תחית-המתים אויף
די אכזרים צו שרעקן...

ס'ווערט א בהלה. די אכזרים באַפאַלן די קדושים און פייניקן זיי

ב ע ט ל ע ר

ענגו ה' !
ענגו !
ענטפער גאָט !
פאַר דעם בלוט פאַרגאָסענעם
פון די אָרעמע דיינע,
זאָלסטו נישט שווייגן !...
פאַר די אויגן דיינע
זייער בלוט
זאָל רינען שטענדיק...
אין דיין לבוש
זיין אויסגעקריצט
זאָל דאָס געשטאַלט
פון די גופים אַלע,
וואָס אומגעקומען זענען
אויף קידוש-השם !...

ענגו ה' !
ענגו !

ס'ברעכט אויס א יללה פון די קדושים. זיי שרעקן די אכזרים און פאַריאָגן זיי

פ ו ת ר - ח ל ו ם

דער נצחון איז מיט דיר !...

פאַרשווינדט

ב ע ט ל ע ר

קומט אריין אין ערשטן טויער און רופט אויס

דערמאָן מיך צום לעבן! —
דו ביסט דאָך דער מלך,
וואָס גהערט צו דעם לעבן;
פאַר דיר נאָר, אוי גאָט,
איז ווערט דאָך צו לעבן...

ער גייט דורך אלע טויערן, ביז ער קומט אריין אין צענטן. ער בייגט אראָפּ דעם קאָפּ און רופט אויס

קדוש!... קדוש!... קדוש!...

ער זעצט זיך אוועק לעבן דער בת-מלכה, לייגט ארויף איר קאָפּ אויף זיין שויס, גלעט זי, קושט זי און זינגט

טראַ—לאַ!
טראַ—לאַ—לאַ!

ס'ווערט אויסגעשפּילט אַ שירה פון צען נגונים

ב ע ט ל ע ר

איך טויט דעם טויט אָפּ
פון דעם לעבן
און ציי ארויס די פייל פון
מלכות...

בת-מלכה עפנט די אויגן

ב ת - מ ל כ ה

צו תחית-המתים שטיי איך אויף!...

ב ע ט ל ע ר

פון דיין לייב
די וואונדן קוש איך
און ציי ארויס די פייל פון
יסוד...

ב ת - מ ל כ ה

קושן היילן מיינע וואונדן...

ב ע ט ל ע ר

איך טו אָפּ דעם חושך
פון די אויגן דיינע
און צי אַרויס די פייל פון
הוד...

ב ת - מ ל כ ה

שיינען מיינע אויגן אויף !...

ב ע ט ל ע ר

איך עפן אויף אין דיר
דעם קוואַל פון אהבה
און צי אַרויס די פייל פון
נצח...

ב ת - מ ל כ ה

קוועלט אַרויס פון מיר אהבה...

ב ע ט ל ע ר

איך בין מטהר דיין מחשבה
מיט הרהורים פון קדושה
און צי אַרויס די פייל פון
תפארת...

ב ת - מ ל כ ה

מיין מחשבה איז אין טהרה...

ב ע ט ל ע ר

איך פיל אָן דיין הארץ מיט כוח,
עול פון לעבן קאָנען טראָגן
און צי אַרויס די פייל פון
גבורה...

ב ת - מ ל כ ה

טראָג איך גרינג דעם עול פון לעבן...

ב ע ט ל ע ר

אין דיין האַרץ איך טריף רחמנות
אויפן צער פון דעם לעבן
און צי אַרויס די פייל פון
חסד...

ב ת - מ ל כ ה

טריפט רחמנות פון מיין האַרץ...

ב ע ט ל ע ר

מיט דעם שכל קלייד איך אָן
דיין הוילן רעיון
און צי אַרויס די פייל פון
בינה...

ב ת - מ ל כ ה

מיט שכל קליידט זיך אָן מיין רעיון...

ב ע ט ל ע ר

איך בין מיחד דיין נשמה
אין אַ זיווג מיט דיין מוח
און צי אַרויס די פייל פון
חכמה...

ב ת - מ ל כ ה

ציט מיין נשמה זיך פון מוח...

ב ע ט ל ע ר

איך בין דיך מצמצם
אין דיין רצון
און צי אַרויס די פייל פון
כתר...

בת-מלכה

בין איך דער צמצום פון מיין

בעטלער און בת-מלכה

טראַ—לאַ—לאַ
טראַ—לאַ—לאַ.
צען ניגונים זינגען מיר,
מיט צען ניגונים היילן מיר...
טראַ—לאַ—לאַ
טראַ—לאַ—לאַ.

פארוואנדלונג. אלע שטייען אונטער דער חופּה אין דעם פריערדיקן סדר.

רבי נחמן

און ווען דער בעטלער, וואָס איז אָן הענט,
האָט זיין מעשה צו די חתן-כּלה דערציילט,
האָט ער צו זיי געזאָגט:
נמצא,
אַז איך האָב אַזאַ כּוח אין מיינע הענט, וואָס
איך קאָן היילן די בת-מלכה דורך אַלערליי צען
מינים נגינה...
און בכן שענק איך אייך דאָס דרשה-געשאַנק,
אַז איר זאָלט זיין אַזוי ווי איך...
איז דאָרט אַ גרויסע שמחה געוואָרן.

צו די קלעזמער

לכּבוד חתן-כּלה
שפּילט איצט אויף
יענעם הויכן ניגון,
וואָס איז כּולל אין זיין קול
אַלע צען ניגונים...

קלעזמער שפּילן

ר ב י נ ח מ ן

נאָכדעם ווי די קלעזמער האָבן אָפּגעשפּילט

אוּן דער גמר פוּן דער מעשה,
הייגו,
דאָס, וואָס ס'איז געווען אין דעם זיבעטן טאָג,
הייני,
דעם ענין פוּן דעם בעטלער, וואָס איז געווען אָן פיס,
וועלן מיר נישט זוכה זיין צו הערן,
ביז משיח וועט קומען במהרה בימינו,
אמן.

פּ אָ ר ה א נ ג